STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09438

FUN DER TIEFENISH FUN HARTS

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער דענקער — א. ראדין

פון דער טיעפעניש פון הארצן

א בוך פון לײדען און קאמפף

רעדאקטירט פון ב. װלאדעק, מיט דער נאהנטער מיטארבײ־
טערשאפט פון ק. טעפער און לעאן סאװיטש. צײכנונגען פון
ט. ראסקין. פערלאג מילער און היללמאן, ניו יארק, 1917.

FROM HEART'S DEPHT

a book of suffering and struggle

Edited by B. VLADECK

with the co-operaticn of K. Tepper and Leon Savage.
Drawings by S. Raskin

Published by
Miller & Hillman
211 Centre Street, New York

ארים לעבט פון ווייזהייט.

די אַלע, וועלכע ווילען פערלעשען דעם אמת פון מענשליכען פער־שטאַנד, דערגרייכען פונקט דעם היפוך: זיי צובלאָזען נאָך שטאַרקער דעם פייער, די פונקען פליהען אין פערשיעדענע ריכטונגען און צינדען אָן אַלץ וואָס וואָלט אַזוי געבליבען אויסער'ן בראַנד.

געטהע.

געמיינשאַפטליכע הילף

פון פעטער קראָפּאָטקין.

געבאָרען 1842. בעריהמטער רעוואָלוציאָנער, אַנאַרכיסט און ווי־סענשאַפטסמאַן.

ווען מיר בעטראַכטען די חיות — ניט אין לאַבאָראַטאָריום און מוזעאומס, נאָר אין וואלד און אין פעלד, אין די בערג און אין די סטעפּעס, דאַן בעמערקען מיר גלייך אַ גרויסע מלחמה פון פערניכטונג צווישען פערשיעדענע גרופּען און קלאַסען פון טהיערען.

אין דער זעלבער צייט אָבער בעמערקען מיר אויך, בע־שיינפּערליך קלאָר, די געגענזייטיגע שטיצע, די געגענזייטיגע הילפע און די געגענזייטיגע פערטהיידיגונג מיט וועלכע חיות פון דער זעלבער אָבשטאַמונג אָדער פון דעם זעלבען מין טיי־לען זיך איינע מיט די אַנדערע.

געזעליגקייט, חבר'שאַפט, אחדות איז אויך אַזא געזעץ אין נאַטור, ווי דער געגענזייטיגער קאַמפּף. פערשטעהט זיך, אַז ס'וואָלט געווען זעהר שווער אויסצורעכענען אפילו דורכשניטליך, ווי דיעזע צוויי געגענזעצליכע ערשיינונגען זיינען פערהעלט־ניסמעסיג פערטראָטען אין דער נאַטור און וועלכע פון זיי אי־בערשטייגט די אַנדערע.

דאָך אויב מיר וועלען פרעגען די נאַטור: „וועלכע חיות זיינען די פעהיגסטע, די בעסטע, די וואָס הערען ניט אויף זיך צו ראַנגלען און שלאָגען, אָדער די וועלכע שטיצען, העל־פען אויס איינע די אַנדערע?“ — וועלען מיר גלייך איינ־

זעהען, ווי די חיות וועלכע האָבען זייער גאַנצען קיום פון געגענזייטיגע הילפע, זיינען אָהן צווייפעל די בעסטע און די פעהיגסטע. זיי האָבען מעהר שאַנסען צו זיין די זיעגער איי־בער אַנדערע מינים, און זיי עררייכען די העכסטע שטופע אין ענטוויקלונג.

צאָהלרייכע פאַקטען קענען דיענען אַלס בעוויז פאַר דיעזער בעהויפּטונג, נעמליך, אַז געגענזייטיגע הילפע איז אויך אַזא וויכטיגער געזעץ אין לעבען פון חיות, ווי דער פערבּיסענער קאַמפּף.

אָבער אַלס פאַקטאָר פון עוואָלוציאָן איז דער געזעץ פון הילף און אחדות נאָך אַ פיעל גרעסערע בעדייטונג, ווייל ער איז גינסטיג פאַר דער ענטוויקלונג פון אַזוינע זיטען און שטריכען אין דער נאַטור פון אַ חיה, וואָס קענען פערזיכערן און אויפ־האַלטען די עקזיסטענץ פון דעם מין, און אויך ווייל מיט אַ קלענערער פערשוועגדונג פון ענערגיע ברייגגט ער די גרעסטע סומע פון גליק און פערגניגען אין דאָס לעבען פון יעדען יחיד.

פון דאַנטאָן'ס אַ רעדע.

„נאָך ברויט, איז ערציהונג די ערשטע פליכט פון פאָלק".

דיזע ווערטער זיינען אויסגראַווירט אויפ'ן דענקמאָל פון דאַנטאָנ'ען אין פּאַריז אויפ'ן בולוואַר סען־זשערמען צוזאַמען מיט די בעריהמטע ווערטער:

„כדי צו בעזיעגען די שונאים פון דער רעפּובּליק, מוזען מיר זיין דרייסט, דרייסט און אימער דרייסט".

דער חכם און דער קיסר

פון ניזאַמי

(פערסישער פּאָעט — 1200 נאָך כריסטוס).

ס'האָט געלעבט אַ מאָל אַ קיסר, וועלכער האָט אונטערדריקט זיינע אונטערטהאַנען. אַ מסור איז צו איהם געקומען און געזאָגט. „אַ גע־וויסער אַלטער מאַן האָט דיך בשתיקה געזיר־דעלט, דיך אָנגערופען טיראַן, מחבל, גזלן“.

אַז דער קעניג האָט עס אויסגעהערט, האָט ער זיך שרעק־ליך צוקאָכט און זיך געגעבען אַ וואָרט צו טוידטען זיין פער־לוימדער.

ווען דער קיסר האָט געהאַלטען אין מאַכען די פּאַרבעריוי־טונגען צו דער היגריכטונג, איז אַ בחור געקומען צולויפען צו דעם זקן און איהם אָנגעזאָגט פון דער געפאַהר: „הער, אַלטער! — האָט ער געזאָגט — „דער קעניג איז בייז אויף דיר. לעג ניט אָב און געה שוין שטילען זיין גרימצאָרן“. דער זקן האָט רו־היג אויסגעהערט די בעזע בשורה, זיך גע'טובל'ט, אָנגעטהאָן תכריכים און געקומען פאַר די אויגען פון קיסר! ווי נור דער קעניג האָט איהם דערזעהען, האָט ער אַ פּאַטש געגעבען מיט די הענד און מיט בלוט־דורשטיגע אויגען פון נקמה האָט ער אויס־געשריען: „אהאַ! דו ביזט עס?! איך האָב געהערט, אַז דו האָסט אַ לויזען צונג. דו האָסט מיך צוגעגליכען צו אַ בייזען משחית, צו אַ נקמה־דורשטיגען טייוועל?!“ — „איך האָב נאָך ערגער געזאָגט“, האָט אויף דעם געענטפערט דער אַלטער חכם: — „יונגע און אַלטע זיינען אין שטענדיגער סכנה פון דיינע מעשים תעתועים, שטעדט און דערפער זיינען רואינירט פון דיינע בייזוויליגע האַנדלונגען, בענעהם מיט דיין שכל און

זעה איין, אויב דאס איז דער יושר. און דאן מעגסטו מיר ציהען אויף דער תליה. איך האלט איצט א שפיגעל פאר דיר, וואס וועט דיין בייזע געשטאלט, אבער א משוגענער וועסטו זיין, אויב דו וועסט וועלען צוברעכען דעם שפיגעל, כדי עס ניט צוצוזעהן. דער איינציגער וועג דורך וועלכען דו קענסט בעזייטיגען דיינע חסרונות און פעהלערען, איז דורך איבערברעכען זיך אליין..."

דער קעניג האט דאן דערזעהן, וויפיעל אמת ס'ליעגט אין דעם חכם'ס רייד און ווי פערדארבען ער אליין איז אלס הערשער און מענש.. „נעהמט פון אלטען אראב זיינע תכריכים", — האט געזאגט דער קעניג, „טראגט אוועק די קבורה־געוויינען! ברייגנט פאר'ן חכם אריין אן עהרען־מאנטעל און דופטענדע בשמים!

פון דאן אן איז דער קעניג געווארען א גוטער, ברייט־הארציגער און גערעכטער הערשער, וועלכער האט געלעבט מיט זיינע אונטערטהאנען אין ליעבע און פריעדען.

דער מוסר־השכל פון דיעזער מעשה איז, אז מען דארף אהן מורא געהן מיט'ן אמת, וועלכער שיינט, ווי א פערל, און ברייגנט צום זיעג.

וועגען גערעכטיגקייט

אן אלטער אינדישער שפריכווארט.

דער יושר איז אזוי טייער פאר דעם הארץ פון דער נאטור, אז ווען אין דעם לעצטען טאג וואלט אפילו איין אטאם פון אונרעכט געבליבען אויף דער וועלט, — וואלט זיך דער וועלטאל צוזאמענגעצויגען ווי די הויט פון שלאנג, כדי עס פון זיך אראבצוטרייסלען אויף אייביג.

וועגען דער אבשטאמונג פון אונגלייכהייט

פון זשאן זשאק רוסא.

.1712—1778

בעריהמטער פראנצויזישער פילאזאף, דענקער און דיכטער. זיינע אידעען אין די פראגען פון רעכט, קולטור און ערציהונג האבען צוזאמען מיט די אידעען פון וואלטער'ן און מאנטעסקיע געהאט דעם שטארקסטען איינפלוס אויף די מאסען און צוגרייטען די מוחות פאר דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן.

ער ערשטער מענש, וועלכער האט, אבצאמענדיג א שטיקעל ערד, ערקלעהרט די איבריגע מענשען, וועלכע זיינען געווען גענוג נאאיוו איהם צו גלויבען, אז דיזע שטיקעל ערד איז זיינע — אט דער מענש איז געווען דער אמת'ער גרינדער פון דער מאדערנער געזעלשאפט.

פון וויפיעל פערברעכענס, מלחמות און מערדערייען; פון וויפיעל שרעקען און אונגליקען וואלט מען געקענט אבראטעווען די מענשהייט, ווען מען וואלט דאן ארויסגעריסען די סלופעס, אנגעפילט די גראבענס און א געשריי געגעבען צו דיזע אבגענארטע מענשען:

„היט זיך פאר דיזען בעטריעגער! איהר זייט פעראונגליקט אויף אייביג, אויב איהר פערגעסט אויף א ווייל, אז די פרוכט פון דער ערד געהערט צו יעדען און אז די ערד זעלבסט געהערט ניט צו קיינעם."

אוננשטערבליכקייט

פון פראַנציסקאָ פעררער׳ס צוואה

שפּאַנישער ערציהער און ראַדיקאַל, 1859-1909. הינגעריכטעט פון דער רעגיערונג נאָך דעם אויפשטאַנד אין באַרסעלאָנא דורך די אינטריגעס פון די קלעריקאַלען.

אויך ווינש איך, אַז מיינע פריינד זאָלען וואָס וועניגער אָדער — בעסער געזאָגט — אין גאַנצען ניט רעדען וועגען מיר נאָך מיין טויט, מחמת אָבגעטער עקזיסטירען נור דאַן, ווען מען הויבט אויף אַ מענשען ביז׳ן הימעל אריין. און דאָס איז אַ מכה פאר דער צוקונפט פון דער מענשליכער ראַסע. מיר דארפען נעהמען אין אנבעטראכט נור טהאַטען, און אלס אַזעלכע דארפען מיר זיי ערפאָרשען, לויבען אָדער פערליימדען. און זאָל מען אַזעלכע טהאטען הלל זינגען און זאָלען זיי פאר אַנדערע אַ מוסטער זיין, ווען זיי ברענגען נוצען לטובת הכלל. און זאָל מען אַזוינע טהאַטען פערשפּייען און צום שאַנדע סלופּ צופיהרען, ווען זיי ברענגען בייז און שלעכטס פאר דער געזעלשאפט. זאָל דאָס געטהאָן ווערען כדי אַזעלכעס זאָל זיך קיין מאָל ניט ווידערהאָלען.

איך וויל, אַז ביי קיין נאָהענטע און ביי קיין שפּעטערע געלעגענהייטען, ביי קיינע אומשטענדען און צופאַלען זאָלען ניט פאָרקומען קיינע פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע דעמאָנסטראַציאָנען צוליעב מיר, ווייל איך דענק, אַז די צייט, וואָס מען פערלירט מיט די טוידטע, וואָלט געבראַכט מעהר נוצען די לעבעדיגע, פון וועלכע פיעלע נויטיגען זיך אַזוי אין אויסבעסערען די בעדינגונגען פון זייער אָרימער עקזיסטענץ.

פאָרוואָרט צו זיינע דראַמעס

פון בערנאַרד שאָו.

אירישער דראַמאַטורג און קריטיקער. געבאָרען אין 1856 אנערקענט אלס איינער פון די גלענצענדסטע אַדוואָקאַטען פון סאָציאַליזמוס.

מיר זיינען געדאַנקענלאָז און שלעכט, ווען מיר פערוואָרטיילען אזוי אָפט די ענערגישע פּראָ־טעסטאַנטען און די מאָראַלישע קריפּעלס צו די ענוים פון תפיסה אָדער בעליידיגענדע שמיץ.

אָבער דאָס איז גאָר ניט, ווען מיר נעהמען אין אנבעטראַכט די לעבערליכע לייכטזיניגקייט, מיט וועלכע מיר דולדען דעם דלות, אזוי ווי ער וואָלט געווען א רפואה שלמה פאר פוילע און ליידאַקעס אָדער א מצוה פאר צדיקים. זאָל א מענש זיין אָרים אויב ער איז פויל, אָדער שיכור. זאָל ער זיין אָרים אויב ער איז א גראָבער יונג, אויב ער האָט זיך איבערגעגע־בען צו דער שעהנער קונסט אָדער דער ריינער וויסענשאַפט, אנ־שטאָט צו מסחר און ספּעקולאַציע. זאָל ער זיין אָרים, אויב ער גיט אויס זיין פערדיענסט אויף זיין משפחה, אנשטאָט עס אָבצושפּאָרען אויף דער עלטער, זאָל קיין זאַך ניט אָנקומען דעם וואָס האָט נור פערדיענט צו זיין אַן אָרימאַן. זאָל ער בלייבען א קבצן און געבענשט זאָלען זיין אונזערע אביונים! אזוי קומט אויס איז עס פאַרזאָגט און פערבאָטען.

וואָס זשע איז דער פועל יוצא, דער רעזולטאַט פון דיזער מצוה? דער רעזולטאַט דריקט זיך אויס אין דעם וואָס דער אָרימאַן איז אונוויסענד, וואָס ער איז דער וואָרצעל, פון וועלכען עס וואַקסען אַרויס פערשיעדענע קראַנקהייטען. צו דערצו איז ער א מוסטער פון מיאוסקייט און שמוץ; זיינע קינדער זיינען

בעשאנקען מיט דער זאגענאנטער „ענגלישער" קראנקהייט; ער שלאגט אראב די שכירות ביי זיינע חברים; ער וואוינט אין די ענגע שמוציגע הייזער. זיינע טעכטער פערגיפטען אונזער יונגען דור מיט די מכות פון דער גאסען־קראנקהייט, און זיינע זיהן געהמען ראכע פון דעם און גיבען דער געזעלשאפט א דור פון שווינדזוכט, אונבארמהערציגקייט, צבועצסטווע, פחדנות, פאלי־טישער נארישקייט. — די אלע מיאוס'ע פירות פון דרוק און ניט דערעסען.

פון געארג וואשינגטאן

.1732-1799

אנפיהרער פון דער רעוואלוציאן געגען ענגלאנד און ערשטער פרעזי־
דענט פון די פעראייניגטע שטאאטען.

רעגיערונג איז ניט חכמה און ניט רעדנער קונסט. זי איז די מאטעריעלע צוואנגס־מאכט. רעגיערונג איז געגליכען צו א פייער: אמאל איז ער א געפעהרליכער קנעכט און אמאל א פירכטערליכער הערשער. אפילו אויף א מינוט איז א געפאהר צו לאזען א רעגיערונג אין אונפעראנטווארטליכע הענד.

פון אינדישע רעליגיעזע שריפטען

בעסער שטארבען, איידער חנפ'ענען דאס ניעדריגע.

ארימקייט איז העכער איידער לוקסוס אויפ'ן חשבון פון דיין ברודערס אייגענטום.

ניט שטעהן ביי דער טהיר פון דעם נגיד און ניט אויס־שטרעקען די האנד — איז דאס בעסטע פון לעבען.

פון מדרש

פאַרוואָס האָט גאָט נור איין מענשען בעשאַפען? דאָס האָט ער געטהאָן צוליעב דעם, אַז איינער זאָל זיך ניט קענען דערנאָך איבערנעמען אנטקעגען דעם צווייטען, זאָגענדיג, אַז ער איז פון אַ גרעסערען יחוס, ווי דער אַנדערער.

אַלע מענשען זיינען גלייך, ניטאָ קיין העכערע און נידריגע, ווייל אַלע קומען זיי פון איין פאָטער ארוים.

* * *

אַ גרויס ציטערניש איז אָנגעפאַלען אויף די ביימער, גרויס און קליין, ווען דאָס אייזען איז בעשאַפען געוואָרען.

האָט דאָס אייזען צו זיי אַזוי געזאָגט: וואָס ציטערט איהר, נאַרישע ביימער? אַז איהר אַליין וועט מיר האָלץ אויף אַ שטיל ניט געבען, וועט מיין שאַרפסטע האַק אייך קיין בייז ניט קענען טהאָן.

* * *

אַז משה האָט געפיטערט יתרו׳ס שאָף אין דער וויסטעניש, איז איינמאָל ביי איהם אַ שעפעלע אַנטלאָפען און ער האָט זיך געלאָזט לויפען זוכען עס און האָט עס אָנגעיאָגט הינטער׳ן באַרג, ווי עס שטעהט ביים טייך און לעשט דעם דורשט. זאָגט משה: אָרים שעפעלע, ניט געוואוסט האָב איך, אַז דו ביסט אַזוי דאָרשטיג, און אומזיסט דיך געיאָגט און געטריבען! איצט ביסטו נעבעך מיעד, טאָ שפּרינג אַרויף אויף מיין אַקסעל און איך וועל דיך צוריק אָבטראָגען.

איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט: — דערפאַר, וואָס דו האָסט אַזוי פיעל רחמנות אויף אַן אָרים שעפעל, וועסטו זוכה זיין צו פיטערען מיינע הייליגע שאָף — דאָס פאָלק ישראל.

* * *

זייענדיג אין אפריקע, האָט אַלכסנדר מוקדון געהערט דערצעהלען וואונדערבאַרע געשיכטען וועגען דער גערעכטיגקייט

פון איינעם אַ קעניג. האָט ער זיך געלאָזט צו איהם, בעווייזט יענער איהם זיינע טייערע אוצרות. זאָגט אלכסנדר: איך בין ניט געקומען אהער בעקוקען אייער גאָלד און זילבער, מיר ווילט זיך זעהן אייערע אויפפיהרונגען, דערווייל זיינען טאַקי געקומען צוויי מענשען לאָדען זיך פאַר'ן קעניג.

— גרויסער קעניג, — האָט איינער גע'טענה'ט, — איך האָב געקויפט ביי דעם דאָזיגען מענשען אַ חורבה, האָב איך, רוימענדיג דעם אָרט, ענטדעקט אַ זעלטענעם אוצר אַ בעהאַל־טענעם אין דער ערד, וויל איך איהם אָבגעבען דעם אוצר, ווייל ער איז זיינער און מיר געהערט נור די חורבה, וועלכע איך האָב אָבגעקויפט.

— איך וויל ניט קיין גזלה, — טענה'ט דער צווייטער. — איך האָב דיר פערקויפט די חורבה מיט אַלעמען, וואָס אין איהר און אַרום איהר, איז דער אוצר דיינער און ניט מיינער. נעהם איהם זיך.

האָבענדיג אויסגעהערט די טענות, ווענדט זיך דער קעניג צו איינעם פון די מענשען:

— האָסטו אַ זוהן?

— יאַ, מאַיעסטעט.

— און דו האָסט אַ טאָכטער? — פרעגט ער דעם צווייטען.

— יאַ, מיין קעניג.

— טו זאָלען זיי חתונה האָבען איינער מיט'ן אַנדערען, און דער אוצר וועט זיין זייער דרשה־געשאַנק.

אלכסנדר האָט דאָס געהערט און איז ערשטוינט געוואָרען.

— וואָס, אפשר בין איך ניט גערעכט? — פרעגט איהם דער קעניג פון דער קליינער אפריקאַנישער מדינה.

— געוויס ניט.

— און ווי וואָלסטו דו אין דיין מדינה גע'פסק'ענט אין אַזאַ פאַל?

— איך וואָלט געהייסען קעפען אי דעם, אי יענעם און דעם אוצר איבערגעבען דער קרוין.

— אזוי ? — זאָגט דער קעניג — טו זאָג מיר : שיינט אין אייער לאַנד די זון ?

— געווים.

— און רעגענט עס אמאָל ביי אייך ?

— זיכער.

— זיינען אין אייער מדינה פאַרהאַן שאָף און קעלבלעך און אנדערע קלענערע פיה ?

— זיכער, — ענטפערט אלכסנדר און קוקט איהם אָן א פערוואונדעטער.

— אויב אזוי, — פיהרט דער קעניג אוים, — מוז טאַקי נור אינ'ם זכות פון די שאָף און קעלבלעך און אנדערע קלע־נערע פיה, וואָס ווידמען זיך אין אייער לאַנד, שיינען אויף אייע־רע קעפּ די זון און געהען אין אייער מדינה רעגען. איהר האָט דאָס זיכער ניט פערדינט.

* * *

מ'דערצעהלט, אז נחום איש גם־זו איז געווען א גרויסער צדיק און וואָס עס זאָל ניט געשעהן מיט איהם, פלעג ער זאָגען : דאָס איז צום גוטען. פּלוצלונג איז ער געוואָרען בלינד אויףביידע אויגען, און אָבגענומען זיינען איהם געוואָרען די הענד און די פים און דאָס גאַנצע לייב זיינס איז בעדעקט געוואָרען מיט קרעץ.

פרעגען איהם די תלמידים זיינע :

— ווי קומט עס, אז אזא צדיק, ווי'דו, זאָל אזוי אָבקומען.

ענטפערט ער זיי :

— קינדער מיינע, איך אליין האָב אויף זיך אויסגעבעטען מיין בראָך. איינמאָל בין איך געגאַנגען צו מיין שווער צו גאַסט, פיהרענדיג מיט זיך דריי עזלען אָנגעלאָדענע מיט אלעם גוטען, קומט מיר אַנטקעגען אַן אָרימאַן און בעט זיך : רבי, גיב מיר עפּעס עסען.

זאָג איך איהם : וואַרט אביסעל, ביז איך וועל אראָבנע־מען עפּעס פון'ם עזעל. איז ער אָבער געווען זעהר הונגעריג,

און איידער איך האב זיך געריהרט, כדי אראבצונעהמען פון'ם עזעל עפּעס פאר איהם — איז איהם די נשמה אויסגעגאנגען.

בין איך צוגעפאלען צום טויטען מענשען און גענומען וויי־נען און קלאגען, שרייענדיג:

— זאלען די אויגען, וואס האבען זיך ניט דערבארעמט אויף דיינע אויגען, בלינד ווערען און די הענד מיינע אבגעשני־טען ווערען און די פיס — אבגעהאקט ווערען.

און ניט קענענדיג אלץ קיהלען מיין פערטרויערט און פער־ביטערט הארץ, האב איך אויסגעשריען: און דו, לייב אומ־ווירדיגער, זאלסט מיט קרעץ בעדעקט ווערען.

— וועה איז אונז, רבי, וואס מיט אונזערע אויגען זעהען מיר דיך אין אזא שרעקליכען צושטאנד, — האבען מיט גרויסען רחמנות און קינדערהשער ליעבע געזאגט די תלמידים.

— נארישע קינדער! וואויל איז מיר איצט, אבער וועה, וואלט מיר געווען, ווען איך זאל ניט זיין אין אזא צושטאנד, — האט אבגעענטפערט זיי דער גרויסער צדיק.

קארדינאל רישעליע

.1585—1642

ערשטער מיניסטער פון פראנקרייך אין דער צייט **פון לואי דעם** דרייצעהנטען. זיין נאמען איז ענג פערקניפּט מיט דער פערשטאר־קונג פון דער קעניגליכער מאכט אין פראנקרייך און מיט אלע די־נאסטישע פאליטישע און רעליגיעזע קעמפפע פון 30־יאהריגען קריעג.

קעניגע דארפען תמיד אויסמיידען די טאלאנטען פון צו־פיעל עהרליכע לייט.

ווענען אונגלייכהייט

פון מישעל מאָנטעין.

מישעל דע מאָנטעין איז א בעריהמטער פראַנצויזישער דענקער פון 16־טען יאָהרהונדערט. געבאָרען אין 1533, געשטאָרבען אין 1592. זיינע פילאָזאָפישע „עססעיס“ זיינען ערשיענען אין 1580 און האָבען געמאכט אַ טיעפען איינדרוק ניט נור אויף זיינע צייטגענאָסען, נור אויף אַלע צייטען.

מיר ריהמען אַ פערד, ווען ער איז שטאַרק און ניט פאַר זיינע שפּאַנגעצייג. מיר בעוואונדערן אַ יאגד־הונד פאַר דער בליציגער שנעלקייט, מיט וועלכער ער וואַרפט זיך אויף דער חיה — מיר אינטערעסירען זיך אָבער ווייניג מיט זיין האַלז־באַנד.

פאַר וואָס זשע אָבער שאַצען מיר אַ מענשען לויט זיינע בגדים און אויסערן פּוץ? ווייל אַלץ, וואָס ערהויבט אַ מענשען אין די אויגען פון די אַרומיגע — אָט די פּראַכטפאָלע פּאַלאַצען, אָט דיעזע עשירות, און אָט דיעזער אָבשיי פאַר׳ן נגיד — דאָס אַלץ איז דאָך נור אַרום איהם, אָבער ניט אין איהם. דאָס אַלץ איז דאָך אין דער סביבה, אָבער ניט אין נפש גופא.

דער מענש, וואָס קען זיין דער פאָלקאָמער בעל־הבית פון זיך אַליין; דער, וואָס קען אָהן מורא קוקען אויף קייטען און טוידט, דער וואָס קען בייקומען זיינע ליידענשאַפטען און פאַר־אַכטען כבוד — דער מענש איז 500 בראַססעס (אַזאַ פראַנצ. מאָס) העכער פאַר רעגירונגען און קעניגרייכען — דיעזער מענש איז פאַר זיך אַליין אַן אימפּעריע.

אַ געקרוינטער הערשער איז ניט מעהר, ווי אַן אקטיאָר און אַ קאָמעדיאַנט. אויפ’ן סצענע פון לעבען שפּיעלט ער די ראָלע פון אַ שטאָלצען קיסר, אָבער אַז דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער, ווערט ער פערוואַנדעלט אין אַ קנעכט און אַ לאַקיי...

אין טהעאַטער פון לעבען פערבלענדעט דער הערשער דעם עולם מיט דער שטראַהלענדער פּראַכט פון זיין ממשלה. אָבער הינטערן פאָרהאַנג — אָה, דאָרטען איז ער אַן איינפאַכער בשר ודם און דער ביליגסטער נפש צווישען זיינע אונטערטהאַנען...

פּחדנות, אונענטשלאָסענהייט, אַמביציע, פּערדרוס און קנאה רעגנען איהם אויף אַזוי גוט ווי אַן אַנדערן און, אַרומגערינגעלט מיט זיין מעכטיגען חיל, פיהלט ער, ווי עס ווערגען איהם פאַר’ן האַלז די זאָרגען פאַר’ן היינט און די מורא פאַר’ן מאָרגען.

קרחות, קאָפּ־וועהטאָג און פאַדאַגרע מיידען ניט אויס דעם געקרוינטען. אַז די אַלטקייט קומט אָן און בייגט איין זיינע אַקסלען, וועט קיין גוואַרדיע זיי ניט אויסגלייכען. און ווען דער שרעק פאַר’ן טויט שוועבט פאַר זיינע אויגען, קענען די נאָבעלסטע קאַמערהערען איהם ניט בערוהיגען.

די יוצר משרתים פון גרויסען אַלעקסנדר מוקדון האָבען איהם אַ מאָל איינגעשמועסט, אַז ער איז אַ זוהן פון יופּיטערן (דעם רוימשען פּאַטער פון די געטער און מענשען).

האָט זיך איין מאָל געמאַכט, אַז דער גרויסער קעניג און דער געניאַלער קריעגס־פיהרער איז פערוואונדעט געוואָרען. די שמערצען און דאָס בלוט האָבען איהם די אויגען געעפענט אויף די סברות וועגען זיין געטליכען אָבשטאַמונג.

„ניין”, האָט אויסגעשריען אַלכסנדר — „ניין ! דיעזע רויטע מענשליכע פליסיגקייט קען בשום אופן ניט זיין דאָס היי־

ליגע בלוט, וואס האמער האט געמאכט פליסען אוים די וואונ־דען פון די געטער...

געקרוינטע האבען דעם זעלבען שלאף און דעם זעלבען אפע־טיט, ווי די פשוטע מענשען. זייער שווערד איז געוואסען פון דעם זעלבען שטאל און זייער קרוין וועט זיי ניט פערדעקען פון זון און פון רעגען.

פון דעם איסלאנדישען

(עלפטער יאהרהונדערט)

איך האב געזעהען
דעם שייער פול מיט קארן
פון דעם רייכען מאן. —
דעם וואנדער־שטעקען
פון א בעטלער
האלט ער איצט אין האנד.
אט, דאס איז רייכקייט:
— אונבעשטענדיג
ווי אן אויגענבליק...

פון פרקי אבות

שמעון הצדיק האָט ליעב געהאַט צו זאָגען זיינע **תלמידים**: זייט ניט ווי קנעכט, וואָס דיענען דעם האר זייערען פון גע־צאָהלט ווערען, נור זייט ווי יענע קנעכט, וואָס דיענען דעם האר זייערען נים פון געצאָהלט ווערען.

יוסי בן יוחנן, דער ירושלים׳ער, האָט ליעב געהאַט צו זאָ־גען: זעה, אַז די טירען פון דיין הויז זאָלען שטענדיג זיין ברייט געעפענט און נעהם אריין יעדען נויטבעדערפטיגען און זאָל ער ביי דיר אין הויז זיין ווי איינער פון דיין הויזגעזינד.

רבי שמעון בן גמליאל האָט געזאָגט: אויף דריי זאכען שטעהט די וועלט און דאָס זיינען זיי: אמת, גערעכטיגקייט און שלום.

פיער מדרגות קען א מענש דערגרייכען. דער, וואָס זאָגט: מיינס איז מיינע און דיינס איז דיינס איז א מענש ווי אַלע. און אנדערע זאָגען, אַז דאָס איז אַ מדה פון די בעזע סדום־מענשען.
און דער וואָס זאָגט: דיינס איז מיינס און מיינס איז מיינס, איז אַ שלעכטער מענש, דאָס איז די נידריגסטע מדרגה.
און יענער, וואָס זאָגט: דיינס איז מיינס און מיינס איז דיינס, פערשטעהט ניט וואָס ער זאָגט און איז אַן עם הארץ.
אָבער דער, וואָס זאָגט: מיינס איז דיינס און דיינס איז דיינס, איז אַ הייליגער מענש, און דאָס איז די העכסטע מדרגה, צו וועלכער א מענש קען דערגעהן.

טהאָמאַס פּעין

(1737—1809).

דער גרויסער פּובליציסט פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן. פערפאַסער פון „קריזיס", „געזונדער פערשטאַנד", „רעכט פון די מענשען". אַזוי ווי וואַשינגטאָן מיט זיין שווערד, האָט אויך טהאָמאַס פּעין מיט זיין פעדער פיעל בייגעטראָגען צו דער ענטשטעהונג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען. פּעין איז אויך געווען אַ מיטגליעד פון פראַנצויזישען נאַציאָנאַלען קאָנוועט, זייענדיג אַ נאַטוראַליזירטער פראַנצויז. בשעת׳ן פּראָצעס פון לואיס דעם 16טען, האָט ער געזאָגט:

איך שטים פאַר׳ן טויט פון קעניגליכען אמט — אָבער ניט פאַר׳ן טויט פון דיעזען מאַן.

און אַלע, וואָס פעראַקערען אומרעכט און פערזעען בייז, וועלען שניידען אַזוי.

פון גאָט׳ס הויך וועלען זיי אומקומען און פון זיין צאָרן פערטיליגט ווערען.

ניט ברילען מעהר וועט דער אַלטער לייב, אָהן אַ שטימע בלייבט דער יונגער און די צייהנער פון די לייבעלעך ווערען צובראָכען.

אָהן שפּייז געהט אוים דער לייב פון הונגער און די קינדער פון דער לייבין ווערען צושפּרייט.

איוב, ד׳.

ווענען ליעבע צום נאָהענטען

פון פ. ניטשע.

איהר קריכט צום שכן אייערען, צום נאָהענטען, און רעדט דערביי זיסע, פיינע ווערטער. אָבער איך זאָג אייך: אייער ליעבע צום נאָהענטען איז אייער שלעכטע ליעבע צו זיך.

איהר לויפט צום נאָהענטען, כדי צו אנטלויפען פון זיך, און מאכט נאָך אַ טוגענד פון אייער אָרעמקייט, אָבער איך זעה, וואָס אייער גוטסקייט איז.

האָב איך אייך געהייסען ליעב האָבען דעם נאָהענטען? גיכער האָב איך אייך געהייסען אנטלויפען פון'ם נאָהענטען און ליעב האָבען דאָס ווייטע:

העכער פון דער ליעבע צום נאָהענטען איז די ליעבע צום ווייטען און קומענדיגען; העכער נאָך פון דער ליעבע צום מענשען שטעל איך די ליעבע צו געשטאַלטען און געשפענסטער.

דאָס געשפענסט, וואָס שוועבט פאר דיינע אויגען, ברודער מיינער, איז וואונדערבארער פון דיר; פארוואָס גיסט דו איהם ניט אָב דיין פלייש און בלוט? אָבער דו ביסט שרעקעדיג און לויפסט צום נאָהענטען.

איהר קענט זיך אליין ניט פערטראָגען און האָט זיך וועניג ליעב: ווילט איהר אריינגנב'ען זיך אין'ם הארצען פון אייער נאָהענטען און ווארימען זיך אינ'ם נינגאָלד פון זיין ליעבע.

אָבער איך וויל, אז אַלע אייערע נאָהענטע און שכנים זאָלען ווערען צום עקעל אייך; וועט איהר פון דער טיפעניש פון אייער הארץ מוזען ארויסצויבערען זיך דעם פריינד אייערען מיט דעם איבערפולען הארץ.

איהר נעהמט זיך אַן עדות, ווילענדיג לויבען זיך, און האָט איהר איהם איינגערעדט, אז איהר זייט גוט, ווערט איהר גוט אין אייערע אייגענע אויגען.

איינער געהט צום נאָהענטען, זוכענדיג זיך — דאָס איז גוט, אָבער אַן אַנדערער — נור דערפאַר, וואָס ער וויל זיך פערגעסען. אייערע שלעכטע ליעבע צו זיך מאַכט אייער איינזאַמקייט צום געפענגניש.

ניט וועגען דעם נאָהענטען רעד איך צו אייך, נאָר וועגען דעם פריינד און זיין איבערפולען הארץ, — וועגען דעם פריינד וואָס טראָגט אין הארצען אַ וועלט, דעם גוטען פריינד, וואָס שענקט אייך אַ וועלט.

דאָס ווייטע און ווייטסטע זאָל זיין דער זין פון אייערע היינטיגע טעג, ברידער מיינע. איך האָב אייך ניט געהייסען ליעב האָבען דעם נאָהענטען: האָט ליעב דאָס ווייטע.

אזוי האָט גערעדט זאראטוסטרא.

וועגען אונבעפלעקטער ערקענטניש

פון פ. ניטשע.

ליגען אנטקעגען אַלע ארומיגע זאכען הונדערטאויגיג, שפּיגעלארטיג — דאָס הייסט ביי זיי אונבעפלעקטע ערקענטניש.

אַ ווי גוט איז, זאָגען זיי, אָנצוזעהען די שעהנהייטען פון דער ערד נור מיט די אויגען און ניט פערלאַנגען דאָס, וואָס דאָס אויג זעהט.

קוקען אויפ'ן לעבען אָהן ליידענשאַפט און ניט ווי אַ הונד מיט אַן אויסגעשטרעקטער צונג.

אַ, סענטימענטאַלע נשמות, אומריינע אויגען! אייערע פערלאַנגען פעהלט אונשולדיגקייט: דעריבער רעדט איהר שלעכטס וועגען די פערלאַנגען.

וואַהרהאַפטיג, איהר האָט ליעב די ערד ניט ווי די שאַפענדע, וואָס פרעהען זיך מיט'ן לעבען.

ווער איז אונשולדיג? דער, וואָס האָט אַ ווילען צו גע־

בירען. און דער, וואס וויל שאפען איבער זיך און ווייטער פון זיך, דער האט דעם ריינסטען ווילען.

וואו איז שענהייט? שענהייט איז דארט, וואו איך וויל מיט'ן גאנצען ווילען, וויל ליעבען און אומקומען, כדי פון דער געשטאלט זאל עפעס ווערען.

ליעבען און אומקומען: אזוי הויבט זיך דאס פון שטענ־דיג אן. ווער עס וויל ליעבע, וויל אויך דעם טויט. אזוי זאג איך אייך, קליינמוטיגע:

אבער אייער אויג, דער אומריינער און פערצערטעלטער, וויל נור קוקען, ניט מעהר, ווי קוקען! און שעהן זאל זיין דאס, צו וואס עס ריהרט זיך צו נור דער שרעקענדיגער אויג. א, איהר לעסטערער פון עדלע ווערטער!

אבער דאס איז די קללה אייערע, איהר אונבעפלעקטע, איהר ליעבהאבער פון ריינער ערקענטניש, אז איהר געבירט קיינמאל נישט: ווי ברייט איהר זאלט זיך ניט צולעגען, ווי א אמת'ע גע־ווינערין, איבער'ן האריזאנט!

וואהרהאפטיג, איהר נארט אונז, איהר צושויער! אמאל האט זיך מיר געדוכט, אז אין אייער גענדאנקענשפיעל רוהט די געטליכע זעעל! — פון קיין בעסערער קונסט האב איך ניט געחלום'ט, ווי פון אייערע קונצען.

אבער איך בין צוגעקומען צו אייך נעהנטער: און דער־קענט אייך, ס'איז מיר ליכטיג געווארען; שוין נאהענט איז די פלאמיגע זון.

קוקט אויף איהר, ווי אונגעדולדיג זי נעהט אויף איבער'ן וואסער! פיהלט איהר ניט איהר הייסען אטעם?

מיט די וואסערען וויל די זון זיך אנטרינקען און זייער טיפקייט אויף איהר הויך אריבערנעמען: און מיט טויזענדער ברוסטען ציהען זיך די וואסערען צו דער זון.

ווייל זיי ווילען געקושט ווערען פון דער זון און אנגע־טרונקען ווערען, — זיי ווילען ווערען א וועג צום ליכט, דאס ליכט אליין!

אינ׳ם ליכט פון ווייזהייט

וואהרהאפטיג, איך האב ליעב, ווי די זון, אלע טיעפע וואַ־סערען און יעדעם לעבען.

און מיין ערקענטניש וויל אויך, אז אלעם טיפע זאל זיך דערהויבען — צו מיין הויך!

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא.

פון אַ הערצען

דאָס געזעלשאַפטליכע איז אַזוי נאַטירליך, ווי דאָס פּערזענליכע.

אודאי, איז די פּערזענליכקייט דער זין פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג. אָן איהר לעהנט זיך אָן יעדעס געשעהעניש, מיט איהר לעבט אַלעס. דאָס אונפּערזענליך — אַלגעמיינע איז אַ אינהאַלטסלאָזע אַבסטראַקציאָן, אָבער אויך די פּערזענליכקייט לעבט אַ רעאַלען לעבען נור אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זי איז אין געזעלשאַפט. אַריסטאָטעל האָט פּאָרטרעפליך כאַראַקטעריזירט דעם מענשען, אַלס „זאָאָן פּאָליטיקאָן“ (געזעלשאַפטליכע חיה).

גערעכטיגקייט איז נאָך ניט אַלעס; גערעכט זיין הייסט זיין אונפּערזענליך, אַבסטראַקט, אָבער אַלעס פּערזענליכע — יעדע פריינדשאַפט, יעדע ליעבע — איז ליידענשאַפטליך, אומגערעכט. גערעכט קען זיין דער מענש, וואָס האָט קיין זאַך ניט ליעב שטאַרק.

— גערעכטיגקייט פריהער פאַר אַלעמען, — זאָגען די פראַנצויזען. זעהר גוט, אָבער נאָך אַלעמען זאָל זיין — ליעבע. אַפּאָסטאַל פּאַול זאָגט ניט, אַז ליעבע איז גערעכט; ער זאָגט, אַז זי איז רחמנות'דיג, געדולדיג. ווען איך לויף צו אַ גוטען ברודער אין אַ שווערער מינוט פון לעבען, וויל איך ניט, ער זאָל זיין גערעכט צו מיר. גערעכטיגקייט קען איך פאָדערען פון יעדער אַנשטענדיגען פּאָליציסט; פונ'ם פריינד ערוואַרט איך, ער זאָל נעהמען אויף זיך אַ טייל פון מיין שווערער לאַסט, געבען מיר פון זיין וואַרעמקייט, אויפריכטען מיך מיט זיין ליעבע.

גערעכטיגקייט איז די העכסטע טוגענד פון אַ ריכטער, אָבער דער ריכטער, אַזוי לאַנג ווי ער זיצט אויפ'ן ריכטערשטוהל, הערט אויף צו זיין מענש. ער ווערט אַן אונפּעהלבאַרער אָרגאַן פון געזעץ, ער איז דינער און ניט פערשטאַנד, ער איז ווילענסלאָז, אין איהם זיצט אַ פרעמדער ווילען, דער טויטער ווילען.

דער סטרײק אַלס אַ קאַמפּפס־מיטעל

פון מ. א. באַקונין

בעריהמטער אַנאַרכיסטישער טוער און טעאָרעטיקער.
.1814—1886

ווער ווייס ניט, וועלכע אָפּפער און וועלכע לײדען אַ סטרײק פערשאַפט די ארבײטער מאַסען? און דאָך זײנען סטרײקס אונבעדינגט נויטווענדיג, אַזוי נויטווענדיג, אַז אָהן זײ וואָלט ניט געווען מעגליך צו אָרגאַניזירען די פאָלקס־מאַסען און זײ אויפצוהויבען צו אַ סאָציאַלען קאַמפּף.

אַ סטרײק — איז אַ מלחמה, און די פאָלקס־מאַסען אָר־גאַניזירען זיך נור אין דער צײט פון אַ קריעג. דאַן רײסען זײ זיך ארויס פון זײער געוועהנליכער, אונזיניגער, קלעגליכער און האָפנונגסלאָזער אײנזאַמקײט; דאַן פעראײניגען זײ זיך אין דעם נאָמען פון אײן לײדענשאַפט און אײן ציעל; און דאַן אויך זעהען זײ איין בעשײנפערליך, אויף ווי ווײט אַ פעסטע אָרגאַניזאַציאָן איז נויטווענדיג פאַר'ן זיעגרײכען קאַמפּף.

די אויפגעשטאַנענע פאָלקס־מאַסען זײנען געגליכען צו אַ צולאָזענעם מעטאַל, פון וועלכען ס'איז גרינג אויסצוגיסען פער־שיעדענע פיגורען; מען דאַרף נאָר האָבען דערצו די גוטע קענער פון פאַך, וואָס רעכענען זיך מיט די בעדערפנישען און די אינ־סטינקטען פון פאָלק.

די סטרײקס דערוועקען אין די פאָלקס־מאַסען אַלע סאָ־ציאַל־רעוואָלוציאָנערע אינסטינקטען, וואָס גליהען אין הארצען פון יעדען ארבײטער און וועלכע בילדען זײן היסטאָרישען, גע־זעלשאַפטליך־פיזיאָלאָגישען וועזען. אין אַ געוועהנליכער צײט, אונטער דעם דרוק פון קנעכטישע סענטימענטען און אונטער־טהעניגע בענעהמונגען בלײבען דיזע אינסטינקטען כמעט ווי אונבעמערקט. דערפאַר אָבער לאָזען זײ זיך פיהלען אין דער צײט

פון עקאנאמישען קאמפף, און דאן ווערט די פראפאגאנדא פון סאציאל־רעוואלוציאנערען געדאנק זעהר לייכט.

בכלל איז יעדער סטרייק וויכטיג דערמיט, וואס ער פערברייטערט און פערטיעפט אלץ מעהר און מעהר דעם תהום, וואס ליעגט צווישען דער בורזשואזיע און דער פאלקס־מאסע, וואס ער דערווייזט אויפ'ן פיהלבארסטען אופן די אונפעראייני־בארקייט פון די אינטערעסען פון די ארבייטער און די אינ־טערעסען פון די קאפיטאליסטען.

אויב אומרעכט איז אין דיין האנד, ווארף דאס אוועק פון זיך ווייט און זאל ניט זיצען אין דיינע מויערען אומגערעכטיג־קייט.

וועסטו שטעהן פעסט אויף דיינע פיס און ניט ציטערען און אלעמען וועסטו קוקען גלייך אין די אויגען, ווי איינער, וואס האט קיין פלעק ניט אויפ'ן לויטערען פנים.

און פערגעסען וועסטו אלע דיינע ליידען; ווי דאס וואַ־סער, וועלכעס איז פארבייגעפלאסען, וועלען זיי זיין אין דיין געדעכטעניש.

און העלער, ווי דער מיטאג וועלען זיין דיינע טעג און דאס פינסטערניש — ווי דער פריהמארגען.

און דו וועסט זיין זיכער, אז דו האסט האפנונג און רוהיג וועסטו לעגען זיך אין בעט, ווי אין א פעסטונג.

אבער די אויגען פון די פערדארבענע מענשען וועלען גע־בלענדט ווערען און זיי וועלען ניט קענען אנטרינען און אלע זייערע האפנונגען וועלען פערלאשען ווערען.

איוב.

פון א. הערצען

גרויסער רוסישער פרייהייטס־קעמפפער און פובליציסט.

.1812—1870

אזוי לאנג ווי די ענטוויקעלטע מינדערהייט האט, לעבענדיג אויפ'ן חשבון פון גענעראציאנען, גאר ניט געהאט די קלענסטע אהנונג, פאר וואס איהר לעבט זיך אזוי גוט און לייכט, אזוי אזוי לאנג ווי די מעהרהייט האט, שווער ארבייטענדיג טאג און נאכט, ניט געהאט די קלענסטע אהנונג, אז נוצען ציהען פון זייער ארבייט נור אנדערע; אזוי לאנג ווי ארעם און רייך האט געהאלטען אזא לעבענסארדנונג פאר א נאטירליכע ארדנונג, — האט די מענשענפרעסערישע ארדנונג געקענט האלטען זיך. מענשען געוואוינען זיך אפט צו צו א פאראורטייל, צו א פאלשקייט, האלטען דאס פאר'ן אמת — און האבענדיג זיך אזוי צוגעוואוינט צום פאלשען, צום אומגערעכטען, פיהלען זיי גארניט, ווי עס איז פאלש און אומגערעכט און ס'טהוט זיי ניט וועה; אבער האבען זיך מענשען איבערצייגט, אז דאס, וואס זיי האבען געהאלטען פאר אן אמת, איז א נארישקייט, וועלען זיי שוין ניט רוהען, ביז א סוף וועט נעהמען צו דער פאלשקייט און נארישקייט. נור מיט ברוטאליטעט וועט איהר קענען צווינגען א מענשען צו טהון דאס, וואס ער האלט פאר א נארישקייט און אונגערעכטיגקייט.

פון וואָלט ווהיטמאַן

אויבער פון די גרעסטע דיכטער פון אַמעריקאַ.

.1819—1892

דאָס געזעץ פון פערגאַנגענהייט קען ניט אויסגעמידען ווערען,
דאָס געזעץ פון געגענוואַרט און צוקונפט קען ניט אויסגעמידען
ווערען,
דאָס נעזעץ פון די לעבעדיגע קען ניט אויסגעמידען ווערען —
אייביג איז דאָס ! —
דאָס נעזעץ פון ענטוויקלונג און טראַנספאָרמאַציאָן קען ניט
אויסגעמידען ווערען,
דאָס געזעץ פון העלדישקייט און העלדישע, גוטסקייט און גוטע—
דאָס געזעץ פון שכור'ע, פערדעטער און עקעלהאַפטע ברואים —
קיין איין אות פון איהם קען ניט אויסגעמידעי ווערעי.



דער אוצר

פון שלום עליכם.

אויף יענער זייט בארג, אונטער'ן אלטען בית־המדרש, געפינט זיך אן אוצר.

אזוי האט מען געשמועסט ביי אונז אין שטעדטעל.

נאר קומען צום אוצר איז נים אזוי גרינג; אז אלע אידען אין שטעדטעל וועלען לעבען בשלום, און וועלען זיך נעמען אלע איהם זוכען, דעמאלט וועט מען איהם געפינען.

אזוי האט מען געשמועסט ביי אונז אין שטעדטעל.

און אז אלע אידען וועלען לעבען צופריעדען, עס וועט ניט זיין קיין קנאה ביי אידען, קיין שנאה, קיין קריעג, קיין לשון הרע, קיין רכילות, און מען וועט זיך נעמען אלע, וועט מען אבזוכען דעם אוצר, און אז ניט וועט ער אריין טיעף־טיעף אין דער ערד אריין...

אזוי האט מען געשמועסט ביי אונז אין שטעדטעל, און מען האט אנגעהויבען זוכען דעם אוצר, דער דא און דער דארטען, און מען האט אנגעהויבען זיך צו שפארען און איבערשפארען, צו אמפערען זיך און צו ווערטלען זיך, צו זידלען און צו קריעגען זיך, וואס ווייטער אלץ מעהרער, אלץ שטארקער און אלץ איבער'ן אוצר. דער האט געזאגט: ער דארף זיין דא; דער האט געזאגט: דארטען, און מען האט ניט אויפגעהערט זיך צו שפארען און איבערשפארען, צו אמפערען זיך און צו ווערטלען זיך, צו זידלען און קריעגען זיך, וואס ווייטער אלץ מעהרער, אלץ שטארקער און אלץ איבער'ן אוצר — און דער אוצר... האט געזונקען אלץ טיעפער און טיעפער אין דער ערד אריין.



אַ פּאָרטרעט פון דזשאן בּאראס. ס. ס. פּיעטרא.

אין הערְאאישע מינוטען

פון רָאמען רָאלָאן.

מָאדערנער פראַנצויזישער שרייבער און דענקער. געבאָרען אין 1866.
איז געוואָרען בעריהמט אין דער גאַנצער וועלט מיט זיין
מָאנומענטאַלען רָאמאַן: „זשאַן קריסטאָף.“

יעדע נאציאָן, יעדע קונסט האָט זיך איהרע ליגענס, איה־רע אָנגענומענע קאָנוועגציאָנען; דעריבער איז אזוי שווער איין נאציאָן צו דערנעהענטערען זיך צו דער אַנדערער און אזוי לייכט אָנהויבען צו פעראכטען אנדערע.

דער אמת איז גילטיג אין אַלע לענדער, איז א ברכה פאר אַלע נאציאָנען, אָבער יעדע נאציאָן האָט זיך איהר היימישען ליגען, וועלכען יעדער איינער אָטעמט איין פון די ערשטע ביז די לעצטע טעג פון לעבען, אזוי אז איהם דוכט זיך, אז ער קאָן גאָר ניט לעבען א מינוט אויסער'ן ליגען. נור די געניאַלע מענ־שען, די אונגעוועהנליכע, די איינצעלנע קענען זיך אָברייסען פון ווארימען ליגען אין הערְאאישע מינוטען, אין מינוטען פון זעעלען־קריזיס, ווען זיי בעזעצען זיך פעראיינזאמטע אין דער פרייער וועלט פון זייערע אייגענע געדאָנקען.

גאָט'ס ווילען איז, אז מיר זאָלען לעבען מיט יענעם'ס לע־בען און גליק, און ניט מיט יענעם'ס נויט און אומגליק. מענ־שען זיינען בעהילפיג איינער דעם אנדערען מיט זייער פרייד, ניט מיט זייער פיין.

דזשאָן ראַסקין.

פון קאַרלייל.

אָה, הערליכע געלד־קעניגען און בעריהמטע הערצאָגען, וואָס נעהמען צו טויזענדער אַקער ערד פון זייער פערזענליכען פערגניגען וועגען! ווייסט איהר דען ניט, אַז מיר קענען אומבריינגען אונזערע ברידער אויף פערשיעדענע וועגען און ניט נאָר אַזוי רויה און אָפּענהערציג, ווי קין האָט הבל'ן אומגעבראַכט? אַ גוטער מענש איז אַ צוזאָג, ס'איז גוט פון זיין קוק, שוין פון דעם אליין, וואָס ער איז מיט אונז. ער איז א בעגלייטער אונזערער אויפ'ן שווערען לעבענס־וועג, פון וועלכען מיר ערוואַרטען גוטס. אָבער וועה איהם, אויב ער נאַרט די ערוואַרטונגען, פערגעסט אָן די אַלע צוזאָגען, וויים פון זיי נישט. צו דער פערגליווערטער נשמה, וואָס האָט זיך איבערגעגבען צו זינליכקייט, וואָס דינט דעם גאָלדענעם קאַלב און קוקט אויף אָרעמקייט ווי אויף א שאנד, א גיהנם, האָט ניט קיין זין צו ווענדען זיך מיט טענות, פארוואָס היט זי ניט איהרע צוזאָגען און מאָראַלישע פערפליכטונגען, וועלכע מען קען ניט איינמאָנען אין א סוחרי'ישען געריכט. איהר קענט צווינגען אַ מענשען צו בעצאָהלען זיינע חובות, דאָס יא — אָבער דאָס איז דאָס העכסטע; ווייטער געהט ניט די אָבגעשטאָרבענע נשמה.

אין דער פערגאנגענהייט איז נאָך ניט געווען אזא געזעלשאַפט, וועלכע זאָל זיך קענען האלטען אויף אזא פוילען יסוד. דאָס, וואָס איז ביז אַהער אונמעגליך געווען, וועט אויך אין צוקונפט ניט מעגליך זיין. די וועלט איז ניט אַ טרוקענע, קאלטע אויסגערעכענטע זאַך. מענשען אָדער נאציאָנען, וואָס געהען אויפ'ן וועג פון קאַלטען, עגאָאיסטישען חשבון, געהען טראָט נאָך טראָט צו זייער פערדארבונג.

פון פערסישען

פון סאַדי.

זעה ער זאָל ניט וויינען.
ווייל דער טהראָן פון אלמעכטיגען ווערט צוציטערט,
ווען ס'הערט זיך דער יאָמער פון יתום.
זעה, זיי זאָלען ניט קרעכצען — די פערוואונדעטע נשמות.
ווייל די בעהאלטענע וואונד קען סוף כל סוף פלאַצען.
דריק ניט צו דאָס הארץ פון דעם מענשען,
ווייל איין זיפץ קען איבערקעהרען די וועלט.

מיין רעליגיאָן

פון לעוו טאָלסטאָי

אין וואָס בעשטעהט דאָס געזעץ פון נאַטור? דאָס איז צו וויסען און געדענקען, אַז מיין רוהיגקייט און זיכערקייט, אַלע מיינע פערגניגענס און אונטערהאַלטונגען זיינען געקויפט אויפ'ן חשבון פון עלענד, רויב און ליידען פון טויזענדער מענשליכע בעשעפענישען — נעמליך מיט די שרעקען פון דער תליה; מיט דעם אומגליק פון טויזענדער, וואָס ווערען דערשטיקט אין די תפיסות; מיט דעם אנגסט, וואָס ווארפען ארויף אויף די פריעדליכע בעפעלקערונג די מיליאָנען סאָלדאַטען און שומרים פון דער ציוויליזאַציאָן, די אַלע, וואָס זיינען אָבגעריסען געוואָרען פון זייער היים און פערטעמפּט געוואָרען דורך דיסציפּלין, די אַלע וואָס פערהיטען אונזער לוסטיגען צייט־פערטרייב מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערען נעגען דעם מעגליכען אָנפאַל פון די פערהונגערטע.

קלעמענט פון אַלעקסאַנדריאַ

גאָט האָט געמאַכט, אַז מענשען זאָלען קענען האָבען פערגעניגען אין זייער לעבען, אָבער נור אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל עס איז נויטיג. און גאָט האָט פאָראויס בעשטימט, אַז אַלע, אָהן אונטערשיעד, זאָלען קענען געניסען. ס'איז נאַריש און ניט שעהן, ווען איינער לעבט אין פּראַכט און לוקסוס און ווען מאַסען שטאַרבען פון הונגער.

די שטימע פון יאָהרהונדערטער.

פון סאַדי.

א פערסישער פּאָעט, 1200 יאָהר נאָך כריסטוס.

איין מאָל בין איך געזעסען אין דער גרויסערגעבעט־הויז פון דמשק, ביי דעם קבר פון יאהיא דער נביא (זאָל ער רוהיג דאָרט שלאָפען בשלום!). איינער פון די קעניגע אין אראַביען, וועלכער איז געווען בעוואוסט אין לאַנד מיט זיין האַרט־הערציגקייט, איז דאַמאָלסט געקומען בעטען גאָט אין דעם געבעט־הויז. די תפילות און די נדרים, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט ער פערענדיגט מיט פאָלגענדע ווערטער: „די אָרימע און די רייכע זיינען די קנעכט פון דער ערד, און די, וואָס זיינען די רייכסטע, האָבען די גרעסטע בעדירפנישען". דאָ האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף מיר און געזאָגט: „איהר דערווישעם (מאָנאַכען) זיינט גאָטספורכטיגע און כשר'ע דיענער פון גאָט. העלפט זשע מיר אין מיין תפלה, ווייל איך בין איצט אין שרעק פאר א מעכטיגען שונא".

איך האָב געענטפערט: „האָב מיטלייד מיט'ן אָרימען פויער, ווייל דו קענסט אמאָל האָבען אַ מחלוקה מיט אַ שטאַרקען שונא. ס'איז פערברעכעריש צו אונטערדריקען די אָרימע און שוצלאָזע אונטערטהאַנען. יעדער איינער לעבט אין פּחד, וועלכער איז אונפריינדליך צו די אָרימע. און זאָל זיך מאַכען, אַז ער זאָל זיך אויסגליטשען, וועט קיינער איהם קיין האַנד ניט דערלאַנגען. יעדער וואָס פערזעעט אַ שלעכטע זריעה און ערוואַרטעט גוטע פּירות, מאַכט אַ פאַלשע רעכנונג און פּיינִגט אומזיסט זיין בעגעהר. נעהם זשע אַרויס די וואַטע פון דיינע אויערען, העַר זיך צו און וויַז יושר דער מענשהייט. ווייל

אויב דו ווילסט ניט לעבען אין גערעכטיגקייט, וועט קומען אויף דיר דער טאָג, ווען מען וועט זיך מיט דיר אָברעכענען.

די קינדער פון אדם׳ען זיינען גליעדער פון איין אַלגמיי־נעם קערפּער. אז איינער פיהלט אַ וועהטאָג, פיהלען זיך די איבריגע ניט גוט. דער, וועלכער איז גלייכגילטיג צו די ליידען פון אַנדערע מענשען, פערדיענט ניט דעם נאָמען פון אַ מאַן.

פון דעבס׳ אַן אויפרוף צו קינדער

בעריהמטער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער רעדנער און טוער.
געבאָרען 1862.

׳ אַלטע נאַראָנים, וועלכע בעלאַנגען צו די זעלבע פּאַרטייען, צו וועלכע זייערע זיידעס האָבען בע־לאַנגט און וועלכע האָבען זיך ניט אוועקגערוקט קיין איין האָר פון זייערע זיידעס קברים, וועלען אייך דערצעהלען, אַז די סאָציאַליסטען האָבען ניט קיין שכל און אַז זיי וועלען זייערס קיינמאָל ניט אויספיהרען. דאָס איז פּונקט דאָס זעלבע, וואָס די נאַראָנים פון אַלע צייטען האָבען געזאָגט. זיי זיינען דאָס שטענדיג די גרויסע חכמים. זיי וועלען טהאָן אַלעס פּונקט ווי זייערע זיידעס האָבען געטהאָן, וועל־כע בייטען קיינמאָל ניט זייער מיינונג, נעמען קיין מאָל ניט אויף קיין נייע אידעע, וואַקסען קיין מאָל ניט, און זיינען לאַנג טויט אירדיש. זיי ווערען בעגראָבען און פאַרגעסען אַ טאָג נאָך דער מיתה. וואָס איהר זאָלט ניט ווערען, בעט איך אייך ניט צו ווערען קיין נאַראָנים און ניט צו פאָלגען קיין נאַראָנים. ער איז גייסטיג פערשימעלט און בעוואַקסען מיט גראָז, און וואָס ער טוט אַליין מיט ניט מעהר שכל, ווי אַ ליימענער גולם.

דער משל מיט'ן הונגעריגען הונד

פון דער תורה, וואָס בודדאה האָט געגעבען דער וועלט — 600 יאָהר פאַר כריסטוס.

אמאָל האָט געלעבט אַ גרויזאַמער טיראַן, און גאָט אינדרא האָט זיך אין אַ יעגער פערוואַנ־וואַנדעלט און אויף דער ערד אַראָבגעשוועבט.

דער טייוועל מאַטאַלי, וועלכער האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ מאוים'דיג גרויסען שרעקליכען הונד, איז אויך אַראָב אויף דער וועלט, אין דער בעגלייטונג פון היילינגען אינדרא. און דער הונד האָט זיך אַזוי טרויעריג־עלענד צואוויינט, אַז די ווענט פון פרעכטיגען בנין האָבען אַ שוידער געטהאָן צוזאַמען מיט די זיילען, אויף וועלכע זיי האָבען זיך געהאַלטען. פאַר זיינע מאַיעסטעטישע אויגען איז געשטאַנען דער פירכטערליכער יעגער, און דער טיראַן האָט די אורזאַכע פון דעם הינטישען צער געוואָלט וויסען „ווייל ער איז הונגעריג", האָט אויף דעם דער יעגער געענטפערט. דער טיראַן, וועמען ס'האָט בעת מעשה אין גרויס פחד געוואָרפען, האָט געהייסען ברייגען וואָס מעהר שפייזען פאַר'ן הונגעריגען הונד. אַלע מאכלים, וואָס מען האָט נאָר געקאָכט און געבאַקט פאַר'ן קעניגליכען טיש, זיינען אויפ'ן שנעלסטען אופן פערשוואונדען אין דעם גיריגען מויל פון דער מורא'דיגער חיה. דער יאָמער האָט אָבער ניט אויפגעהערט און האָט געקלונגען, ווי אַ טרויעריגע בשורה, ווי אַן אונפערמיידליכער אונגליק. מען האָט געבראַכט נאָך און נאָך עסען. מען האָט אַלע שפייכלערס פון קייזערליכען הויף אויסגעלעדיגט. מען האָט עס אַלץ געלעגט פאַר'ן הונד, וועלכער האָט אַלץ אריינגעשלונגען און דאָך ניט אויפגעהערט צו וואָיען.

דאַן איז דער טיראַן אַריין אין אַ גרויסע פערצווייפלונג:

„וועט קיין זאך ניט שטילען", האט ער אויסגעשריען, „דעם בעגעהר פון דיעזער פירכטערליכער חיה ?" — „קיין זאך וועט ניט שטילען", — איז געוועזן די תשובה פון יעגער : „סיידען מען וועט איהם די פלייש פון אלע זיינע שונאים אוועקגעבען". — „און ווער זיינען עס זיינע שונאים ?" — האט דער טיראן גע־פרעגט און אויפגעציטערט. — „אזוי לאנג וועט ער וואיען", האט דער יעגער געענטפערט, „ביז וואנען הונגעריגע מענשען וועלען זיין אין דיין לאנד, און זיינע שונאים זיינען די יעניגע, וועל־כע זיינען נידערטרעכטיג און זיי אונטערדריקען די ארימע".

דער טיראן האט זיך דא דערמאהנט וועגען די פינסטערע מעשים, וואס ער האט אבגעטהאן מיט זיין פאלק. ער האט חרטה געקראגען אויף דאס פארגאנגענע און זיין געוויסען האט צום ערשטען מאל אנגעהויבען תשובה טהאן פאר זיינע פריה־עריגע זינד.

און פון דאן אן האט דער טיראן אנגעהויבען הערען די שטי־מע פון יושר.

וועגען רייכקייט

פון העזיאד.

גריכישער פאעט, 650 יאהר פאר כריסטוס.

פאראן א סך מענשען, וואס ווערען פערפיהרט פון זו־כען זילבער, און פערלען און גאלד. זיי זאמלען עשירות — דורך גנבה און גוואלד, דורך ברודער־פערראטה און דורך ליעגען. און געטער, וואס זעהען אין הימעל און ערד, זיי זעהען אוי־דיעזען בעטרוג — זיי נעהמען די פרוי און די קינדער אוועק, זיי נעהמען אוועק אלע פריינד און די רייכקייט ווערט פערשוואונ־דען שנעל ווי א טרוים...

די אונרעכט פון רייכטהום

פון גרענט אללען.

(1848—1899)

ענגלישער שרייבער און וויסענשאפטסמאן.

איהר זייט א שלעכטער, אויב איהר האלט מיט די, וועלכע בערויבען די געזעלשאפט. איהר זייט א גוטער, אויב איהר זייט פאר סאציאלען יושר. היינטיגען טאג איז ניטא קיין אנדער מאס פאר'ן אבשאצ'ן הויכע מאראליטעט און ריכטיגע אויפפיהרונג.

אויף דעם טענה'ן די קריטיקער פון מיטעלשטאנד: „ווער האט עם איהם אזוי געהייסען זאגען? וואס וועט ער דערמיט געווינען?" דיעזע קליינבירגערליכע טיפען זיינען אזוי בעגרע־נעצט אין זייערע אידעען פון זעלבסטצופריעדענעם עגאאיזמוס, אלס דעם איינציגען מאטיוו פון זייער טהעטיגקייט, אז זיי קע־נען גאר ניט בעגרייפען ווי מען קען עס זאגען דעם אמת, ארויס־געהענדיג פון אן עהרליכען, אינערליכען גלויבען אין א בריי־טען געזעלשאפטליכען אידעאל.

אזעלכע קריטיקער וואלט איך געענטפערט: „איך גלויב מיט מיין הארץ און מיין נשמה אין וואס איך האב געזאגט. איך גלויב, אז די ארימע זיינען בערויבט פון דעם, וואס געהערט זיי על פי יושר. איך גלויב, אז די רייכע זיינען, מעהרסטענטיילס, עגאאיסטיש און ניעדערטרעכטיג. איך בין איבערצייגט, אז רייכקייט ווערט, אין אלגעמיין, געזאמעלט מיט אכזריות'דיגע און ניט עהרליכע מיטלען. איך דענק, אז ס'איז ניט ריכטיג צו בלייבען גלייכגילטיג צו דער אונגלייכהייט פון דער עקזסטירענ־דער געזעלשאפטליכער ארדנונג. איך דענק, אז ס'איז אונזער חוב

צו שאפען א נייע אָרדנונג, וואו גערעכטיגקייט וועט זיין פאַר אַלעמען, וואו אָרימקייט וועט זיין אונמעגליך. איך גלויב אז אזא סיסטעם איז מעגליך צו פערווירקליכען און אז קיינע מניעות זיי־גען ניטאָ אין וועג, אויב מ'זאָל נור אוועקנעהמען דעם שרעקען זיך פאַר דעם און די פאַראורטיילען פון איינצעלנע פערזאָנען. און איך בין איבערצייגט, אז דיזע מורא פאַר רעפאָרמען און אי־בערקעהרונגען, דיזע שמאָלע, איינגעוואָרצעלטע פאַראורטיילען, האָבען קיין באָדען ניט אונטער זיך און עקזיסטירען נור א דאנק א מעות. יעדער איינער, אפילו די רייכע גופא, וואָלטען געווען אויף א סך גליקליכער, ווען קיין אָרימקייט וואָלט ניט עקזיסטירט, ווען מען וואָלט ניט געהערט די זיפצען פון האָס און קרעכצען פון ליידען אויף יעדען שריט און טריט, ווען מען וואָלט אָבגעראַמט פון דער וועלט דעם שמוציגען זומפּ פון דלות, און ווען יעדערער וואָלט געהאט זיין גלייכען און גערעכטען חלק אין די פערגני־גענס און תענוגים פון א פרייער און א גלייכער געזעלשאפט."

א פיליסטער איז ניט א מענש, וואָס פערשטעהט ניט ליטעראטור, קונסט. אזעלכע איינפאכע מענשען, ווי פישער, פויערען, האנדווערקער האָבען דעם מינדעסטען בעגריף ניט פון קונסט און זיינען דאָך דאָס זאַלץ פון דער ערד, זיי בע־צויבערען אונז.

א פיליסטער איז דער שקלאַף פון מעכאַנישען, שווערען, בלינדען, אונגעלומפּערטען אין דער וועלט און געזעלשאפט. ער איז אליין בלינד, שווער, מעכאַניש, אומגעלומפּערט. ער האָט אין זיך קיין שום לעבען ניט און האָט פיינד אלעס, וואָס האָט עפּעס א לעבען אין זיך.

א. אוּאיילד.

פון איוב

ווייסט דו ניט, אַז פון אייביג אָן, זייט דער מענש איז בע־שאַפען געוואָרען, האָט דער טריאומף פון די שלעכטע קיין האַלט ניט, און זייער פרייד איז אויף אַ ווײַלע.

און זאָל זיין גרויסקייט ביז׳ן הימעל גרייכען און אָן די וואָלקענס זיך אָנלעהנען.

וועט ער פערלאָרען געהן אויף אייביג ווי זיין מיסט, און די אַלע, וואָס האָבען איהם נור וואָס געזעהן, וועלען פרעגען: וואו איז ער?

ווי אַ חלום וועט ער אוועקפליהען און פערגעהן, ווי די זעה־הונג פון נאַכט.

דעם אָרימאַן׳ס גוטס, וואָס ער האָט איינגעשלונגען, וועט ער אויסברעכען, פון זיינע אינגעווײדען וועט עס אַרויסשטויסען דער אויבערשטער.

ער וועט זויגען דאָס גיפט פון עספּענשלאַנגען, איהם וועט טויטען די צונג פון׳ם פיפּערנאָטער.

ער וועט ניט זעהן די טייכען, און די קליינע וואַסערען, וואָס פליסען מיט מילך און האָניג.

ער וועט אויסמעקען דאָס אָנגעפּרעסענע און וועט צוריק־געבען זיין האָב און גוטס.

ווייל ער האָט אונטערדריקט די אָרעמע און פערלאָזען זיי; ער האָט הייזער זיך גענומען, וועלכע ער האָט ניט געבויט.

פון קיין זעטיגונג האָבען ניט געוואוסט זיינע איינגעווײדען, דעריבער וועט ער ניט אַנטרינען מיט זיינע רייכקייטען.

פון זיין פרעסעריי איז גאָרניט געבליבען, אַזוי וועלען זיך אויך אויסלאָזען זיינע גוטע טעג.



קיינער קען ניט דינען צוויי הארען אין איין צייט: אָדער איהר וועט איינעם האסען, און דעם אַנדערען ליעב האָבען; אָדער איהר וועט איינעם צוליעב טהון, און דעם אנדערען גאָר אין זין ניט האָבען. איהר קענט ניט דינען גאָט און דעם גאָל־דענעם קאַלב.

עוואַנגעליום.

און וועסטו האָבען איינגעריכט דיינע הענד אין אומגערעכ־טיגקייט, טהו זי אָב פון דיינע הענד און לאָז ניט אריין אין דיין געצעלט די זינד.
וועסטו קוקען מיט אויגען אונבעפלעקטע און זיין פעסט און ניט וויסען פון שרעק.
פערגעסען אָן דיינע ליידען און ווי וואסער, וואָס לויפט שנעל פאַרביי, דערמאָנען זיך אָן זיי.
און אויפגעהן וועט די זון פון דיין לעבען העלער פון׳ם מיטען־טאָג און פון דער פינסטערניש וועט א ליכטיגער פריה־מאָרגען ווערען.
און דו וועסט זיין זיכער, אז דו האָסט האָפנונג, דו וועסט גראָבען ארום דיין הויז און זיצען אין זיכערקייט.
אָבער די אויגען פון די פאַרדאָרבענע וועלען פערשמאַכט ווערען און אנטרינען וועלען זיי ניט קענען און אָהן האָפנונג וועלען פערגעהן זייערע טעג.

איוב, י״א.

א מענש איז אזוי וועניג בעשאַפען צו זיין האר, צו צווינ־גען, הייסען, בעפעהלען, ווי צו זיין קנעכט, פאָלגען אנדערע. פון די דאָזיגע געוואוינהייטען ווערען פערדאָרבען מענשען. אויף איין זייט — טפשות, אויף דער אנדערער — חוצפה, און אין ערגעץ ניט קיין שפור פון אמת׳ער מענשליכער ווירדע.

קאנסידעראן.

אויב נישט נאָך העכער

פון י. ל. פרץ.

דער נעמיראָווער רבי פלעגט סליחות־צייט יעדען פריה מאָרגען נעלם ווערען, פערשווינדען. מען פלעגט איהם ניט זעהן אין ערגעץ — ניט אין ביידע בתי־מדרשים, ניט ביי א מנין, און אין דער היים אודאי ניט. די שטוב איז געשטאַנען אָפען; ווער עס האָט געוואָלט, איז אריינ־און ארויסגעגאַנגען — גע׳גנב׳עט ביים רבי׳ן האָט מען ניט. אָבער קיין לעבעדיג בעשעפעניש איז אין שטוב נישט געווען.

וואו קען זיין דער רבי?

וואו זאָל ער זיין? אודאי אין הימעל — אזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען א ליטוואַק, לאַכט ער, אפילו משה רבינו, ווייזט ער, האָט ביים לעבען ניט געקענט ארויף אויפן הימעל. נו, געה שפּאַר זיך מיט א ליטוואַק.

— וואו דען קומט אהין דער רבי?

— מיין דאגה! — ענטפערט ער און ציהט מיט די אַקסעל. און אזוי רעדענדיג איז ער זיך מישב צו דערגעהן די זאַך.

נאָך דעמזעלבען פארנאַכט, באַלד נאָך מעריב, גנב׳ט זיך דער ליטוואַק צום רבי׳ן אין חדר אריין, לעגט זיך אונטער׳ן רבינ׳ס בעט, און ליגט. פאַרטאָג הערט ער, ווי מען קלאַפּט צו סליחות. דער רבי איז שוין ניט געשלאָפען א צייט; דער ליטוואַק הערט איהם קרעכצען.

דער רבי, זאָל לעבען, שטעהט אויף. פריהער טהוט ער, וואָס א איד דאַרף טהאָן; דערנאָך געהט ער צו צו דעם קליידער־

אלמער און נעהמט ארויס א פעקעל. עס בעווייזען זיך פויערי־שע קליידער: לייווענטינע פלודערען, גרויסע שטיוועל, א פויע־ריש פעלצעל, א גרויס פוטערען היטעל מיט א ברייטען לאנגען לעדערנעם פאס, אויסגעשלאגען מיט מעשענע נעגעלעך. דער רבי טהוט אלץ אן, פון דער קעשענע פונ׳ם פעלץ שטעקט ארויס אן עק פון א גרויסען שטריק, פון א פויער׳שען שטריק.

דורכגעהענדיג, טרעט דער רבי אב אין קיך, בויגט זיך איין, פון אונטער א בעט נעהמט ער ארויס א האק, פערלעגט זי אונ־טער׳ן פאס און געהט ארויס פון שטוב.

דער ליטוואק ציטערט, נור ער טרעט ניט אב.

א שטילער, ימים־נוראים׳דיגער פחד וויגט זיך איבער די טונקעלע גאסען. אפט רייסט זיך ארויס א געשריי פון סליחות אדער א קראנקער קרעכץ פון עפעס א פענסטער. דער רבי האלט זיך אן די זייטען פון די גאסען, דער ליטוואק געהט איהם נאך, ביז זיי קומען אוים דער שטאדט ארויס.

דער רבי נעהמט זיך אין וועלדעל אריין, שטעלט זיך אב ביי אביימעל, נעהמט ארויס פון פאס די האק און שלאגט אין בוימעל אריין. דאס בוימעל פאלט, און דער רבי שפאלט עס אויף דינע שייטלעך, און ער מאכט זיך א בינטעל האלץ, נעהמט עס ארום מיט׳ן שטריק פון קעשענע,ווארפט דאס בינטעל האלץ איבער די פלייצעס, שטעקט צוריק אריין די האק אינ׳ם פאס, לאזט זיך ארוים פון וואלד, און געהט צוריק אין שטאדט אריין.

אין א הינטער־געסעל שטעלט ער זיך אב ביי אן ארעם, האלב־איינגעבראכען הייזעל און קלאפט אן אין פענסטערעל.

— ווער איז דאס? — פרעגט מען דערשראקען פון שטוב ארוים.

דער ליטוואק האט דערקענט, אז דאס איז א קול פון א אידישער פרוי, א קראנקער פרוי.

— איך! — ענטפערט דער רבי אויף פויעריש לשון.

— ווער איך? — פרעגט א קול פון שטוב אויף גוי׳איש.

און דער רבי ענטפערט ווייטער אויף פויעריש: וואסיל.

— וואָס פאַר א וואסיל און וואָס ווילסטו, וואסיל ?

— האַלץ, זאָגט דער פערשטעלטער וואסיל, האָב איך צו פערקויפען, זעהר ביליג... בחצי חנם האָלץ.

און ניט ווארטענדיג אויף תשובה, נעהמט ער זיך אין שטוב אריין.

דער ליטוואק גנב׳ט זיך אויך אין שטוב אריין און, אינ׳ם גרויען ליכט פון פריהמאָרגען, זעהט ער א אָרימע שטוב א צו־בראָכענע, אָרימע כלי בית, אין בעט ליגט א קראנקע פרוי, א פערוויקעלטע מיט שמאטעס. זאָגט זי מיט א ביטער קול :

— קויפען ? מיט וואָס זאָל איך קויפען ? וואו האָב איך, אָרימע אלמנה, געלד ?

— איך וועל דיר באָרגען ! — — ענטפערט דער פער־שטעלטער וואסיל. — אינגאנצען זעקס גראָשען.

— וואו וועל איך נעמען די צו בעצאָהלען ? — קרעכצט די אָרימע פרוי.

— נארישער מענש, — מוסר׳ט זי דער רבי, — זעה, דו ביסט איין אָרימע, קראנקע אידענע און איך געטרוי דיר דאָס ביסעל האָלץ, איך בין בטוח, אז דו וועסט בעצאָהלען און דו, דו האָסט אזא שטארקען, גרויסען גאָט און געטרויסט איהם ניט. דו האָסט אויף איהם, אויף נארישע זעקס גראָשען פאר׳ן בינ־טעל האָלץ, קיין בטחון נישט ?

— און ווער וועט מיר איינהייצען ? — קרעכצט די אלמנה.

— איך האָב דען כח אויפצושטעהן ? מיין זוהן איז אויף דער ארבייט געבליבען.

— איך וועל דיר איינהייצען — זאָגט דער רבי.

אריינלעגענדיג דאָס האָלץ אין אויבען, האָט דער רבי קרעכ־צענדיג געזאָגט פון סליחות דעם ערשטען פזמון. אז ער האָט עס אונטערגעצונדען און דאָס האָלץ האָט פרעהליך געברענט, האָט ער געזאָגט שוין אביסעל לוסטיגער פון די סליחות דעם צווייטען פזמון. דעם דריטען פזמון האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגעברענט און ער האָט די בלעך פערמאכט.

* * *

דער ליטוואק, וואס האט אלץ געזעהן, איז שוין געבליבען א נעמיראָווער חסיד. און שפּעטער, אויב א חסיד האט אמאל פערצעהלט, אז דער נעמיראָווער פליהט ארויף סליחות צייט יעדען פריהמאָרגען אין הימעל אריין, פלעגט שוין דער ליטוואק ניט לאכען, נור זאָגען שטילערהייט:

— אויב נישט נאָך העכער.

פון קענקאָ האָשי

יאפּאנישער בודריסטישער גלח אין 14־טען יאָהרהונדערט.

א הערשער פון א לאנד דארף זעהען, אז קיין מענש זאל ניט ליידען פון הונגער און קעלט אונטער זיין רעגירונג. א מענש איז ניט אימשטאנד צו זיין פרום און גוט, בעת ער האט ניט קיין געוועהנליכע מיטלען צום לעבען.

* * *

אזוי לאנג, ווי דאס פאלק אונטער א שלעכטע רעגירונג ליידט פון הונגער, וועלען פערברעכער קיין מאל ניט פערשווינ־דען. ס'איז זעהר ניט ריכטיג צו בעשטראפען די יעניגע, וועלכע זיינען גענויטיגט צו פערשוועכען די געזעצען, ווייל זיי ליידען פון הונגער.

* * *

די הערשענדע קלאסען דארפען אויפהערען פערשווענדען דעם רייכטום אויף לוקסוס־זאכען, כדי בעסער צו העלפען דאס פאלק, וואס איז בעהערשט, ווארים נור דאן קען מען איינעם מיט יושר אנרופען גנב, ווען ער האט די נויטיגע מיטלען צום לעבען, און דאך גנב'עט ער.

כשר׳ע מערדעריי

פון מענציום

כינעזישער דיכטער — 300 יאָהר בעפאָר קריסטוס.

אמאָל האָט דער קעניג פון לינג געזאָגט: „איך וויל הערען דיין תורה“. מענציום האָט געענטפערט: „וואָס איז דער אונטערשיעד, צי וועט מען הרג׳ענען א מענשען מיט א שטעקען, צי איהם טוידטען מיט א שווערד?“

„קיין אונטערשיעד“, איז געוועןן דער ענטפער פון קעניג.

מענציום האָט דאַן געזאָגט: „איז ניט דאָס זעלבע הרג׳ענען א מענשען מיט א שווערד און טוידטען א מענשען מיט דער מאכט פון דער רעגיערונג?

„קיין אונטערשיעד!“ — האָט ווידער דער קעניג געענטפערד.

מענציום האָט דאַן געזאָגט: „אין דיינע שטאַלען זיינען דאָ פעטע בהמות און אָבגעגעסענע פערד, אָבער דיין פאָלק איז פערהונגערט און אויף די פעלדער ליעגען די קערפערס פון די טוידטע. אזא לאגע אין לאַנד פיהרט צו דעם, אז חיות זאָלען לעבען אויפ׳ן חשבון פון מענשען. ווען א חיה שלינגט איין אַן אַנדער חיה, רופען מיר עס רציחה און מיר פערהאַסען עס, היינט, פרעגט זיך, מיט וואָס פאַר א נאָמען זאָל מען אָנרופען א פאָטער פון א פאָלק, וואָס איז מקריב זיינע מענשען פאַר חיות?“

פון קאָראַן

יושר איז אַן אונבעזיעגבארע פעסטונג וואָס שטעהט אויף דעם ראַנד פון אַ בארג.
די מעכטיגסטע שטראָמען וועלען איהר ניט איבערקעהרען.
און די מעכטיגסטע ארמעען וועלען איהר ניט חרוב מאכען.

שטאָלץ און אָרימקייט

פון קאָנפוציוס

כינעזישער פילאָזאָף — 500 יאָהר בעפאָר כריסטוס.

מענשען פערלאַנגען רייכקייט און עהרע.
ווען אָבער זיי זיינען ערווארבען מיט שמוציגע מיטלען, טאָרען זיי עס ניט האַלטען.
מענשען פערהאַסען אָרימקייט און נידעריגע אָבשטאַמונג.
ווען אָבער זיי זיינען געבראַכט צו דיזע אומשטענדען אַ דאַנק שמוציגע מיטלען, דאַרפען זיי זיך ניט שעהמען מיט דעם.

אַן אַראַבישׁ שפּריכוואָרט

זיין נערעכט איין טאָג איז געגליכען צו 60 יאָהר תפלות.

דער סאסובער צדיק

פון י. שטיינבערג.

(1861—1908)

העברעאיש־אידישער בעלעטריסט. געבאָרען אין ליפקאָני, בעססאַר. גוב. איז בעריהמט פאַר זיינע חסידישע ערצעהלונגען.

אידיש: ש. זעצער.

עס איז בעקאַנט, אַז דער סאָסובער צדיק האָט ליעב געהאַט יעדען איינעם, סיי אַ צדיק, סיי אַ רשע, און פלעגט געפינען אַ זכות אפילו אויף די רשעים, וואָס זיינען פול מיט עבירות ווי אַ מילגרוים. און נאָך מעהר: ביי איהם אין די אויגען זיינען גאָר קיין רשעים ניט געוועןן; אַלע זיינען ביי איהם צדיקים געוועןן. און פלעגט דער סאָסובער בעגעגענען רשעים, אויף וועלכע ער האָט שוין גאָר קיין זכות ניט געקענט געפינען, פלעגט ער קרעכצען און זאָגען: דו האָסט דאָך, רבונו של עולם, בעשאַפען די וועלט און די מענשען; דער גוף איז דיינער, די נשמה — דיינע, דו ווייסט דאָך גוט, אַז נישט מיר זינדיגען, נור דער יצר הרע, וואָס דו האָסט אין אונז בעשאַפען.

ביים סאסוב'ער אין שטוב האָט געוואוינט אַ שכנה, וועלכע האָט געהאַט גרויס צער פון גדול בנים; אַלע איהרע קינדער פלעגען שטאַרבען קליינערהייט. איינמאָל האָט זי זיך געקלאָגט פאַר דער רבי'צין און האָט גערעדט געגען דעם אויבערשטען; האָט זיך די רבי'צין געבייזערט אויף איהר: אַז עהרליכע פרוי דאַרף געבען גאָט גערעכט! אודאי איז דער אויבערשטער גע־רעכט און מיר זיינען גאָרנישט ווערט די חסדים, וואָס ער טהוט מיט אונז.

אַז דער צדיק האָט דערהערט די האָזיגע ווערטער, איז

ער אויף דער רבי'צין אין כעס געוואָרען און האָט אָנגעהויבען צו שרייען: דו זאָגסט, אַז דער אויבערשטער איז גערעכט! עס שטעהט דאָך אָבער געשריבען: „זאָגט ניט, אַז זיינע משפטים זיינען גערעכטע!" אדרבא, איך זאָג, אַז די פרוי איז גערעכט! וואָס פאַר אַ טענות האָט דער רבונו של עולם צו איהר? האָט זי דען ניט געטהאָן אַלע מצוות, טאָ פאַר וואָס שטהאָפט ער איהר?

און אין יענעם יאָהר טאַקי איז די פרוי אויפגעריכט געוואָרען און האָט אויסגעטראָגען דאָס קינד, זוכה געווען צו פיהרען איהם אונטער דער חופה, און דער צדיק איז געווען זיין אונטערפיהרער.

דעם סאָסובער'ס מקורבים פלעגען דערצעהלען, אַז שטענדיג פלעגט ער זיך מצער זיין און זאָגען: ווען שטאַרב איך שוין, וואָלט איך דאָס פייער פונ'ם גיהנם אויסלעשען.

און נאָך דערצעהלען די סאָסוב'ער חסידים אַזאַ וואונדערליכע מעשה וועגען דעם הייליגען מענשען:

דער שטן האָט געהאַט פון שטענדיג אַן אַ כעס אויפ'ן סאָסוב'ער און האָט ענדליך געשוואָרען נוקם זיין זיך אין איהם. אויף דעם צווייטען טאָג ראש השנה פאַר תקיעת שופר איז דער צדיק געגאַנגען טובל'ען זיך אין מקוה, איז דער שטן געקומען און האָט איהם דעם וועג פערפלאָנטערט אַזוי, אַז פון ביידע זייטען וועג האָט ער געזעהען נור שנעע און אייז; האָט דער צדיק פערגעסען, וואוהין ער געהט, און ניט געוואוסט, אַז היינט איז דער צווייטער טאָג ראש השנה... איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז היינט איז שבט־אדר און ער געהט עס כשר'ן אַ מיהל, וואָס דאַרף מאַהלען פסח'דיגע מעהל. פלוצלונג דערזעהט ער אַנטקעגען אַ פאַלאַץ אַ גרויסען, האָט ער גערעכענט, אַז דאָס איז די מיהל און איז אַהין אריינגעגאַנגען.

און ווי נור ער האָט די טיר אויפגעעפענט און די שוועל איבערגעטראָטען, האָט זי זיך באַלד פערמאַכט הינטער איהם און ער האָט זי שוין מעהר ניט געקענט אויפעפענען. איז ער

געבליבען שטעהן אין א גרויסען צימער, ממש א קייזערליכער זאל, און אינמיטען צימער שטעהט א גאלדענער טיש, און אויף א מארמארנעם שטוהל זיצט א שעהנהייט אן איבערנאטירליכע און לאכט צו איהם און ווינקט...

און אינ'ם קאמין, וואס אינ'ם ווינקעל זאל, ברענט א פייער, וואס פערשפרייט א גוטע ווארימקייט איבער'ן צימער. דער צדיק פיהלט עפעס א פערגניגען, ווארום די קעלט האט איהם שטארק דורכגענומען, און די שינהנהייט לאכט און לאכט און הויבט פלוצלונג אן צו ריידען צו איהם אידיש.

און דער צדיק, ווי ער האט נאר דערהערט איהר רעדען אידיש, האט ער זיך זעהר דערפרעהט, וואס אידישע טעכטע זיינען אזוי שעהן, און האט בעשלאסען, אז מען דארף בעטען דעם רבונו של עולם ער זאל בעשענקען אלע אידישע טעכטער מיט אזוינע פאלאצען, ווע׳לען זיי אלע אויף געווים זיין שעהן.

און די קוילען, וואס אינ'ם קאמין, רעדען איהם צו: זיי ניט קיין שוטה! דאס אויג זעהט, און דאס הארץ גלוסט, און דאס לעבען איז געגעבען געווארען דעם מענשען, אז ער זאל הנאה האבען פון איהם.

דער צדיק וואונדערט זיך און שווייגט.

האט זיך די שעהנהייט אויפגעהויבען, צוגעגאנגען צו איהם און געפרואווט אנריהרען זיין האנד. דער צדיק קוקט א פערוואונדערטער אויף איהר און זאגט: טאכטער! מען טאר דאך נישט!

האט זי אנגעהויבען וויינען: אויב דו וועסט מיך ניט לאזען אנריהרען דיך אין האנד, וועל איך שטארבען פאר דיר אין די אויגען. האט דער צדיק א טראכט געגעבען, אז פקוח נפש איז א גרויסע זאך, אבער שלעכט איז, וואס ער קאן נאך חלילה הנאר האבען פונ'ם ריהר פון איהר האנד. האט ער זיך אביסעל פערטראכט און אן עצה געפונען: ער האט די הענד זיינע אויף די פייערדיגע קוילען געהאלטען, ביז דאס פלייש איז פול מיט וואונדען געווארען, און איהר די האנד אויסגע־

שטרעקט, זאגענדיג מיט גרויס רחמנות: ריהר זיך אן אין איהר און שטארב נישט!

אז די שעהנהייט האט זיך אנגעריהרט אן זיין האנד, האט ער דערפיהלט א שטארקען וועהטאג; ער האט זיך אבער גע־שטארקט און געליטען דעם וועהטאג מיט גרויס שמחה, וואס ער האט מציל געווען א אידישע נשמה.

און אז די חוצפה'דיגע פרוי האט דערזעהן, דאס אזוי וועט זי איהם ניט בייקומען, האט זי אנגעהויבען זינגען אזוי ווייך, אזוי צארט, אז עס צונעהמט אלע אברים און דערוועקט אינ'ם הארצען שלעכטע מחשבות. דער צדיק האט דערפיהלט, אז איהר קול דרינגט איהם אין הארצען אריין און דערשראקען זיך פאר אן עבירה, האט ער גענומען א נאדעל פון טיש, צו־געברענט זי אין פייער, און דורכגעשטאכען די אויערען, ביז ער איז טויב געווארען.

דערזעהענדיג, אז דער צדיק איז אלץ שטארק ביי זייך, האט די חצופה פון זיך די קליידער אראבגעווארפען און איז געבלי־בען שטעהן א נאקעטע. א פייער האט זיך אינ'ם צדיק'ס הארץ אנגעצונדען, א זינדיגער פייער. וואס האט ער געטהאן, כדי דעם פייער צו פערלעשען? ניט לאנג טראכטענדיג, האט ער זיך בלינד געמאכט.

אין דער דאזיגער מינוט איז א שרעקליכער שטורם־ווינד געווארען, און דונערען און בליצען זיינען פון הימעל געפלויגען; דער צדיק זעהט די בליצען און הערט די דונערען, ניט קוקענדיג, וואס ער האט זיך די אויגען געבלענדט און זיך טויב געמאכט; ער האט אויך באלד דערקענט, אז די בליצען און דונערען זיי־נען ניט פון הימעל, האט ער זיך געוואונדערט און אויפגעהויבען די אויגען זיינע — נישטא קיין פאלאץ, זאל, שעהנהייט, ער שטעהט ביז אין די קניה אין א טיעפען זומפ. דאמאלס האט ער זיך דערמאנט, אז היינט איז דער צווייטער טאג ראש השנה, האט ער פערשטאנען, אז דאס איז אלץ געווען א פערבלענדע־ניש, מעשה שטן, נאר א נסיון, האט ער באלד אנגעהויבען

טענה׳ן צום רבונו של עולם: גרויסער גאָט! אַלע דיענען דיר און טהוען דיין ווילען, אפילו דער שטן. וואָס ווילסטו נאָך? זאָל זיין אַ גוטע שעה און דער רחמנות דיינער זאָל גובר זיין דעם כעס דיינעם!

און באַלד, דערצעהלען די חסידים, איז דער הימעל אויס־געלייטערט געוואָרען, און דער צדיק איז געבליבען שטעהן פאַר׳ן מרחץ, איז אריינגעגאַנגען, זיך אָבגע׳טובל׳ט און געגאַנגען הע־רען די תקיעות.

אין יענער מינוט האָט מען אויסגערופען אין הימעל: ווער עס ייל אַ מליץ יושר זיין אויף רעים און זינדיגע, זאָל פריהער אויסשטעהן אַזעלכע נסיונות, ווי דער סאַסוב׳ער צדיק.

און די מקובלים דערצעהלען בסוד, אַז אינ׳ם טאָג פון׳ם צדיק׳ם פטירה האָט ער זיך געבעטען ביים מלאך, ער זאָל איהם פיהרען איבער אַלע מדורי גיהנם. און פון דעמאָלט אָן ברענט ניט דער גיהנם מיט אַזא שרעקליכער היץ און די רשעים האָבען קלענערע יסורים.

פון ר׳ איציק דעם תמ׳ס דרכים

פון י. שטיינבערג.

אידיש: ש. זעצער.

וועגען ר׳ איציק דעם תם דערצעהלען חסידים, אז ער האט גארנישט געוואוסט, אז ער איז א צדיק, ער האט געהערט זאגענדיג, אז ער איז א צדיק גדול, האט ער זיך שטארק גע׳חדוש׳ט אויף אזעל־כע רייד, אבער ער האט ניט געהאט אין זיך גע־נוג חוצפה ניט צו גלויבען, וואס מענשען זאגען — „זיינען דען אידישע קינדער חשוד אויף א ליגען? מסתמא האב איך זכות אבות!“ — אזוי האט ער זיך פערענטפערט דעם ענין.

איינמאל, דערצעהלט מען, האט זיך די רבי׳צין געקלאגט פאר ר׳ איציק׳ן, אז זי דארף פרנסה, און דער גבאי זיינער האט אויך געקלאגט אויף דחקות. האט דער תם געוואלט בענשען די רבי׳צין און דעם גבאי, אז גאט זאל זיי געבען פרנסה בריוח, האט איהם אבער דער גבאי דערמאנט, אז א צדיק קען ניט משפיע זיין אויף זיינע אייגענע. זאגט דער תם מיט תמימות: „אויב אזוי וועל איך פאהרען צו וועלכען ניט איז צדיק.“

די רבי׳צין אבער מיט דעם גבאי האבען אויסגעפונען, אז עס איז גלייבער, דאס ר׳ איציק זאל בעסער פערפאהרען אין די אלע שטעדט, וואו ער האט חסידים, און זאל זיי מזכה זיין מיט ברכות, און פון די פדיונות וועט ער מאכען אביסעל געלד אויף פרנסה.

— מהיכא תיתי, — האט געזאגט דער תם — פרנסה האָ־בען דארף דאך א מאן און זעהן זיך מיט דעם רבונו של עולם׳ס אידען איז דאך אודאי און אודאי א גוטע זאך.

האט געדונגען דער גבאי א וואגען אויף א גאנצע וואך און זיי האבען זיך אוועקגעלאזט אין איינע פון די ווייטע שטעדט,

ווייל דער גבאי האָט זיך געטראַכט: „ווי גוטער בוימעל לאָזט זיך הערען ווייט, אזוי לאָזט זיך הערען דער נאָמען פון צדיקים. און די ווייטע ערטער איז גרעסער דער נאָמען זייערער, ווי אין יד נאָהענטע שטעדט". בעצם האָט ער מורא געהאַט, טאָמער וועט ער אין דער ערשטער שטאָדט, און וועלכער ער וועט פאַר־פאָהרען, שוין בעקומען חיונה אויף איין וואָך און וועט באַלד אהיים צוריקקעהרען זיך.

און אזוי זיינען זיך געפאָהרען דער תם, דער גבאי און דער בעל עגלה, ביז זיי זיינען געקומען ניט ווייטער פון צוויי מייל פון דער שטאָדט. האָט דער גבאי געגעבען אַן עצה אָב־צושטעלען זיך און אויסרוהען זיך אביסעל, און שטילערהייט האָט ער געהייסען דעם בעל־עגלה לויפען אין שטאָדט און מודיע זיין, אז דער צדיק ר׳ איציק תם איז געקומען צופאָהרען און וואַרט, מען זאָל איהם געהן מקבל פנים זיין.

האָט דער בעל־עגלה אָבגעטהאָן זיין שליחות און זיך באַלד צוריקגעקעהרט. דער תם האָט אָנגעהויבען איילען דעם בעל־עגלה; ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל חלילה ניט פערשפעטיגען מנחה בצבור. דער גבאי האָט זיך אָבער ניט געאיילט. אויפ־הויבענדיג די אויגען צום באַרג, האָט ער דערזעהן, ווי עס לאָזען זיך אראָב וואָגענס, האָט ער שוין פערשטאַנען, אז דאָס קומט מען זיי אנטקעגען, האָט ער זיך געזעצט אין וואָגען און זיי זיינען געפאָהרען אין שטאָדט אריין.

און דער תם האָט אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהן וואָגענס פון אלע זייטען. האָט ער פערוואונדערט געפרעגט איינעם פון די פאַרבייגעהענדע, וואוהין פאָהרען זיי דאָס אלע, האָט יענער געענטפערט:

— מקבל פנים זיין אַ צדיק.

— מקבל פנים זיין א צדיק?... איז דאַ פאַראַן א צדיק, און איך האָב גאָר ניט געוואוסט? דרעה אויס דעם וואָגען — הייסט ער דעם בעל עגלה — אפשר וועלען מיר זוכה זיין און זיין פון די ערשטע.

דער בעל עגלה קראצט זיך אין קאפ, און קוקט אויפ׳ן גבאי. דערווייל זיינען אנגעפאהרען וואגענס און אייניגע פון די חסידים זיינען אראבגעשפרונגען און האבען דערגעהנטערט זיך צום צדיק.

— זעה נאר, כשר׳ע אידען! — טראכט זיך דער תם — זיי קלאפען די פיס... גרויס וועט זיין דער שכר זייערער... אט וועל איך אויך אראבגעהן און געהן צו־פוס...

און ער געהט צווישען אלע.

און די חסידים לויפען — און ער אויך צווישען זיי.

און די חסידים לויפען איהם נאך:

— וואויהן לויפט דער רבי?

— וואוהין? מקבל פנים זיין דעם צדיק!

— וואסערען צדיק?

— מסתמא וועט איהר מיר זאגען.

אזוי דערצעהלען די גרויסע חסידים וועגען דעם גרויסען צדיק ר׳ איציק דעם תם.

און איינער איז צוגעגאנגען צו קריסטוס׳ן און האט אזוי געזאגט: גרויסער לעהרער! וואס זאל איך טהאן אזוינס, אז איך זאל זוכה זיין צו האבען דאס אייביגע לעבען? האט יעזוס געענטפערט איהם: אויב דו ווילסט ווירקליך זיין א פאלקאָ־מענער מענש, געה און פערקויף דיין גוט און צוטייל דאס געלד צווישען ארעמע, וועסטו האבען א שטענדיגען אוצר אין הימעל.

עוואנגעליום.

אויב דו ווילסט גאָט'ס גנאָד ווענדען אויף דיין זייט, זאָלסטו זיך ניט בענוגענען מיט רייד, נאָר טהאָן דאָס ריכטיגע. מעגליך, אז אויך אין אונזערע צייטען וועלען מענשען זאָגען, ווי דער רייכער בחור אין עוואַנגעליום: „און מיר האָבען דאָך אַלע געבאָטען אָבגעהיט — ניט גע'גנב'עט, ניט געטויט מענשען, ניט געזינדיגט מיט א פרעמדען ווייב". אָבער קריסטוס האָט געהייסען ניט נור דאָס אָבהיטען, נור אויך עפּעס אַנדערש. וואָס איז דאָס? „געה פערקויף, — האָט ער געזאָגט, — דיין גוט און צוטייל עס אָרעמע לייט".

וואָהרהאַפטיג, אויב אונזער ליעבע איז שטאַרק און אונערשיטערליך, דאַרפען מיר זי אויסדריקען ניט אין ווערטער, נור אויף אַן אמת'ען.

יאָהאַן כריסטאָם.

דער לייב בעשטעהט ניט פון איין גליעד, נור פון פערשיעדענע גלידער. און ווען שוין דער פוס זאָגען, אז ער איז ניט א טייל פונ'ם לייב, ווען ער אויפהערען דען צו זיין א טייל פון לייב?

און ווען שוין דער אויער זאָגען, אז ער איז ניט קיין טייל פונ'ם לייב, ווען ער טאַקי אויפהערען צו זיין א טייל פון לייב?

דאָס אויג קען ניט זאָגען דער האַנד: איך דאַרף דיך ניט האָבען; אָדער דער קאָפּ צו די פיס: איהר זייט מיר איבריגע.

פערקעהרט, זיינען יענע גלידער פונ'ם לייב, וואָס האָבען דוכט זיך, גאָר קיין בעדייטונג ניט, די וויכטיגסטע.

און דעריבער איז דאָס אזוי, אז ווען איין גליעד פון לייב ליידט, ליידען צוזאַמען מיט איהם אַלע גלידער; ווערט אָבער איין גליד געבענשט, פרעהען זיך אַלע גלידער.

עוואַנגעליום.

אפילו די זאלסט וועלען, קענסטו נישט אבטיילען זיך פון אנדערע מענשען; די לעבסט אין דער מענשהייט, פון דער מענש־הייט און צוליעב דער מענשהייט. דיין נשמה קען זיך נים בעפרייען פון יענע בעדינגונגען, אין וועלכע זי קען זיך פריי ענטוויקלען, ווייל בעשאפען זיינען מיר אזוי, אז מיר זאלען לעבען צוזאמען איינער מיט'ן אנדערען און העלפען איינער דעם אנדערען.

מארקוס אורעליוס.

און קריסטוס האט צוגערופען זיינע תלמידים, און צו זיי אזוי געזאגט: איהר ווייסט, אז די פירשטען הערשען איבער די פעלקער, און די שררות זיינען הארען, אבער צווישען אייך זאל נים זיין אזוי: דער, וואס וויל זיין דער גרעסטער פון אייך אלע, זאל אייער דיענער ווערען, און ווער עס וויל זיין דער ערשטער פון אייך, זאל אייער שקלאף זיין. ווייל דער מענשען־זוהן איז נים צוליעב דעם געקומען אויף דער וועלט, אז מענ־שען זאלען דיענען איהם, נור אז ער זאל דיענען מענשען און אבגעבען זיין נשמה זיי זאלען ערלעזט ווערען.

עוואנגעליום.

דער מענש פון העכסטער טוגענד זעהט צו געהן מיט'ן גלייכען וועג ביז'ן סוף. אבגעהן א האלבען וועג און בלייבען שטעהן א מידער, אן אבגעשוואכטער — דאס איז דער גרויסער נסיון. היט זיך פאר איהם!

כינעזישע ווייזהייט.

די ליגענס, וואָס ווידערשפּעניגען דעם אמת, פערדונקעלען דעם אמת, אָבער אין׳ם קאַמפּף מיט איהם פערשווינדען זיי, ווי שטויב, צוגעבענדיג קראַפט דעם אמת׳ען. אַזוי איז דאָס געוועזן פון שטענדיג אָן.

טהוט אַ קוק אויפ׳ן וועלטאַל, אָבער ניט מיט אויגען פון די נאַכט־אייגלען, וואָס שרעקען זיך פאַר ליכטיגקייט, — און איהר וועט זעהן, אַז לעבען לעבט און שלאָגט זיך דורך אַ וועג נור דאָס אמת׳ע; אַלעם איבריגע שטאַרבט אויס און איז פערורטיילט צום אויסשטאַרבען. גערעכטיגקייט לעבט און האָט האָפּט פון אָנהויב וועלט ביז היינטיגען טאָג און וועט אויף אייביג ניט פערטיליגט ווערען.

קאַרלייל.

פון ליד און לעבן

קריעג.   אַרנאָלד בעקלין.

פון דער טיפעניש פון האַרץ

עפענט די טויערען און זאָל אריינקומען דאָס גערעכטע פאָלק, די היטער פון ווארהייט.

איינגעבויגען האָט ער יענע וואָס זיצען אין דער הויך, און דער־נידריגט די שטאָלצע פעסטונג, ערנידריגט ביז צו דער ערד, און שטוב איינגעטהאָן.

צוטרעטען וועט איהר דער פוס פון די אָרעמע, און אויפ׳ן גלייכען וועג וועט געהן דער גערעכטער.

תהלים, כ״ד.

זיי האָבען פערגאָסען זייערע פּנים'ער מיט פעטס און שמאַלץ איז אָנגעוואַקסען אויף זייערע לענדען.

אָבער רייך וועלען זיי ניט זיין, זייער גרויס פערמעגען וועט ניט האָבען קיין בעשטאַנד און זיינע רייכקייטען וועלען פערגעהן.

אין פינסטערניש וועלען פערגעהן זייערע טעג, זייער גע־וויין וועט דאָס פלאַמיגע פייער אויסטריקענען און פערשווינדען וועלען זיי פונ'ם הויך פון'ם אויבערשטענס מויל.

זאָל זיך דער נאַרישער מענש ניט פערלאָזען אויף זיינע שלעכטיגקייטען, ווייל זיין בעלוינונג איז אייטעלקייט און שלעכט־קייט.

ער וועט פערניכטעט ווערען פאר זיין צייט און זיין געצוויינ וועט קיינמאָל ניט אויפגרינען.

ווי פון ווייגשטאָק וועלען פון איהם אָרונטערפאַלען זיינע אונרייפע טרויבען, ווי פונ'ם טייטעלבוים וועט זיך אָבריסען זיין בליהונג.

דען פעראיינזאַמט וועט בלייבען דאָס געזעמעל פון די פאַל־שע און א פייער וועט פערצעהרען די געצעלטען פון ליעבהאָבער פון שחד.

זיי טראָגען זינד און געבירען אייטעלקייט און זייערע איינ־געווייַדען פרעסט פאַלשקייט.

איוב, ט"ו.

די טוגענדהאַפטע און זייער שלאָף

פ. ניטשע.

צאראטוסטרא'ן האָט מען זעהר אויסגעלויבט א לעהרער פון וויזהייט, וועלכער האָט גערעדט זעהר גוט וועגען שלאָף און טוגענד: דעריבער האָבען איהם אַלע שטארק געאַכטעט און גוט בעלוינט, און אַלע יונגע לייט זיינען געלאָפען הערען זיינע רייד. צו איהם איז אויך אַוועקגעגאַנגען זאראַטוסטרא און האָט זיך אנידערגעזעצט צוזאַמען מיט אַלע צוהערער זיינע. און אַזוי האָט גערעדט דער לעהרער פון וויזהייט:

האָט אַכטונג פאַר'ן שלאָף — דאָס איז דאָס וויכטיגסטע! און מיידט אוים אַלע יענע מענשען, וואָס שלאָפען שלעכט און זיינען אויף דער וואך ביי נאַכט.

קענען שלאָפען איז ניט קיין קליינינקייט. כדי צו שלאָפען געשמאַק, דאַרף מען וואך זיין דעם גאַנצען טאָג.

צעהן מאָל אין טאָג דאַרפסט דו זיך איבערוויגדען, דאָס מאַכט אַזוי מיעד צום אנשלאָפען ווערען.

צעהן מאָל דאַרפסט דו זיך קריגען און שלום ווערען מיט זיך; שלעכט שלאָפט יעדער, וואָס איז צוקריגט.

צעהן וואָהרהייטען דאַרפסט דו ענטדעקען אין משך פון טאָג, אַז ניט וועסטו אויך ביי נאַכט זוכען עפּעס אַן אמת אין די נשמה דיינע וועט בלייבען הונגעריג.

צעהן מאָל א טאָג דאַרפסט דו שמייכלען און זיך וואויל טהאָן: אַניט וועסטו האָבען צרות פונ'ם מאָגען ביי נאַכט.

ניט אַלע ווייסען דאָס: א מענש דאַרף האָבען אַלע טוגענדען ער זאָל קענען לייכט איינשלאָפען. ווי קען ער פאַלש שווערען, אונטריי זיין דער ווייב, פערקוקען זיך אויף דעם שכן'ס

שקלאַפּען? דאָס וואָלט דאָך געשטערט דעם געשמאַקען שלאָף.

און האָסטו אַלע טוגענדען, דאַרפסטו פערשטעהן נאָך אַ קליינינקייט, דאָס איז, קענען הייסען געהן שלאָפען אַלע דיינע טוגענדען אין דער ריכטיגער צייט.

און זעה לעב גוט מיט'ן שכן און דעם אויבערשטען; דאָס פאָדערט דער גוטער שלאָף.

אכט די רעגירענדע און פאָלג זיי, אפילו ווען זיי זיינען אומגערעכט! דאָס פאָדערט דער גוטער שלאָף. איז דאָס מיין שולד, וואָס זיי האָבען ליעב אָפּט צו געהן אין קרומע וועגען?

איך וויל ניט קיין גרויסע רייכטימער און איבריגען כבוד; דאָס ווירקט שלעכט אויף דער מילץ. אָבער שלעכט שלאָפט זיך אָהן אַ גוטען נאָמען און אַביסעל קליינגעלד.

אַ קליינע געזעלשאַפט איז מיר ליעבער פון אַ שלעכטער געזעלשאַפט, אָבער קומען דאַרפען די געסט און אַוועקגעהן אין דער צייט. דאָס פאָדערט דער גוטער שלאָף.

אַזוי פערגעהט דער טאָג פונ'ם טוגענדהאַפטען, אָבער אַז די נאַכט קומט, הויב איך אָן צו בעטראַכטען, וואָס איך האָב געטאָהן און איבערגעטראַכט דעם גאַנצען טאָג, איבערקייענדיג אַלץ, פרעג איך זיך געדולדיג, ווי אַ קוה:

וואָס זיינען געווען דיינע צעהן איבערווינדונגען? דיינע צעהן שמייכלען, מיט וועלכע דו האָסט דערפרעהט דיין הארץ?

און אַזוי בעטראַכטענדיג און אָבוועגענדיג מיינע טאָגיגע געדאַנקען, ווער איך מיעדער, דער שלאָף פאַלט פּלוצלונג אָן אויף מיר אַ אונגעבעטענער.

דער שלאָף ריהרט מיר אָן די אויגען, און זיי ווערען שווערער, און ביסלעכווייז, אונבעמערקטערהייט, ליג איך שוין אַ איינגעשלאָפענער.

הערענדיג די אַלע רייד, האָט זאַראַטוסטראַ צולאַכט זיך אין הארצען זיינעם, ווייל צופּענט האָבען זיך זיינע אויגען. און אַזוי האָט ער געזאָגט אין הארצען זיינעם:

פעריקט איז דער דאָזיגער מענש, אָבער איך גלויב איהם, אז איהם שלאָפט זיך גוט.

זיין ווייזהייט זאָגט : זיי אויף דער וואך אזוי, אז דיין שלאָף זאָל זיין א רוהיגער. וואָהרהאפטיג, אויב דאָס לעבען האָט ניט קיין זין און איך וואָלט געדארפט זיך אויסקלייבען עפּעס א נארישקייט, וואָלט איך גענומען זיך די דאָזיגע נארישקייט.

אזוי האָט געזאָגט זאראטוסטרא.

דאָס לאַנד פון קולטור

פון פ. ניטשע.

אָבער ווי וואָלט איהר געקענט אין עפּעס גלויבען, איהר אָנגעפּארבענע פּופּען, וואָס שפּיגעלט אָב אין זיך דאָס, אין וואָס מענשען האָבען אמאָל געגלויבט ?

איהר, די געהענדע נעגאציאָן פון יעדען גלויבען, מיט ברעק־לעך פון אלע מעגליכע געדאנקען האָט איהר זיך אָנגעשטאָפּט, עפּעמערישע בעשעפּענישען ; דאָס זייט איהר, ווירקליכקייטס־מענשען !

אלע צייטען און געשלעכטער דרעהען זיך ארום אין אייערע קעפּ, אָבער די נארישע חלומות פון אלע צייטען זיינען געווען נאָהענטער צו דער ווירקליכקייט, ווי אייער וואָכיגע קלוג־שאפט !

אונפרוכטבאר זייט איהר ; דעריבער האָט איהר קיין גלויבען ניט. אָבער יעדער שאפענדער גלויבט.

אָ, וואוהין זאָל איך געהן מיט דעם פערלאנג פון מיין הארצען ? פון אלע שפּיץ בערג קוק איך אוים דאָס לאַנד פון מיינע פאָטערס.

אָבער קיין פאטערלאנד האָב איך ניט געפונען אין ערגעץ

ניט ; אין קיין איין שטאָדט האָב איך זיך ניט בעזעצט און פון אַלע טויערען געה איך אוועק.

פרעמד זיינען מיר די היינטיגע מענשען און צום לאַכען, און פערטריבען בין איך פון׳ם לאַנד פון זייערע פאָטערס.

און ליעב האָב איך נור דאָס לאַנד פון די קינדער מיינע, דאָס נאָך־ניט־ענטדעקטע, וואָס ליגט אין די ווייטסטע וואַסערען ; זוכען זאָלען זי ניט מיעד ווערענדיג די ליפּען מיינע.

אזוי האָט געזאָגט זאראטוסטרא.

קליינע גנבים ליעגען אין די תפיסות צוגעבונדען צו א קלאָץ. די גרויסע גנבים אָבער שפּאַצירען פראַנק און פריי, אויסגעפּוצט אין גאָלד און אין זילבער.

קאַטאָ.

פראגרעס און ארימקייט

פון העגרי דזשארדזש.

(.1839-1897)

א קאליפארניער זשורנאליסט, וועלכער האט זיין גאנצען לעבען געווידמעט דער פראפאגאנדע פון עקאנאמישען יושר. די הויפט-פאדערונג פון דזשארדזש איז געוועזען די נאציאנאליזירונג פון דער ערד, וועלכע ער האט געהאלטען פאר דעם קוואל און יסוד פון אלע רייכטהימער.

ווי אונאנגענעהם דאס זאל ניט זיין, ווערט אבער אלץ מעהר און מעהר קלאר, אז די אונאויפהערליכע, אימער וואקסענדע געוואלטיגע פערגרעסערונג פון די פראדוקטיווע קרעפטען, וועלכע דאס לעצטע יאהרהונדערט האט מיט זיך מיטגעבראכט — אז דיעזע נייע מיטלען פון דער פראדוקציאן האבען קיין שום טענדענץ ניט אויסצוראטען די ארימקייט פון דער וועלט אדער צו פערגרינגערען דעם יאך פון די ארבייטער.

דער רעזולטאט פון דעם טעכנישען פראגרעס אין די מיטלען פון דער פראדוקציאן איז נאר א טיעפערער, א ברייטערער גראבען צווישען ארים און רייך, וואס מאכט דעם קאמפף פאר א שטיקעל ברויט שטארקער און שווערער.

דער גלענצענדער, זאנדערבארער וואוקס פון זעלטענע ערפינדונגען האט בעשאנקען די מענשהייט מיט אונערהערטע שאפענדע און צושטערענדע קרעפטען, וועלכע וואלטען מיט הונדערט יאהר צוריק פערעכענט געווארען פאר א חלום פון א דרייסטען אדער משוגענעם פאנטאזיאר. אבער גראד דארטען,

וואו די קאָמפּליצירטע מעכאַניזמען פערשפּאָרען אַם מעהרסטען די צייט און ענערגיע פון מענשען — גראָד אין דער מאָדערנער פאַבריק (פעקטאָרי), וואו די ענטוויקלונג פון מאַשינעריי איז אַזוי מורא׳דיג שנעל — גראַדע דאָרטען זיינען קליינע קינדער אריינגעצויגען געוואָרען אין דער ארבייט. וואו נאָך עס ענטשטעהט די נייע פּראָדוקציאָן מיט איהרע רעדער, רימענס, פּרעסען און הויכע קוימענס, וואַקסט אויך אויס אַ גרויסע מאַסע פון מענשען, וואָס לעבט אויפ׳ן חשבון פון צדקה אדער וועלכע זיינען שוין גרייט אויסצושטרעקען זייער האַנד. אין דער גרעסטער עשירות שטאַרבט מען פון הונגער, און שווינדזיכטיגע, פערשמאַכטע קינדער מאַטערן זיך ביי דער טרוקענער ברוסט פון זייער אונגליקליכער מוטער. אין דער זעלבער צייט איז דער זשעדנער בעגעהר נאָך פערדיענסטען און די פערגעטערונג פון רייכקייט דער בעסטער בעווייז, ווי מען האָט מורא פאַר דחקות און נויט.

דאָס לאַנד פון מילך און האָניג, וואָס די מאָדערנע פּראָדוקציאָנס טעכניק האָט געזאָלט מיטברייינגען, האָט זיך אויסגעלאָזען מיט אַ מיראַזש.

די עפּעל פון עץ־הדעת ווערען פערוואַנדעלט אין די עפּעל פון סדום, וואָס ווערען צושאָטען באַלד, ווי איהר ריהרט זיך צו זיי צו.

די פערוואַנדשאַפט פון אָרימקייט מיט פּראָגרעס איז דאָס גרויסער רעטעניש פון אונזער צייט.

פון דעם רעטעניש, ווי פון אַ מיטעלפּונקט, שטאַמען אַרויס די אינדוסטריעלע, די סאָציאַלע און פּאָליטישע פראגען, וועלכע האָבען פערקניפּט דעם פּלאַנעטער, וואָס די רעגירונגען, די פילאַנטראָפיע און בילדונג צוזאַמענגענומען, האָבען נאָך עד היום ניט געקענט פאַנאַנדערפּלאָנטערן.

פון דיזען רעטזעל קומען די וואָלקענס וואָס פערהענגען מיט אַ שוואַרצער כמארע די צוקונפט פון די פּראָגרעסיווסטע און מעכטיגסטע נאַציאָנען.

דאָ ליעגט די פראגע, וועלכע דער ספינקס פון מזל האָט

אוועקגעשטעלט פאר אונזער ציוויליזאציאן און אויף וועלכע ניט ענטפערען הייסט אונטערגעהן. אזוי לאנג, ווי די אנזאמלונג פון אוצרות געהט נור אויף שאפען גרויסע פריוואט איינענטהי־מער, אויף צו פערמעהרען לוקסוס און צו מאכען שארפער דעם חילוק, דעם קאנטראסט צווישען דער משפחה פון וואוילהאבענדע און דער משפחה פון ניט־האבענדע, קען קיין רייד ניט זיין וועגען אן אמת׳ען דויערהאפטען פראגרעס. דער טורעם האט זיך א קעהר געטהאן פון זיין פונדאמענט און יעדער נייער עטאזש ברייננט נעהנטער די ענדליכע קאטאסטראפע. ערציהען מענ־שען, וואס זיינען פעראורטיילט צו ארימקייט, הייסט זיין אונצופריעדען; בויען דעם בנין פון די מאדערנע פאליטישע איינריכטונגען, מיט זיין כלומרשט׳דיגע ברידערליכקייט אויף דער הימעל־שרייענדער פאליטישער אונגלייכקייט — הייסט שטעלען א פיראמידע אויפ׳ן שפיץ....

אנאטאל פראנס

בעריהמטער פראנצויזישער שרייבער, נאוועליסט, דענקער און סאָ־ציאליסט, געבארען אין 1844.

דאס געזעץ, מיט זיין ערהאבענער גלייכהייט צו אלעמען, פערבאט די רייכע אזוי גוט ווי די ארימע צו שלאפען אונטער בריקען, צו בעטלען אויף די גאסען און צו גנב׳ענען ברויט.

די שלעכטע סדום-מענשען

די מענשען פון סדום זיינען געבענשט געוואָרען מיט אַלעם גוטען, — זיי האָבען אָבער פערגע־סען אָן גערעכטיגקייט און יושר און זיינען אין שלעכטע וועגען נעגאַנגען.

איז ביי די שלעכטע מענשען געווען אַזא מנהג: ווער עס האָט פערבעטען אַ פרעמדען גאַסט צום טיש, האָט מען ביי איהם צוגענומען דעם מאַנטעל, בדי יעדער זאָל מורא האָבען און זיך דערווייטערען פון אָרימע לייט און נויטבעדערפטיגע און אורחים און פרעמדע געסט.

איינמאָל קומט אליעזר אריין צו זיי אין גאַסט-הויז און טרעפט די סדום-לייט זיצענדיג ביים מאָלצייט, און קיינער בעט איהם ניט עסען. זעצט ער זיך ניט-געבעטענערהייט צום טיש און זאָגט זיין שכן: אַז מען וועט מיך פרעגען, וועל איך זאָגען, אַז דו האָסט מיך פערבעטען צום טיש. דערהערט דאָס יענער, און ווערט דערשראָקען, — שטעהט אויף פון טיש, כאַפּט זיין מאַנטעל און אַנטלויפט. און אַזוי האָבען געטהאָן אַלע, וואָס זיי־נען געזעסען ארום טיש.

איז אמאָל אַן אָרימאַן געקומען אין סדום, האָט יעדער נעשענקט אַ רענדעל און אויפ'ן רענדעל אויפגעשריבען זיין נאָ־מען, נאָר קיין ברויט אָדער אַנדער עסענוואַרג האָט איהם קיי־נער ניט געגעבען, און פון שטאָדט האָט מען איהם ניט ארויס־געלאָזט, ביז ער איז פון הונגער אויסגעגאַנגען. דאַן איז יעדער געקומען צולויפען און צוריקגענומען זיך זיין רענדעל.

שלעכטע מענשען זיינען געווען די מענשען פון סדום. איינ־מאָל האָבען זיך צוויי חבר'טעם בעגעגענט נעבען ברונעם מיט זייערע קריגלעך אין די הענד.

— וואָס זעהסטו אַזוי שלעכט אויס? — פרעגט איינע די צווייטע.

— ס'איז נישטאָ אין הויז קיין ברעקעל ברויט, — ענטפערט יענע, — געהען מיר אַלע אויס פון הונגער.

האָט גענומען די צווייטע, אָנגעפילט איהר קרוג מיט מעהל און זיך געביטען מיט דער אָרימער מיידעל מיט די קריגלעך.

אַז די סדום־לייט האָבען זיך עס דערוואוסט, האָבען זיי דאָס באַרמהערציגע מיידעל געכאַפּט און איבערגעגעבען זי צום פייער.

דאָס קול פון דער אונגליקליכער מיידעל איז געגאַנגען אין הימעל און דערגרייכט צום כּסא־הכבוד.

— איצט, — האָט גאָט געזאָגט, — קען איך שוין מעהר ניט צוזעהן און שווייגען.

דעמאָלט איז אויף סדום דער גזר־דין אָנגעחתמ'ט געוואָרען.

מדרש.

* * *

וועלכע זאַכען, זאָגט מיר, זיינען אייערע? ווען האָט איהר זיי געבראַכט אויף דער וועלט? איהר זייט געגליכען צו איינעם, וועלכער פערנעהמט צייטווייליג אַ פּלאַץ אין אַ טהעאַטער און וועלכער האָט בדעה צו האַלטען דעם גאַנצען טהעאַטער פאַר זיך און וויל קיינעם ניט אַריינלאָזען...

אָט אַזוי איז מיט די רייכע: זיי בעזיצען די געמיינשאַפטליכע רייכקייטען, דענקען זיי, אַז דאָס געהערט זיי טאַקע. ווען יעדער איינער וואָלט גענומען דאָס, וואָס ער דאַרף האָבען, און וואָלט איבערגעלאָזען דאָס איבריגע צו יענע, וועלכע נויטיגען זיך דערין, וואָלט דעמאָלט ניט געווען ניט קיין רייכע און ניט קיין אָרימע...

סט. באַסיל.

קוקענדיג אויף דער פערגאַנגענהייט

פון עדוואַרד בעלאַמי.

.(1850—1898)

בעוואוסטער אַמעריקאַנער ראַדיקאַל און שריבער, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם אַמעריקאַנעם געדאַנק. דיזער בוך איז אין די ערשטע יאָהרען נאָכ׳ן אַרויסגעבען פערקויפט געוואָרען אין פיער הונדערט טויזענד עקזעמפּלאַרען.

אום צו געבען דעם לעזער אַן אַלגעמיינעם איינדרוק פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען אין יענער צייט, און, בעזונדערס, כדי איהם קלאָר צו מאַבען, ווי ס׳האָבען אויסגעזעהן די בעציהונגען פון די רייכע צו די אָרימע אין יענע טעג, וועט זיין, רעכען איך, דאָס בעסטע צו פערגלייכען די דאַמאָלסדיגע געזעלשאַפט צו אַ גיגאַנטישען וואָגען, וועלכען די מאַסען זיינען געווען גענויטיגט צו שלעפּען אויף אַ בערגיגען און זאַמדיגען וועג. דער פוהרמאַן איז געווען דער פערביטערטער הונגער און האָט ניט געלאָזען די מענשען־פערד זיך אָבצושטעלען אפילו אויף אַ מינוט — הגם נעגאַנגען איז מען זעהר לאַנגזאַם. טראָץ דעם שווערען אונענדליכען וועג, איז די קאַרעט געווען איבערפילט מיט מענשען, וועלכע זיינען קיין מאָל ניט אַראָבגעקראָכען, אַפילו דאָרט, וואו די בערג זיינען געווען אונבעשרייבליך משופע׳דיג. דער גזעזעס אין קאַרעט איז געווען אַנגענעהם און בעקוועם, און דער שטויב פון וועג האָט ניט געקענט צוקומען צו איהם. זעלבסטפערשטענדליך, אַז אויף די פּלעצער אין קאַרעט זיינען געווען בעלנים אָהן אַ שיעור. אין דער שרעקליכער קאָנקורענץ פאַר אַן אָרט פלעגט יעדער האָבען אין זינען קודם כל זיך, נאָכדעם זיינע קינדער, וועלכע ער פלעגט איבערלאָזען זיין ירושה.

אבער דער געזעס אין קארעטע איז געווען ניט אין גאנצען זיכער, דער מינדעסטער שטויס פון קארעטע פלעגט פלוצים ארויסווארפען פיעלע פון די פאסאזשירען אויף דער ערד, וואו זיי זיינען זאפארט גענויטיגט געווען צו חאפען די שטריק און העלפען ציהען די קארעטע, אין וועלכע זיי זיינען פריהער אזוי בהרחבה געפאהרען, מען האט דעריבער בעטראכט עס פאר א גרויזאמען אומגליק, ווען עפיס אזוינס האט פאסירט, און דער שטענדיגער פחד פאר אזא קאטאסטראפע איז געווען דער איינציגער שווארצער וואלקענדעל אויף דעם גליקליכען הימעל פון אונזערע פאסאזשירען.

צי האבען זיי אבער געטראכט נור וועגען זיך? האבען זיי דען געקענט רוהיג דולדען דעם לוקסוס פון זייער לעבען, ווען דאס האט זיך געבעטען אויף א פערגלייך מיט'ן פינסטערען מזל פון די איינגעשפאנטע אין דער קארעטע? האט זייער געוויסען רוהיג געקענט פערטראגען דעם בעשיינפערליכען פאקט, וואס זייער איינענע שווערקייט האט זיך געלעגט אויף די ארימע מענשען־פערד? האבען זיי דען ניט מיטלייד געהאט מיט די בעשעפענישען, וועלכע זיינען געווען געקנאטען פון דעם זעלבען ליים?...

אה, יא! רחמנות איז געווען אן אפטער גאסט אין דיעזער געבענשטער קארעטע, בעזאנדערס, ווען דער וואגען פלעגט זיך אפטמאל פארהאקען אויף א שלעכט שטיקעל וועג אדער ביי א הויכען בארג. אין אזעלכע מאמענטען פלעגען די איינגעשפאנטע מענשען־פערד זיך ווארפען אין א ווילדער פערצווייפלונג. אונטער דעם אונבארמהערציגען בייטש פון הונגער פלעגען זיי שפרינגען ארויף און אראב ווי אין דער גסיסה; פיעלע פלעגען חלש'ען און פלעגען פון די אנדערע צוטראטען ווערען אין קויט און בלאטע — דאס אלעס איז געווען אזוי מורא'דיג טרויריג און פיינפול, אז די פאסאזשירען אין קראעטע פלעגען ארויסווייזען הויכע און נאבעלע געפיהלען פון מיטלייד.

אין אַזעלכע מאָמענטען פּלעגען די אייגענטהימער פון די אַנגענעהמע פּלעצער אין קאָרעטע אויפמונטערן די האָרעפּאַשניקעס, זיי רופען צו קוראַזש און געדולד, זיי אָנווייזען אויף יענער וועלט, די בעסערע, הימלישע וועלט, וואָס ערוואַרטעט זיי נאָך׳ן טויט און וועלכע וועט זיי פרייגיביג בעצאָהלען פאַר אַלץ, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען אויף דיעזער פערשאָלטענער ערדישער וועלט פון צרות. אַנדערע פּאַסאַזשירען אונזערע פּלעגען געהן אַזוי ווייט אין זייערע געפיהלען, אַז זיי פּלעגען נדבות געבען אויף רפואות און זאַלבען פאַר די צוביילטע און צוקאַליעטשעטע מענשען־פערד. אַלע פּאַסאַזשירען האָבען דעמאָלט געגלויבט, אַז שלעפען אַזאַ קאָרעטע איז זעהר אַ שווערע שטיקעל אַרבייט, און אַלע האָבען געפיהלט לייכטער אויפ׳ן האַרצען, ווען דאָס שלעכטע שטיקעל וועג פּלעגט זיין אַריבערגעשפּרייזט. יאָ, לייכטער האָט מען געפיהלט אין קאָרעטע ניט צוליעב דעם, וואָס מען האָט זיך אַזוי שטאַרק געקימערט וועגען די איינגעשפּאַנטע שלעפּ־פערד, נאָר דערפאַר, וואָס ס׳איז געוועזן וועניגער סכנה פאַר׳ן וואָגען, וועלכער האָט זיך געקענט איבערקעהרען און אַלעמען אַרויסוואַרפען.

קיין מאָן, וואָס זאָגט, אַז די ערד קען פערקויפט ווערען, זאָל ניט אַריינגענומען ווערען אין אונזער קהילה, גאָט׳ס פוס־בענקעל איז ניט קיין זאַך אויף צו פערקויפען.

סט. קיפּריאַן.

פון ח. נ. ביאַליק

געבאָרען אין 1873, אין אַ דאָרף פון וואָהלינער גוב. זיין ערשטע ליעד אין העברעאיש איז ערשיענען אין 1891. העברעאישער און אידישער דיכטער.

1.

און מאָרגען געה ארויס אין גאַס, בן־אָדם,
און זעה! אַ מארק, אַ מארק פון לעבעדיגען בראָכווארג!
דערשלאָגענע, האלב־טויטע מענשען־ווערים,
צעבראָכענע און אויסגעקרימטע רוקענס,
פערוויקעלטע אין שמאטעס הויט און ביינער,
מיט קינדער וויסטע קאליקעס, מיט ווייבער
צום טויט פארמאטערטע און איינגעדארטע,
א היישעריק, סוף־זומערדיגע פליגען,
בעפאלען טהיר און טויער, אלע פענסטער,
בעלאגערען די שוועלען פון די הייזער
און שטרעקען־אויס, געלערענטע־צו־בעטלען, קרומע הענד
מיט אויפגעדעקטע אייטערדיגע וואונדען
און יעדערער שרייט אויס זיין פעקעל סחורה,
פעררייסענדיג די לויזע אויגען צו די פענסטער,
ווי קנעכט, ווי הינד געשלאָגענע צום בעל־הבית!
אַ גראָשען פאר אַ וואונד, אַ גראָשען פאר אַ וואונד!
אַ גראָשען פאר אַ טאָכטער אַ געשענדטע!
אַ גראָשען פאר אַנ'אלטען טאטענס טויט
און פאר אַ יונגען חופה־זוהן אַ קדוש!

2.

און נאָט האָט מיר געזאָגט אזוי:
„דאָס לעצטע מאָל שריי אויס איין „אוי!“
און גיב אַ קרעכץ צום לעצטען מאָל,

אַז ציטערען זאָל בארג און טאָל,
און נעם זיך אָן מיט גאַל און זאָג :
הערט, טויבע, הערט !
עס גערט אַ טאָג,
איך לאָז ארויס אַ זון פון רעכט
און וועל די וועלט מיט ליכט בעגיסען —
נאָר איהר אַליין וועט בלייבען קנעכט
און וועט קיין טראָפּען ליכט געניסען...
און בלינדערהייט, מיט זיהן און טעכטער,
וועט איהר ארומלויפען פער'סמ'ט
אהין, אהער, פאר טויזענד מייל,
און בעטען, חלש'ען אַ שטראהל...
נאָר אייך בענעגענט אַ געלעכטער :
וואוהין איהר קומט, האָט איהר פערזאמט...

איך שלים־אויף אוצרות לעבען, מאכט,
און ימים פרייד וועל איך צוגיבען —
נור איהר אַליין וועט זיין פערשמאכט
און אייער קוואַל וועל איך בעטריבען ;
און טרוקענע מיט זיהן און טעכטער,
וועט איהר אין פרעמדע טהירען קלאפען,
מיט'ן פנים צו דער ערד צופאלען
און איבער פרעמדע קוואלען קניען
און דאָרשטיג אייער האלז אויסציהען
און בעטען, חלש'ן — אַ טראָפּען...
נאָר כ'האָב פערשלאָסען אלע קוואלען.
איך שיק אראָב אַ מילדען גייסט,
וואָס פרישט ווי טוי, פון גאָט, און ווייזט
אַ נייעם וועג צו נייע הימלען —
נאָר איהר וועט טרוקען זיין ווי שטרוי
און ניט אויף אייך וועט פאלען טוי.

איהר? — איהר וועט אייביג פוילען, שימלען.
און אויב ס'איז נאך פון פריהער געבליבען
א פונק פון גייסט, געפיהל און גלויבען,
אנ'ערנסטער זיפץ, א הייסע טרער — —
וועל איך דאס איינציגווייז אברויבען.
און אייער הארץ וועט בלייבען לער
אהן טעם, אהן ריח, אהן לייב און לעבען...

און וויסט וועט ווערען אייער צעלט,
און אומשלעפען וועט איהר זיך מיעדע,
ווילד־פרעמדע אויף א פרעמדער וועלט
און בעטלער אויף א רייבער סעודה,
און שטעהענדיג ביי פרעמדע שוועלען,
וועט איהר די וואונדען זיך אויפדעקען
און וועט פאר פרעמדע זיי אויסשטעלען,
א ציטערדיגע האנד אויסשטרעקען
און בעטען הילף אויף בעטלער־לשון —
נאר אויסבעטלען וועט איהר פאר געלד,
און לעבען וועט איהר פאר א גראשען...

און שווער וועט אייך דאס לעבען ווערען —
א לאנגע נאכט און ניט איין שטערען...
און אייער קרעכץ פערטראגט דער ווינד
און אייער קול וויל גאט ניט הערען...
און שרעקליך גרוים וועט זיין די נויט,
ווי גרוים און שרעקליך ס'איז די זינד;
און איהר וועט חלש'ן דעם טויט
און בייינקען וועט איהר נאכ'ן לעבען...
נאר גאט וועט אייך ביידע ניט געבען...
און שרעקליך וועה וועט זיין דער שמארץ...
אפילו אייער אייגען הארץ

וועט אייער אייגען מויל ניט גלויבען...
איהר וועט זיך פּריוועז הויבען, הויבען —
אַנ'אָטעם טון — און וועט ניט קענען.
דאָס איז אַ קבר, נאָר בעגראָבען
זענט איהר דאָרט לעבעדיגערהייט...
דאָס איז אַ פייערדיגער גיהנם,
וואָס וועט קיין ענדע קיינמאָל האָבען —
נאָר ס'איז אַ גיהנם אָהן אַ טויט...
און גאָט זאָגט מיר:
איצט געה אראָב
צום טעפּערס הויז און קויף אַ טאָפּ,
און טו אַ וואָרף און זאָג דערביי
שטאַרק הויך, אַז יעדערער זאָל הערען:
„אזוי וועט איהר צובראָכען ווערען!"
און רעד ניט מעהר, ניט וויין, ניט שריי,
בויג־אָן דעם קאָפּ און ווער פּערשטומט — —
עס געהט דער טאָג, ער קומט, ער קומט...

ווי ווייט, אָה רייכע, וועט גרייכען אייער אונזיניגע גיריג־קייט? רעכענט איהר דען, אַז איהר זייט די איינציגע תושבים אויף דער ערד? פאַר וואָס פעריאָגט איהר אייערע ברידער? פאַרוואָס נעהמט איהר צו אַלעס פאַר זיך? די ערד איז גע־שאַפען געוואָרען פאַר אַלעמען: פאַר די אָרימע אזוי גוט, ווי פאַר די רייכע — טאָ פאַר וואָס זשע בעהויפּטעט איהר, אַז די גאַנצע ערד איז נאָר אייער אייגענטום? די נאַטור האָט געגעבען אַלע זאַכען צום נוץ פון יעדען איינ־ציגען. דאָס פערכאַפען מיט געוואַלד האָט בעשאַפען פּריוואַטע און פערזענליכע רעכטע. דאָס אייגענטוהם איז ניט רעכט, די ערד געהערט צו גאָט און מיר זיינען נור זיינע קינדער.

סט. אַמבראָזיוס.

די פייערלעך

פון וולאדימיר קאראלענקא.

געבארען 1853 ; בעוואוסטער רוסישער שרייבער און כלל־טוער.

ים יאהרען צוריק, אין א פינסטערען, הערבסטליכען אבענד איז מיר אויסגעקומען צו פאהרען אין א שיפעל, אויף א מרה־שחורה׳דיגען טייך. פלוצלונג ביים אויסבויג פון טייך, אין דערווייטענס, האט אונטער די שווארצע בערג אויפגעפלאמט א פייערל.

אויפגעפלאמט אזוי העל, אזוי שטארק און עפעס אזוי נאהענט !...

— נו, גאט צו דאנקען, — האב איך פרעהליך אויסגעשריען, — ניט ווייט פון דער היים !

דער שיפער האט זיך אומגעקעהרט, א קוק געגעבען איבער זיינע אקסלען אויפ׳ן פייערל און ווייטער גענומען זיך גלייכגילטיג צו די רודערס.

—ס׳איז ווייטלעך, — האט ער רוהיג געענטפערט. איך האב עס אבער ניט געקענט בעגרייפען : ווי קען דאס זיין ווייט, אז דאס פייערל איז אזוי נאהענט געשטאנען אין דעם וואלקענדען חשך ? אבער דער שיפער איז געווען גערעכט : צום פייערל איז געווען א מהלך. אזא טבע האבען שוין די ביינאכטיגע פייערלעך... זיי ווארפען צו אייך זייערע שטראהלען דורך דער געדיכטער פינסטערניש, זיי זאגען אייך עפעס צו מיט זייער גלאנץ און ווינקען עפעס צו אייך מיט זייער נאהענטקייט. אייך דוכט זיך בעת מעשה — אט־אט, נאך צוויי דריי שפרייזען מיט

די רודערס, און דער וועג איז געענדיגט... און דאָך איז דאָס פּייערל ווייט...

און לאַנג זיינען מיר נאָך געשוואומען איבער דעם טינט־שוואַרצען טייך. די בערג און די טהאָלען פּלעגען אַרויסשווי־מען, פאַרבייגעהן און פערשווינדען אויף צוריק אין דער גרענעצ־לאָזער ווייטקייט, און דאָס פּייערעל איז אַלץ געשטאַנען פאַר אונז, פליסענדיג און ווינקענדיג — געשטאַנען אַלץ אזוי נאָהענט און אַלץ אזוי ווייט.

איך דערמאָן מיך איצט אָן דעם דאָזיגען שוואַרצען טייך אין אַ רינג פון פעלזען־בערג. איך דערמאָן מיך אויך וועגען דאָס דאָזיגע לעבעדיגע פּייערל...

אַ סך פּייערלעך האָבען אויך פריהער געווינקט צו מיר און גערופען צו זיך מיט זייער נאָהענטקייט. אָבער דאָס לעבען פליסט אַלץ אין די זעלבע מרה־שחורה׳דיגע ברעגעס, און די פּייערלעך זיינען נאָך ווייט. און ס׳קומט אוים ווייטער צו אַר־בייטען מיט די רודערס.

אָבער דאָך... דאָך, פאָרווערטס צו די פּייערלעך!...

שלעכטס האָט ער געטהון אזוי אָפט, און קיין סוף איז ניטאָ צו זיינע זינד.

ער האָט גענומען אַ משכן ביי זיינע ברידער אומזיסט און פון נאַקעטע האָט ער די קליידער אַרונטערגעצויגען.

קיין וואַסער צום טרינקען האָט ער דעם מידען ניט געגעבען, פון דעם הונגעריגען האָט ער פערמידען דאָס ברויט.

און די אַלמנה האָט ער געלאָזט געהן מיט ליידיגע הענד און די אָרעמס פון די יתומים זיינען צודריקט געוואָרען.

דעריבער זיינען נעצען צושפּרייט אַרום איהם און איהם גרוילט פון אַ אונזיניגען שרעק.

איוב, כ״ב.

איינער געגען אַלעמען

פון שאַרל פוריע.

(1772—1837)

בעריהמטער פראַנצויזישער סאָציאַליסט, איינער פון די פאָטערס פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליסטישען געדאַנקען.

די סאָציאַלע אָרדנונג פון אונזער צייט איז א לע־בערליכע מאַשין, אין וועלכער אַלע דעקעלעך און טיילען ארבייטען געגען דאָס גאַנצע. יעדער קלאַס פון דער געזעלשאַפט האָט אין זינען נור זיינע גראָבע אינטערעסען, זעהט צו טהאָן שלעכטס אַנדערע קלאַסען און שטעלט אומעטום זיינע פערזענליכע ציעלען העכער פאַר די ציעלען פון געזעל־שאַפט און געגען די אינטערעסען פון כלל.

דער אדוואָקאַט זוכט מחלוקות און פּראָצעסען, און דער דאָק־טאָר וואַרט מיט אונגעדולד אויף קראַנקע. דער ערשטער וואָלט אויסגעהען פון הונגער, אויב אַלע קריגערייען וואָלטען אויסגע־לאָזט זיך פרידליך און דאָס זעלבע וואָלט געשעהען מיט'ן צוויי־טען, אויב יעדער וואָלט געשטאָרבען מיט א נאַטירליכען טויט.

דער זעלנער וויל מלחמה, וועלכע וועט אוועקנעהמען פון דער וועלט א העלפט פון זיינע חברים און געבען מעדאַלען און א בעסערען פּלאַץ.

דער בית־קברות־מאַן וויל וואָס מעהר לויות. תבואה־הענד־לער און ספעקולאַנטען ווילען הונגער, כדי צו מאַכען א יקרות אויף ברויט. דער ארכיטעקט, דער קאָנטראַקטאָר פון הייזער וויל שריפות, וואָס זאָלען פערצעהרען קווארטאַלען און שטעדט, און געבען די מעגליכקייט צו מאַכען נייע פערדיענסטען.

נאָך עווריפּיד

בעריהמטער גריכישער פּאָעט, געלעבט צווישען 480־406 בעפאָר כריס־טוס.

איהר האָט געזאָגט, אז געטער זיינען איבער אונז ?
אָה, לאַכט זיך אויס ! ניטאָ קיין געטער !...
די אַלטע פאַלשע מעשה זאָל ניט נארען דעם,
פאר וועמען פאקטען, און ניט ווערטער,
קענען דיענען אַלס בעוויז...
איהר קוקט און זעהט ארום !...
די קעניגע, וואָס הערשען אויף דער ערד —
זיי רויבען, טוידטען אָהן א הארץ ;
זיי ברענען און פערוויסטען גאנצע שטעדט,
און האָבען מעהר גליק אויף דיעזער וועלט,
ווי די צדיקים, וועלכע זיינען פרום און גוט...
א קליינע לאַנד, וואָס לעבט מיט גאָט אַליין,
איז אָפט א קרבן
פאר׳ן קעניג, וואָס איז גאָטלאָז שלעכט,
פאר דער גרויסער מאכט פון שווערד און שפּיז,
פאר׳ן דרוק וואָס מאכט א הערשער און א קנעכט....

דערוויילע אומגערעכטיגקייט פון דיינע געצעלטען —
און דו וועסט אויפגעריכט ווערען.
ווארף אין שטויב דיין זילבער און אינ׳ם פעלזען פון טייך
— דיינע אופיר־אוצרות.

איוב, כ״ב.

פון ישעיהו'ס רייד

וואס דארף איך אייערע אפפער — זאגט דער אויבערשטער.
איך בין איבערזעטיגט מיט אייערע בראנד־אפפער און דאס בלוט פון שעפסען און בעק איז מיר ניט צום הארצען.

ברענגט מיר ניט אייערע ליגנערישע געשאנקען, אייער ווייהרויך איז מיר צום עקעל.

און שפרייט איהר אויס אייערע הענד, פערבארג איך מיינע אויגען פון אייך: אייערע הענד זיינען אין בלוט איינגע־טונקען.

רייניגט זיך, טהוט אב דאס בייז פון מיינע אויגען, הערט אויף שלעכטס טהאן.

טהוט דאס גוטע, זוכט גערעכטיגקייט, שטארקט די האנד פונ'ם אונטערדריקטען, גיט דעם יתום זיין רעכט, נעמט זיך אן פאר דער אלמנה.

*　　　　*

און עס וועט קומען א צייט און דער אויבערשטער וועט משפט'ען די נאציאנען און איבערשמיעדען וועלען די פעלקער זייערע שווערדען אויף אקער־אייזענס און זייערע שפיזען — אויף גארטען־מעסערס, און א פאלק געגען א פאלק וועט מעהר קיין שווערד ניט אויפהויבען און זיי וועלען ניט געהן מעהר אין קריעג.

און דערניעדריגט וועלען ווערען די אויגען פון די שטאלצע און איינגעבויגען אלע, וואס זיינען גרויס און נור דער גערעכטער גאט וועט מעכטיג זיין אין דעם דאזיגען טאג.

און א יום־הדין וועט זיין פאר אלע שטאלצע, פאר אלע דער־הויבענע און געפאלענע.

*　　　　*

וועה צו יענע, וואס רוקען צו א הויז צו א הויז און דער־

נעהנטערען אַ פעלד צו אַ פעלד און פאַר אַנדערע בלייבט קיין אָרט.

וועה צו יענע, וועלכע זאָגען אויף שלעכטס, אַז ס'איז גוט און אויף גוטס, אַז ס'איז שלעכט.

וועה צו יענע, וועלכע פערוואַנדלען אַלעס ליכטיגע אין פינסטערניש און דאָס פינסטערע אין ליכטיגקייט.

וועה צו יענע, וועלכע גיבען רעכט דעם פערברעכער און נעהמען פון דעם גערעכטען צו זיין רעכט.

*　　*

וועה צו זיי, וואָס לעבען פון אונרעכט און זייער גלאַנץ איז פאַלשקייט געוואָרען.

זיי פערדערבען דעם משפט פון די נויטבעדערפטיגע און נעהמען צו דאָס רעכט פון די אָרימע און אַלמנות ווערען זייער רויב און יתומים פרעסען זיי אויף.

וואָס וועט איהר, אומווירדיגע, טהאָן אין'ם טאָג פון גרויסען משפט? צו וועמען וועט איהר נאָך הילף לויפען? וואו וועט איהר אייער שטאָלצען קאָפּ אַנידערלעגען?

*　　*

ציטערט, איהר זאָרגלאָזע. שווידערט אויף, איהר איינגע־זעסענע; אויף מיין פאָלק'ס ערד זיינען ווילדע געוויקסען אויס־געוואַקסען, צושפּרייט האָבען זיי זיך איבער די הייזער פון פרייד.

פערלאָרען איז די געגענד, די טומעלדיגע שטאָדט איז אויסגעלעדיגט. דער פעסטונגס־באַרג און דער וואַך־טהורעם זיי־נען וויסטע היילען געוואָרען.

אָבער אַ גייסט פון דער הויך נידערט אַראָב און פון דער וויסטעניש ווערט אַ פרוכטגאָרטען, און אין'ם פרוכטגאָרטען וועט רוהען גערעכטיגקייט.

און דאָס ווערק פון גערעכטיגקייט וועט זיין פרידען און זיכער וועט זיצען מיין פאָלק אין'ם שוים פון דער גערעכטיגקייט.

מוסר

פון י. ל. פרץ.

עס געהען צוויי ווייבער אונטער דער שטאָדט; איינע א הויכע, שווערע אידענע מיט בעזע אויגען, שווערע, הילכעדיגע טריט, די צווייטע — א דארע, בלאַסע, קליינע מיט אן אראָבגעלאָזטען קאָפּ.

— וואו פיהרסט דו מיך, חנה? — פרעגט די צווייטע.

— ווארט, נאָך א פּאָר טריט. צום בערגעל.

זיי זיינען צוגעקומען צום בערגעל.

— זעץ דיך, — מאַכט חנה.

אין דער שטילקייט פון ווארימען זומער־טאָג, ווייט פונ׳ם שטעדטישען גערודער, הערט זיך א געשפּרעך:

— גרונע, ווייסט ווער דיין מאַן, עליו השלום, איז געוועזען?

אויף גרונע׳ס בלאַס פּנים לייגט זיך א שאָטען.

— איך וויים, — ענטפערט זי מיט פערביסענע ליפּען.

— א סופר איז ער געוועזען, גרונע! א כשר׳ער סופר...

— איך וויים...

— פאַר יעדען אות פלעגט ער זיך טובל׳ען אין מקוה... א כשר׳ער איד געוועזען.

— אמת.

— זיין זכות זאָל אונז ביישטעהן.

גרונע שווייגט.

— שווייגסט? — וואונדערט זיך חנה.

— אלץ איינס!

— נישט אַלץ איינס! זיין זכות זאָל אונז טאַקי ביי״

שטעהן: הערסט?

— איך הער.

— וואָס זאָגסט דו דערצו?

— וואָס זאָל איך זאָגן? כ׳וויים נור, אַז ער איז נישט ביינעשטאַנען.

— ווייסט פאַרוואָס, גרונע?

— עט...

— ווייל דו ביסט זינדיג...

— איך?... איך — זינדיג?

— הער, גרונע, זינדיג איז יעדער מענש, נור דו אודאי...

— אודאי?

— גרונע, זעהסט, אַ מאַמע און בפרט אַ כשר׳ען סופר׳ס און אַלמנה דאַרף...

— וואָס דאַרף זי?

— זי דאַרף זיין פרומער ווי אַלע, בעסער ווי אַלע און מעהר אַכטונג געבען אויף דער טאָכטער.

די בלאַסע גרונע איז נאָך בלאַסער געוואָרען, די אויגען האָבען איהר אויפגעפלאַמט, די נאָז־לעכער צושפּרייטען זיך און די בלאָה־פערברענטע ליפּען ציטערען.

— רחל! — האָט זי אויסגעשריגען.

— דו ווייסט, גרונע, איך בין דיר אַ גוטער פריינד... נור דעם אמת מוז איך דיר זאָגען.... צווישען אונז וועט עס בלייבען.

— זאָג, ציה מיר נישט די נשמה ארויס!

— נו, הער!... נעכטען פאַרנאַכט, שפּעט פאַרנאַכט, בין איך צוריקגעגאַנגען פון דער באַהן און... אויף דעם בערגעל איז געזעסען דיין מירעל...

— איינע אַליין?

— ניין...

— מיט וועמען?

— איך ווייס ? איינער מיט א קאפעלוש, א צילינדער אפילו, ער האט זי געקושט אין האלז און נאקען, זי האט גע־לאכט און געגעסען צוקערקעס...

— איך ווייס ! עס איז שוין נישט דאס ערשטע מאל...

— האסט געוואוסט ? א חתן איז עס ?

— ניין !

— און דו האסט געשוויגען.

— יא !

— גרונע !

נור איצט איז שוין גרונע רוהיג.

— אצינד שווייג דו און הער, וואס איך וועל דיר דערצעה־לען, אלץ וועל איך דיר דערצעהלען.

חנה האט זיך געזעצט.

— אז מיין מאן איז געשטארבען — הויבט אן גרונע.

— ווי אזוי רעדסט דו עפעס, גרונע ?

— ווי אזוי זאל איך רעדען ?

— אהן זכרונו לברכה... און נפטר געווארען זאגט מען ?

— אלץ איינס... נור מיך האט ער איבערגעלאזט מיט דריי יתומים־טעכטער...

— נעבעך, קיין קדיש ניט געלאזט.

— דריי טעכטער, די עלטסטע....

— גנענדיל....

— איז אלט געווען פערצעהן יאהר.

— ביי לייטען איז אזוינס א כלה...

— ביי אונז איז קיין ברויט ניט געווען ! פון תנאים שרייבען און לעקעך ניט צו רעדען...

— ווי אזוי רעדסט דו עפעס היינט, גרונע !

— ניט איך רעד, מיין הארצוועהטאג רעדט. גנענדעל, ווייסט דו, איז געווען דאס שענסטע מיידעל אין שטאדט.

— היינט אויך... קיין עין־הרע !

— היינט איז זי א זויערער ציטרין — א גרויער צאפ.

אָבער דעמאָלט האָט זי געלייכט, ווי די זון, און איך בין דעם פרומען סופר'ס אלמנה געווען! איך האָב זי ווי איין אויג אין קאָפּ געהיט. אַ כלה מיידעל דאַרף דאָך זיין, ווי אַ שפּיגעל. איך האָב זי געהיט, געהיט, קיין אויג נישט אַראָבגעלאָזט, קיין טריט פון שטוב אָהן מיר נישט געטהאָן, און אַלץ מוסר געזאָגט: קוק נישט אַהער, קוק נישט אַהין, דאָ שטעל דיך נישט, דאָ זעץ דיך נישט.

— נו, זעהר וואויל...

— וואויל, ווי די וועלט. קום נור צו מיר אַהיים און זעה, ווי זי זעהט איצט אויס. יאָ, זי איז אַן אמת עהרליך מיידעל, נור פון זעקס־און־דרייסיג יאָהר. דאַר, די ביינער צו צעהלען, אַ גערונצעלטע הויט, ווי פּאַרמעט צו תפילין, אויגען פערלאָשענע, דאָס פּנים זויער, אָהן אַ שמייכעל — אייביג פערבי־סענע לעבען. אָפּט ברענען אויף די פערלאָשענע אויגען — דאָס ברענט אין זיי אַ שנאה, אַ האַס ווי גיהנם... און ווייסט וועמען זי האָט פיינד?

— וועמען?

— מיך! מיך — איהר אייגענער מאַמע'ן?

— וואָס רעדסט דו? פאַר וואָס?

— זי אַליין אפשר ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער איך ווייס! איך האָב מיך געשטעלט צווישען איהר און דער וועלט, צווישען איהר און דער זון. זי מוז מיך פיינד האָבען...

— וואָס רעדסט דו?

— וואָס דו הערסט. די שוועסטער האָט זי אודאי פיינד, שעהנער זיינען זיי און יינגער.

גרונע האָפּט שווער דעם אָטעם.

— די יינגערע, לאה'ן, האָב איך שוין אין דער היים ניט געהאַלטען, אָבגעגעבען זי פאַר אַ דינסט.

— איך האָב גענוג געשריגען אויף דעם, אַ סופר'ס אַ טאָכ־טער פאַר אַ דינסט!

— איך האָב געוואָלט חאָטש זי חתונה מאַכען... פון די ציבעלעס, מיט וועלכע איך האַנדעל, קען מען קיין גדן ניט אויפקלייבען.

זי האָב איך געהיט. ניט איין בעל־הבית האָט אויף איהר אַן אויג געוואָרפען, ניט איין בעל־הבית'יש קינד האָט זיך גע־וואָלט פון איהר אַ שפּילכעל מאַכען. איך בין אָבער אַ מאַמע אַ טרייע געוועזן, צעהן מאָל אין טאָג ביי איהר אין קיך געוועזן, געוויינט, מוסר געזאָגט — האַ ! גוטע, פרומע ווערטער האָב איך געזאָגט !... גאַנצע נעכט בין איך נישט געשלאָפען, גע־לייענט דעם קב הישר און אַנדערע הייליגע ספרים און צומאַר־נענס איהר איבערדערצעהלט און נאָך אייגענעם צוגעגעבען — גאָט זאָל מיר מוחל זיין ! מיט פייער האָב איך געשיט, און אַ שוואַך קינד איז עס געוועזן, אַ שוואַך, כשר קינד, עס האָט זיך געלאָזט פיהרען. דער טאַטע אויס'ן אויג, בלאַס, אָהן אַ ביסעל בלוט. און אַזוינע גוטע, פייכטע אויגען, — נור שעהנער איז זי געוועזן.

— דו רעדסט, ווי פון אַ טויטער ?

— און דו מיינסט זי לעבט ? איך זאָג דיר, זי לעבט ניט ! זי האָט אַנגעזאַמעלט נדן, איך האָב איהר אַ מאַן געגעבען ! זי האָט געוויינט, אַז זי וויל איהם נישט, ער איז צו גראָב, אָבער איך האָב געדראַנקט גאָט, ווער עס איז — אַ ! האָט ער מיט איהר אַ יאָהר געלעבט דאָס געלד מיט'ן געזונד צוגענומען, און איז אוועק... זי שפּייט מיט בלוט, אַ שאָטען איז זי, ניט קיין מענש... און גאַנצע, גאַנצע נעכט וויינט זי.

ווייסט, אויף וועמען זי וויינט ?

— אויפ'ן מאַן, ימח שמו !

— ניין, חנה, אויף מיר ! איך האָב זי אונגליקליך גע־מאַכט, איהרע טרעהרען פאַלען מיר אויפ'ן הארץ, ווי קאַכעדיג בליי.

זי בלייבט שטיל און חאַפּט קוים דעם אטהעם.

— נו ?

— נו ! האָב איך מיר שוין געזאָגט : גענוג ! זאָל מיין דריטע טאָכטער שוין לעבען ! לעבען זאָל זי, ווי זי וויל. זי ארבייט אין פאַבריק, זעכצעהן שעה א טאָג, קוים אויף טרוקען ברויט פערדינט זי. זי וויל צוקערקעס, זאָל זי עסען ! זי וויל לאַכען, שטיפען, קושען זיך — זאָל זי ? הערסט, חנה, זאָל זי, א י ך קען איהר קיין זיסע זאַכען נישט געבען, קיין מאַן אודאי נישט ! זאָל שוין מיין טאָכטער מיך נישט האסען, אויף מיר נישט וויינען.

— אָבער, גרונע, וואָס וועלען לייט זאָגען ?

— זאָלען לייט פריהער אויף אָרימע יתומים רחמנות האָבען, נישט ארבייטען מיט זיי, ווי מיט עזלען ! זאָלען מענשען האָבען הערצער פון מענשען.

— און גאָט, גאָט — ברוך הוא ?

און גרונע הויבט זיך אויף און שרייט, גלייך זי האָט גע־וואָלט, גאָט זאָל אין הימעל הערען.

— האָט גאָט געזאָלט פריהער יענע פערזאָרגען..

* * *

א שווערע שטילקייט.ביידע ווייבער אָטעמען שווער.

— גרונע ! — שרייט ענדליך אוים חנה. — גאָט, גאָט וועט שטראָפען...

— נישט מיך, נישט מיינע טעכטער ! גאָט איז גערעכט, ער וועט עמיץ אַנדערען שטראָפען ; ע מ י ץ א נ ד ע ר ע ן !

שקלאַפעריי

פון טהאָמאַס קאַרלייל.

אײנער פון די בעריהמטעסטע ענגלישע שרײבער, 1795—1881 ; היס־טאָריקער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן.

איך קלאַג אויפ'ן מזל פון אָרימאַן, ניט דערפאַר, וואָס ער אַרבײט. מיר אַלע מוזען אַרבײטען און וואָס איז פיעל ערגער — גנב'ענען אויף אירגענד װעלכען אויפן, ווייל קיין עהרליכער מאַן געפינט ניט קיין פערגניגען אין זיין טעג־ליכער אַרבײט צוליב היונה.

דער אָרימאַן איז הונגעריג און דורשטיג, אָבער אויך פאַר איהם איז דאָ צו עסען און צו טרינקען. ער איז ניעדערשלאָגען און געהט אויס פון די כוחות, אָבער אויך פאַר איהם שוועבט אַראָב פון אויבען דער זיסעסטער שלאָף... זיינע געצעלטען זיי־נען פול מיט שטינקענדען רויך, אָבער אויך דאָ געפינט איהר דעם קלאָרען טוי, וואָס וויקעלט אַרום דעם שטילען וואַסער פון אַ רוהיגען האַפען... און דאָ גראָד בלאָנדזשען אָפטמאָל אַרום קאָפּ־ריזנע גלענצענדע חלומות, איינגעהילט אין די בגדים פון וואָל־קענס...

ניט אויף דעם קלאָג איך, אָבער דאָס האַרץ טהוט מיר וועה, וואָס דער פייער פון זיין נשמה דאַרף אויסגעהען, וואָס קיין שטראַהל פון דער וויסענשאַפט איבער דעם הימעל אָדער דער ערד וועט ניט אַריינקומען צו איהם ; וואָס נור דער פחד און דער צאָרן, ווי צוויי געשפענסטער פון שרעקליכען חשך, וועלען זיינע חברים זיין.

אָה, וועה ! אין דער צייט, ווען דער גוף איז שטאַרק און לעבענסקרעפטיג, מוז די נשמה ליעגען אַ בלינדע, געבראַכט צו שפּאָט און צו גאָרניט, ווי אַ פערקריפּעלטער קאַרליק...

דאָ אויך — אָה, וועה! — שטעקט דער פינגער פון גאָט, פאַרוואָס? נור בעוואוסט פאַר גאָט און תמיד פערדעקט פאַר דער זינדיגער ערד...

וואָס פאַר א טראַגעדיע, אז איינער מוז שטאַרבען אַז עס האַרץ מיט דער געבאַרענער נייגונג צום שאַפען און ערפינדען.

און לאָז עס געשעהען 20 מאָל א מינוט, אזוי ווי עס קומט פאַר לויט געוויסע חשבונות — אַלץ א טראַגעדיע!

דאָס קליינליכע טייל פון וויסען, וואָס די מענשהייט האָט ארויסגענומען פון דעם אונענדליך־געהיימניספאָלען אוניווערסום — פאַרוואָס זאָל עס ניט זיין פערטיילט צווישען אַלעמען? פאַרוואָס?...

די רוימישע מיליאָנערען

פון ציצעראָ

רוימישער שטאַאַטסמאַן און אָראַטאָר פון דעם לעצטען יאהרהונדערט בעפאָר קריסטוס.

מיט זייער רייכקייט, מיט זייערע פּראַכטפאָלע פּאַלאַצען, מיט זייערע אריסטאָקראַטישע נעמען און מיט אַלע זייערע פערמעגענס, וואָס מען איז מקנא מעהר פאַר אַלץ, האָב איך זיי קיין מאָל ניט גערעכענט צווישען די זאַכען, וואָס זיינען גוט און ווינשענסווערטה.

ווייל איך האָב זיך איבערצייגט, אז אין דעם איבערפלוס, אין וועלכען זיי לעבען, בעגעהרען זיי נור די זאַכען, וועלכע זיי האָבען שוין איבער גענוג.

ווייל די ליידענשאַפט פון גייציגקייט און ערֹאָבערונג קען קיין מאָל ניט געשטילט ווערען.

און ניט נאָר זיינען זיי געפּייניגט פונ'ם שטרעבען צו נייע עשירות און נייע גיטער; זיי זיינען אויך געפּייניגט פון דעם שטענדיגען שרעק צו פערליערען וואָס זיי בעזיצען.

וועגען די געלעהרטע

פון פ. ניטשע.

איך בין אוועקגעגאנגען פון'ם הויז פון די געלעהרטע, און דערצו פערקלאפט די טיר הינטער זיך.

ווי לאנג איז געזעסען מיין נשמה א הונגעריגע ארום זייער טיש; איך קען ניט קייען געדאנקען, ווי זיי.

איך בין צו היציג און ווער פערצעהרט פון'ם פייער פון מיינע געדאנקען. אפט פערכאפט מיך דער אטעם, מוז איך אנטלויפען פון'ם פערשטיקטען שטוב, וואס ווייטער פון זייערע פערשטויבטע קאמערען.

אבער זיי קיהלען זיך אב אין'ם שאטען. זיי ווילען שטענדיג זיין נור צושויער און האבען מורא צו זעצען זיך אנטקעגען דער גליהענדער זון.

אזוי ווי יענע, וואס שטעהען אויף דער גאס און קוקען אויף די דורכגעהער, אזוי שטעהען זיי און ווארטען און קוקען פערגאפט אויף פרעמדע געדאנקען.

און ריהרט זיך עמיצער צו צו זיי מיט די הענד, הויבט זיך פון זיי ניט ווילענדיג אויף א שטויב, ווי פון מעהל־זעק; אבער ווער וועט איינפאלען, אז זייער שטויב געהט פון די קערנער און גאלדיגע געשאנקען פון פעלד?

און רעדען זיי וועגען זייער ווייזהייט, ווערט מיר היים פון זייערע קורצע ווערטלעך און ווארהייטען: אפט שמעקט פון זייער ווייזהייט אזוי, ווי זי וואלט געזעסען אין זומפ.

פלינק זיינען זיי און האבען פעהיגע פינגער, וואס איז מיין איינפאכקייט אנטקעגען זייער פיעלזייטיגקייט!

גוטע צייט־ווייזער זיינען זיי: מען דארף זיי נור ריכטיג אנציהען! ווי מיהלען מאהלען זיי און קלאפען דערביי: די

וואָרף זיי נאָר די קערנער דיינע! — זיי וועלן זיי שוין פּיין צובערקלען און פון זאַפטיגע קערנער וועט ווייסער שטויב ווערן.

זיי קוקן שאַרף איינער דעם אַנדערען אין די פינגער אַריין און זיי גלויבן ניט איבעריג איינער דעם אַנדערען. אין פאַלשע קאָרטען שפּילן זיי: און שפּילן דערביי מיט אזא היץ, אַז זיי גייען אָב אין שווייס.

מיר זיינען פרעמדע און זיי האָבן מיך ניט ליעב געהאַט, ווייל לעבענדיג מיט זיי, האָב איך געלעבט איבער זיי.

זיי ווילן אָבער ניט ליידען, אַז אימיצער גייט איבער זייערע קעפּ; און דעריבער האָבן זיי אָנגעוואָרפן ערד און מיסט צווישן מיר און זייערע קעפּ.

אָבער מיר זיינען אַנדערע, און דאָס, וואָס איך וויל, האָבן זיי קיין רעכט ניט צו וועלן.

אזוי האָט געזאָגט זאַראַטוסטראַ.

אָ, גיבער...

פון א. רייזען.

אָ, גיבער, משיח, אָ גיבער שוין קום!
עס רינגעלט די גאנצענע וועלט שוין ארום,
ווי גיפטיגע שלאַנגען, דער הונגער און נויט,
און הפקר און פחד און אנגסטען און טויט.
עס וויל שוין די מענשען ניט שפּייזען די ערד —
אָ, קום שוין, משיח, אויפ׳ן העל־ווייסען פערד!

סען־זשוסט

(1767—1794)

טוער פון דער גרויסער פאַנצויזישע רעוואָלוציאָן, אומגעקומען אויפ׳ן עשאַפאָט אין 1794, צוזאמען מיט ראָבעספּיער׳ן.

פון אַ רעדע אין קאָנווענט דעם 17טען אַפּריל 1794.

יעדע קונסט האָט פאַר אונז איהרע וואונדער געשאַפען. די קונסט פון הערשען האָט אונז נאָר שרעקליכע קריפּעלס און מאוים׳דיגע פערזעהענישען געגעבען...

די טיראַנען צוטיילען דאָס פאָלק, כדי איהם בעסער צו בעהערשען.

לאָמיר אויך צוטיילען די מאכט פון דער רעגיערונג, כדי הערשען זאָל פרייהיים.

פון א. הערצען.

דעם אָבגעריסענעם פון דעם לעבען געלעהרטען קענט איהר קיין לעבעדיגע ארבייט ניט פערטרויען: ער וועט זי פערדערבען, ער איז א ניט־דערוואקסענער צווישען מענשען. הייםיש איז ער נור אין׳ם לאבאראטאָריום זיינעם, אָדער מוזעאום, אָדער ביבליאָטעק, אָבער זוי נור ער געהט ארויס אין דער וועלט, ווערט ער אונגעלומפּערט, לעכערליך. דער בטלניש׳ער געלעהרטער האָט ניט אין זיך קיין געזעלשאַפטליכע אינסטינקטען; ער ווייס ניט, ווי צו פיהרען זיך מיט מענשען, ער האָט מורא פאר זיי, ער איז ניט געוואוינט צו קיין לעבעדיגען געוועהנליכען געשפּרעך, ער קען זיך ניט אָנטהאָן, האָט שטענדיג פאר עפּעס מורא און איז א נעבעכ׳דיגע צוטומעלטע בריאה. און די דאָזיגע אָרימע מענשען האַלטען פון זיך א וועלט, שטעלען זיך העכער פון אלע. האָבען זיי א רעכט דערצו? ניין! די סכאָלאסטישע געלעהרטע זיינען ניט מעהר ווי בעאַמטע, וואָס דינען דער אידעע, דאָס זיינען איהרע שרייבקנעכט, איהרע רעגיסטראַטאָרען — ניט מעהר!

* *
*

מיר זיינען נאָך אלץ אונטער דער ווירקונג פון די מיטעלאַלטעריכע ראָמאַנטיש־מיסטישע אידעען; אונזער מאָראל איז נאָך איינגעהילט אין פעאָדאלע געוואנדען. אמת, די געוואנדען זיינען צוקראָכען, צופאלען שוין, אָבער האַלטען זיך דאָך. נעהמט די געוועהנליכע מאָראל פון א וועלט־מענש — ווי אָרעם, וואַקעלדיג, פאלש, געמישט איז זי!

אוועקגעהענדיג פון די פעסטע ברעגען פון דער מיטעלאל־טערליכקייט, האבען מיר זיך דערשראקען, אונז איז שווער גע־ווארען פון דער אונבעגרענצטקייט פון רוים אין דער מעג־ליכקייט צו טהאן, וואס דאס הארץ גלוסט. אונזער ליעבע צו פרייהייט איז א ריין פלאטאנישע: מיר טהוען א זיפץ נאך איהר, שרייבען וועגען איהר הקדמות צו געלעהרטע טראק־טאטען.

מיר האבען מורא פאר פרייהייט; עס איז בעקוועמער צו פאלגען געבאטען, אן אויסערען אוטאריטעט. מענשען האבען גארנישט דאגעגען, אז איהר זאלט קוקען אויף זיי ווי אויף ניט־דערוואקסענע אדער פערהלום'טע, אבי איהר זאלט זיי נעהמען אין אייערע הענד, געבען זיי א מעגליכקייט ניט צו טראכ־טען. איז ניט כאראקטעריסטיש, אז ווי נור איינער צושיידט זיך מיט איין אויטאריטעט, איילט ער זיך פאלען צו די פיס אן אנדערען? אפילו אזא פריווילעגירטער עמאנסיפאטאר, ווי וואל־טער, וואס האט געקענט חוזק מאכען פון רעליגיאן, איז געבליבען א געצענדינער פון אנדערע פאנטאזיען. מיר רעדען פון פריי־הייט, בענקען נאך איהר, אבער שרעקען זיך פאר איהר. די וואטיאקען ציטערען פאר א שטעקען מיט א ציגענער באָרד אויף איהם און די דייטשען — פאר די געשפענסטער פון זייער ווי־סענשאפט. ניט אונאבהענגיגקייט מאראלישע ווילען מיר, נור שקלאפעריי.

* * *

„אונטערגעהן זאל די וועלט, אבער די גערעכטיגקייט מוז טריאומפירען", זאגען דייטשען אויף לאטייניש. א קאמיש פאלק — די דייטשען! ווייניג זיי, וואס זיי האבען זייערע היימישע אטענען אין בערלין און מינכען, ווילען זיי נאך אויף די לע־דיגע פיעדעסטאלען פון די גריכישע געטער ארויפשטעלען זייערע בלאסע מעטאפיזישע געשפענסטער; די גריכישע געטער זיינען דאך געווען פרעהליכע יונגען, האבען געטרונקען אמבראזיע אהן א מאס, געהאט שעהנע צורות, ניט שטארק צנועות'דיג געווען,

און זייערע וואַקסנסען ווילען דאָס די בערלינער אַטענער אויס־פילען מיט אַבסטראַקציאָנען, וואָס זיינען אָהן לייב און לעבען.

די אידעע איז אַלץ, דער מענש — גאָרנישט, טענה'ען דייטשען, אָדער נאָך; „דעם אַלגעמיינעם דאַרף דאָס פּערזענליכע געאָפּפערט ווערען". ווער עס נעהמט אָן דאָס אַלץ פאַר גוט געלד, קען ווירקליך מיינען, אַז די דייטשען זיינען געפעהרליכע מענשען, וואָס זיינען גרייט צו אָפּפערען מיט איינצעלנע מענשען אין גאַנצע גענעראַציאָנען. אָבער אין דער אמת'ען וועט אייך דער דייטש מוחל זיין אַלע אידעען אין דער וועלט און וועט אָפּפערען אַלעס אין דער וועלט צוליעב אַ שטילען פאַמיליען־לעבען מיט דער פריינדין פון זיינע טעג און נעכט, וועלכע וועט איהם טריי בלייבען זיין גאַנצען לעבען און נאָך אַ יאָהר צוואַנציג נאָכ'ן טויט; צוליעב פרידליכע אבענדען אין אַ גערטענדעל מיט געלעהרטע שמועסען מיט אַ פריינד, וועלכער האָט געלערענט פילאָלאָגיע. די צרה איז נור, וואָס גאַנץ איירָאָפּא האָט גענומען לעזען דייטשע טעקסטען און ווילען פראַנצויזען אָנהויבען שרייבען זייערע קאָמענטאַרען צו אַזעלכע אידעען—וועט ביטער זיין: די פראַנצויזען זיינען אַ פרעהליך פאָלק, אָבער האָבען פיינד חכמות.

אוראי טרעפט זיך, אַז דאָס אַלגעמיינע איז וויכטיגער פונ'ם פערזענליכען; די פערזענליכקייט, וואָס שטעלט זיך אנטקעגען דער קאָלאָסאַלער מאַכט פונ'ם אַלגעמיינעם, איז אין דער נאַרישער לאַגע פון אַ מענשען, וואָס לויפט אראָב פון די טרעפּ, רעכנענדיג צו אַנטרינען, אין דער צייט, וואָס הונדערטער פּאָליציילייט געהען איהם אנטקעגען; אַזעלכע נארישע מענשען זיינען טיראַנען, קאָנסערוואַטאָרען, פערברעכער. אָבער אויך דעם שלעכטען מענשען וואָלט איך ניט געהאַט קיין הארץ דעם קאָפּ אָבצושניידען — אַן איינפאַכער חשבון: ווייסטו אַ מענשען אָבשניידען אַ קאָפּ, וועט ער קיינמאָל שוין ניט אויסוואַקסען, און מיט דער אַלגעמיינהייט איז ווי מיט דער לעגענדאַרער הידרא, — אָבגעהאַקט איין קאָפּ, וואַקסען נייע צוויי ארויס.

פון עמוס

אידיש: י. י. שווארץ.

איהר אויף עלפענביינער בעטען,
וואו איהר זינקט ביז שפעט אין שלאף;
איהר, וואס רויבט די מיה פון צווייטען
און איהר לאכט זיך אוים פון שטראף;
איהר, וואס קלייבט זיך אוים די בעסטע,
פעטסטע לעמער פון די שאף;
מיט דעם בעסטען, פריש'סטען אויל
טהוט איהר אייער לייב טהאן וואויל;
און אייך קימערט ניט דער בראך
פון מיין פאלק, און ניט זיין יאך; —
ס'קומט דער גרויסער טאג פון שטראף,
קומען וועט אויף אייך א סוף!

אין דעם טאג פון מיין גרויזאמען צארן
וועט יעדער איינער געהן פערלארען...
אויב איהר וועט אין דער ערד זיך פערשטעקען,
וועט פון דארטען מיין אויג אייך ענטפלעקען;
אויב אויף שפיצען פון פעלזען ענטרינען,
וועט אייך דארטען מיין האנד אויך געפינען.
אויב צום גרונד פון די ים'ען דערלאנגען —
וועל איך דארט אויף אייך אנשיקען שלאנגען.
און געטריבען פון שונא, אין קייטען,
וועט דאס פלאמיגע שווערט מיינס אייך טויטען!

און דער אקערער וועט מיט דעם שניטער
זיך טרעפען אין פעלד.
און דאס גרויסע און מעכטיגע ליעד וועט
פערקלינגען די וועלט.

און אין קעלטער — די בלוט־רויטע טרויבען
געטרעטען אין ווייִן,
און דער שייער — מיט שמעקענדע דערנער
וועט אָנגעפילט זיין,
און די בערג וועלען טריפען מיט האָניג
און פליסען אין טאָל,
און די שטעדט די פערוויסטע — אויפבליהען
אַזוי ווי אַמאָל!

מיר פאַלען...

פון י. ראָלניק.

געבאָרען 1879 אין מיר, מינקעס גוב. געקומען נאָך אמעריקא 1899.
אָנגעהויבען דרוקען אין 1900.

ס'בויט זיך אַ ריזיגער בנין;
מיר שטעלען די זיילען, די ווענד.
ניט קיין ערפאַהרענע — ציטערען
די ציגעל אין אונזערע הענד.

שוואַכע און שרעקיגע מענשען —
פערדרעהען זיך אָפטמאָל די קעפ,
פאַלען מיר איינס נאָכ'ן צווייטען
פון לייטערס, געהילצען און טרעפ.



ברוטאַלע מאכט. פרעמיע.

„הענגט איהם!“

פון י. טורגענעוו.

.1818—1883

בעריהמטער רוסישער נאָוועליסט.

דאָס איז געשעהן אין יאָהר 1803, — האָט אָנגעהויבען מיין אַלטער בעקאַנטער, — מיין רעגימענט, אין וועלכען איך האָב געדינט אַלס אָפּיציר, איז איינגעשטאַנען אין מעהרען. אונז האָט מען שטרענג פערבאָטען צו בעאונרוהיגען די איינוואוינער.

איך האָב געהאַט אַ בעדינטען, אַ זעלנער, אַ געוועזענעם לייבאייגענעם פון מיין מוטער. געהייסען האָט ער יעגאָר. אַ מענש איז ער געווען אַ שטילער, אן עהרליכער; איך האָב איהם געקענט פון דער קינדהייט אָן און האָב געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ נאָהענטען פריינד.

איינמאָל זיץ איך אין הויז, פּלוצלונג הער איך געשרייען, זידלערייען. איך לויף ארוים: ביי דער בעל־הבית'טע האָט מען צוגעגנב'עט צוויי היהנער, זי בעשולדיגט אין דער גנבה יעגאָר'ן. ער פערענטפערט זיך, בעט מיך זיין אַן עדות, וואָס הייסט, ער, יעגאָר אווטאַמאַנאָוו, וועט פּלוצלונג גנב'ענען! איך האָב געהאַלטען איין פערזיכערען די בעל־הבית'טע, אַז יעגאָר איז אַן עהרליכער מענש און אַז זי האָט געמוזט האָבען אַ טעות, אָבער זי וויל ניט הערען.

פּלוצלונג האָבען זיך דערהערט אין דער גאַס פערדישע טריט: דאָס איז געווען דער קאָמאַנדיר אליין מיט זיין שטאַב. ער איז געריטען לאַנגזאַם, מיט אראבגעלאָזענעם קאָפּ, אַ פעטער, אַ שווערער. די בעל־הבית'טע האָט איהם דערזעהן און האָט זיך

א וואָרף געטהון דעם פערד אין וועג, געפאַלען אויף די קניה — און א צושויבערטע, צולאָזענע, האָט זי אָנגעהויבען אויף א קול קלאָגען זיך אויף יעגאָר'ן, ווייזענדיג אויף איהם מיט דער האנד.

— הערר גענעראַל! — האָט זי געשריען. — אייער עקסע־לענץ! העלפט! זייט א פאָטער, א רעטער! אָט דער זעלנער האָט מיך בע'גזל'ט!

יעגאָר איז געשטאַנען אויפ'ן שוועל פון הויז, אַן אויסגע־צווינגענער ווי א שטעקען, מיט'ן היטעל אין האנד, האָט אפילו די ברוסט אויסגעשטעלט און די פיס צוזאַמענגעדריקט, ווי א זעלנער אויפ'ן וואַך, — און א וואָרט זאָל ער אויסרעדען! צי האָט איהם צוטומעלט דער גענעראַליטעט, וואָס איז געבליבען שטעהן אינמיטען גאַס, צי איז ער א בענומענער געוואָרען פון דעם שרעקליכען אומגליק, וועלכעס איז פלוצלינג געקומען צו־פליהען איבער זיין קאָפ — אזוי צי אזוי, נור מיין יעגאָר שטעהט און ריהרט זיך ניט, שטעהט און פינטעלט מיט די אויגען, און אליין איז ער וויים, ווי ליים!

דער קאָמאַנדיר האָט א וואָרף געטהון אויף איהם א צו־שטרייטען און שטרענגען קוק, האָט בייז געברומט:

— נו?... — און יעגאָר שטעהט, ווי א שטיק האָלץ, און האַלט אָפען דאָס מויל. פון דער זייט האָט מען געקענט מיינען, אז דער מענש לאַכט.

דער קאָמאַנדיר האָט אָבגעריסען א זאָג געטהון: — אויפ־הענגען! — א שטוים געטהון דאָס פערד און געלאָזט זיך ווייטער, פריהער לאַנגזאַם און דערנאָך שנעלער. דער שטאַב איז אוועקגעריטען נאָך איהם; איין אדיוטאַנט נור האָט זיך, א קעהר טהוענדיג אין'ם זאָטעל, פערקוקט אויף א ווײַלע אויף יעגאָר'ן.

א בעפעהל איז א בעפעהל; יעגאָר'ן האָט מען באַלד גע־כאַפּט און געפיהרט צו דער תליה.

איצט זיינען אלע זיינע גלידער פלוצלונג אין גאַנצען אָב־

געשטארבען און נור צוויי מאל האט ער קוים־קוים א געשריי געטהון: גאטעניו! גאטעניו! — און דערנאך אין א האלבען קול: גאט איז אן עדות — איך בין אומשולדיג!

ביטער, ביטער האט ער צעוויינט זיך, געזעגענענדיג זיך מיט מיר. איך בין געווען אין איין פערצווייפלונג.

— יעגאר, יעגאר! — האב איך געשריען — פארוואס האסטו קיין ווארט ניט געזאגט דים גענעראל!

— גאט איז אן עדות — איך בין אומשולדיג, — האט דער ארימער מענש אלץ איבערגע׳חזר׳ט יאמערענדיג.

די בעל־הבית׳טע אליין האט זיך דערשראקען שרעקליך. זי האט גארניט ערווארט אזוינס, און האט זיך פלוצלונג צו־ וויינט, ווי אן אקס; זי האט געבעטען יעדען איינעם, מען זאל האבען רחמנות, האט גע׳טענה׳ט, אז די היהנער האט זי געפונ־ נען, אז זי איז גרייט אלעם צו ערקלערען...

עס פערשטעהט זיך, דאס אלץ האט ניט געהאלפען. מיליֿ־ טער־דינסט, מיינע הערען, ארדנונג! דיסציפלין! איהר פער־ שטעהט?

די בעל־הבית׳טע האט געיאמערט אלץ העכער און העכער. האבענדיג זיך מתודה געווען פאר׳ן גלח, האט יעגאר אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען געווענדעט זיך צו מיר מיט די דאזיגע ווערטער:

— זאגט איהר, אייער וואוילגעבוירען, אז זי זאל זיך ניט נעמען צום הארצען... איך האב דאך איהר מוחל געווען...

⚜

קען זיין עפעס אומגעלומפערטער פון דעם, וואס א מענש האט א רעכט צו קוילען מיך נור דערפאר, וואס ער זיצט אויף דער אנדערער זייט טייך און זיין קיסר איז צוקריעגט מיט מיין קיסר, צו וועלכען איך האב גארנישט?

פאסקאל.

אַלץ ווייטער!

פון י. מאַדזיני.

.1805—1872

בעוואוסטער קעמפּפער פאַר איטאַליענישע פרייהייט און איינינקייט.

וואָס ווייטער דאָס ציל איז, אַלץ מעהר איז נויטיג צו געהן פאָרווערטס; ניט איילענדיג זיך, אָבער אויך ניט בלייבענדיג שטעהן.

א קינסטלער איז אָדער א כהן גדול אָדער א מעהר אָדער וועניגער פלינקער אקראָבאַט.

דאָס לעבען איז ניט קיין סינעקור און ניט קיין יאגד נאָך גליק. ניין, דאָס לעבען איז, ווי פ. שילער זאָגט, א מלחמה — און אייביגע מלחמה פון'ם גוטען מיט'ן בייזען, פון גערעכטיגקייט מיט פּריווילעגיען, פון פרייהייט מיט אונטערדריקונג, פון ליעבע און געזעלשאַפטליכקייט מיט דער אונבעגרענעצטער אינדיווידואַליטעט. לעבען הייסט דערנעהענטערען זיך אַלץ מעהר און מעהר צום אידעאַל, וואָס שיינט אין'ם פריהמאָרגענ־ליכט זיינען אריין אין אונזער זעעלע און פערשטאַנד.

די מענשען וואָס פּרעדיגען מאָראַל און זאָגען דאָך, אז מיר האָבען פליכטען אַנטקעגען אונזער פאַמיליע און פאָטערלאַנד, פּרעדיגען אייגענטליך עגאָאיסטישע אידעען, וואָס זיינען שעד־ליך אי אייך, אי אנדערע. פאַמיליע און פאָטערלאַנד זיינען צוויי קרייזען, וואָס זיינען איינגעשלאָסען אין'ם ברייטערען קרייז פון מענשהייט. דאָס זיינען צוויי שטופען, וועלכע איהר מוזט דורכגעהן און אריבערגעהן, אָבער ניט בלייבען שטעהן אויף זיי.

דעם פאָלק׳ס געזאנג.

פון אבן־עזר עליאָט

1781-1849.

פיהרער פון דער טשאַרטיסטען־בעוועגונג און בעוואוסט אַלס דעם פאָלק׳ס דיכטער.

ווען ווערסטו קומען צו דיין פאָלק,
אָה גאָט פון מיטלייד — ווען ?
ניט קרוינען־קעפּ, נור די נאַציאָן
ווען ווערסטו הערען, זעהען ?
די בלומען פון דיין הארץ, אָ גאָט !
זיי וועלקען זאפּטלאָז יעדען טאָג.
טאָ שיק־זשע גיך פאר אונז די זון,
דיין וואָרט פון יושר זאָג !

וועט תמיד גזלה צאַפּען בלוט ?
געוואלד דעם רויבער געבען מוטה ?
איז דאָס דיין טרייסט, אָה, גרויסער גאָט ?
איז שלעכטס דיין הויפּט געבאָט ?
די בערג און טהאָלען שרייען „ניין !“
זאָל העל די זון אין הימעל־רוים
און ליכטיג, פרעהליך זינגען דאָרט
אַ נייעם ליעד, אַ נייעס וואָרט
צו אויסלייזען די וועלט.

ווען ווערסטו קומען צו דיין פאָלק,
אָה, גאָט פון מיטלייד, — ווען ?
דיין פאָלק, אָ האר, דיין אייגען פאָלק —
ניט קרוינען־קעפּ, נור די נאַציאָן

וועז וועסטו הערען, זעהען?
אַט, העלף דיין פאָלק, דיין אייגען קינד!
זיי זיינען היילִיג־שעהן אצינד...
טאַ לייז זיי אויס פון שטריק און קייט!
גאָט, לייז זיי אויס פון יאוש־נויט!
בעלויכט, בעפריי די וועלט!

וויפיעל מעגליכקייטען פון גליק האָבען מיר, וויפיעל בעקוועמליכקייט, פון וועלכע אַמאָליגע דורות האָבען אפילו ניט געחלומ'ט! זיינען מיר אָבער גליקליך? אויב אַ מינדערהייט לעבט ברייטער און בעסער, דערפאַר איז די מעהרהייט נאָך מעהר אומגליקליך, ווי אַמאָל. האָבענדיג בערייכערט אַ הייפעל רייכע, האָבען מיר געצוואונגען די מעהרהייט בענוגענען זיך מיט אָרימקייט און אומגליק. וואָס איז דאָס אָבער פאַר אַ גליק, וואָס לעבט אויפ'ן חשבון פון יענעמס אומגליק!

זשאַק זשאַן רוסאָ.

איהר קענט ניט אָבשפּעטען שטאַרקער פון אַ מענשען, ווען איהר זאָלט איהם אפילו אריינוואַרפען אינמיטען אַטלאַנטישען אָצעאַן, דערביי זאָגענדיג, אז ער מעג זיך אוועקשפּאַצירען צום ברעג, ווי ווען איהר זאָלט בעזעצען איינעם אויף דער ערד. וועלכע אַנדערע האָבען פערכאַפּט אַלס זייער אייגענטום, דערביי זאָגענדיג איהם, אַז ער איז אַ פריַיער מענש, מעג ארבייטען פאַר זיך און האָבען דעם גאַנצען נוצען פון זיין ארבייט.

הענרי דזשאָרדזש.

אָ, דאָס ליכט פון די שלעכטע וועט אויסגעלאָשען ווערען און די פונקען אין זיין פייער וועלען ניט לייכטען.

די ליכטיגקייט אין זיין געצעלט וועט טונקעל זיין און פונ׳ם וואקסענעם ליכט וועט ניט העל ווערען.

זיינע מעכטיגע טריט וועלען איהם אין ערגעץ ניט פיהרען און זיין גוטע עצה וועט איהם פערראטען.

הויקערדיג וועט זיין זיין ערשטגעבוירענער און דער אומ־גליק לויערט ארום איהם.

פערצעהרט וועלען ווערען די גלידער פון זיין לייב, פער־צעהרען וועט זיינע גלידער דער ערשטגעבוירענער פון טויט.

פון אונטען וועלען זיינע וואָרצלען פערטריקענט ווערען, און פון אויבען וועט פערשניטען ווערען זיין געצווייג.

זיין געדעכטניש וועט אויסגעמעקט ווערען פון דער ערד און קיין נאָמען וועט ער ניט האָבען אויף גאָט׳ס וועלט.

און ערשטוינען וועלען די שפעטערדיגע פון זיין שווערען שיקזאל און א שוידער וועט אָננעמען די פריהערדיגע.

איוב, י״ח.

דער טריאומף־געזאנג פון די שלעכטע לעבט נור א ווייל‍ע און די פרייד זייערע וועט ניט דויערען.

ווי א חלום פערגעהט דער שלעכטער, ווי א זעהונג פון דער נאכט.

דער, וואס האָט איהם נור ווייט געזעהן, דערקענט איהם ניט און זיין אָרט וועט איהם מעהר ניט אָנבליקען.

דאָס, וואס ער האָט פערשלונגען, וועט ער אויסברעכען; פון זיינע געדערעם וועט עס אויסגעשטויסען ווערען.

ער גיט אָב צוריק דאָס, וואס ער האָט אָנגעזאמעלט, און מיט דעם, וואָס ער פערמאָגט, וועט ער זיך ניט אָנפרעסען.

דען ער האָט אונטערדיקט די אָרעמע און צוגענומען זייער גוטס אָהן נוצען.

ווייל ער האָט קיין רוה ניט געהאַט און אַלץ געגאַרט נאָך מעהר, וועט ער גאָרנישט רעטען פון זיין טייער האָב.

וועט ער זיך זאַט אָנעסען, וועט ער הונגעריג זיין און די האַנד פון יעדעם אומגליקליכען וועט איהם דערגרייכען.

ער וועט אַנטלויפען פונ׳ם אייזערנעם שווערד, וועט איהם אָניאָגען די פייל פון בויגען.

אַ פייער, וואָס קיינער האָט ניט אויפגעבלאָזען, וועט איהם פערצעהרען און צושטערט וועט ווערען יעדער, וועלכער איז גע־בליבען אין זיין געצעלט.

פערוואָגעלט ווערען וועט די פרוכט פון זיין הויז און אַלצ־דינג ווערט צורונען אינ׳ם טאָג פון דעם גרויסען צאָרן.

איוב, כ״א.

אייערע הענד זיינען בעפלעקט מיט בלוט און אייערע פינגער מיט זינד. אייערע ליפען זאָגען ליגען און אייער צונג דינט פאַלשקייט.

איהר שוואַנגערט מיט שלעכטיגקייט און געבירט אונרעכט. שלאַנגען־אייער בריהען זיי אוים און שפינוועבס איז זייער געוועב: דער, וואָס ריהרט זיך צו צו זיי, מוז שטאַרבען און פון דעם, וואָס ווערט צודריקט, קריכט אַרוים אַ גיפטיגע שלאַנג.

זייערע פים לויפען צו שלעכטיגקייט און זיי איילען זיך צו פערגיסען אונשולדיג בלוט. זייערע געדאַנקען זיינען גע־דאַנקען וועגען אומרעכט; פערוויסטונג און צושטערונג לויערט אויף זייערע שטעגען.

דעם וועג פון פריעדען האָבען זיי פערלאָזען און פון זייערע טריט בלייבט ניט קיין שפור פון גערעכטיגקייט.

און דעריבער האָפען מיר אויף ליכט און עס איז פינסטער, מיר טאַפען ווי בלינדע, אינמיטען טאָג ווערען מיר געשטרויכעלט, ווי ביי נאַכט און אין פינסטערניש זיינען מיר אַזוי ווי די טויטע.

איוב, נ״ט.

פון טיבעריוס גראַקכוס

אײנער פון די צװײ בעריהמטע ברידער — טריבונען, װאָס האָבען געקעמפפט געגען דער טיראַני פון דער רױמישער רעגיערונג.

אין פּלוטאַרכ'ס לעבענסבעשרײבונג פון טיבעריוס גראַקכוס געפינען מיר פאָלגענדען אױסצוג פון זײנער אַ רעדע:

„די װילדע חיות אין איטאַליען האָבען זײערע אײגענע הײלען, װאו זײ קענען געפינען אַ הײם און אַן אַברוה. אָבער די זעלנער, װאָס זײנען זיך מוסר נפש פאַר זײער פאַטערלאַנד, װאָס שטעלען פאַר איהם אײן זײער לעבען, זײ קענען נור געפי־נען די לופט אונטער דעם הימעל און דאָס ליכט פון דער זון.

און אָהן הײזער און הײמען זײנען דיעזע זעלנער געצװאונ־גען צו װאַנדערען פון פּלאַץ צו פּלאַץ און פערװאָגעלט צו װערען מיט זײערע פרױען און קינדער. ס'קומט אױס, אַז די קריעגס־פיהרער אונזערע האָבען אַ לעכערליכען טעות, װען זײ ערמונ־טערען די זעלנער צו קעמפּפען פאַר זײערע אַלטאַרען און קברים. װײל צװישען אַזױ פיעל רױמער־בירגער האָט קײנער ניט קײן אַלטאַרען, קײנער האָט ניט קײן מאָנומענטען אױף'ן בית־עולם, קײנער האָט ניט קײן דאַך אױף'ן קאָפּ און קײנער װײס ניט אפילו, װאו ס'ליעגען די בײנער פון זײערע עלטערן. װאָס זאָל זײ הײליג זײן? װעמען זאָלען זײ פערטהײדיגען? זײ קעמפּפען טאַקי און װערען דער'הרג'עט, אָבער דאָס איז נאָר אַ קרבן פאַר דעם לוקסוס און רײכקײט פון אַנדערע.

מען רופט דיעזע זעלנער די בעלי בתים פון דער װעלט, און זײ האָבען ניט אונטער זיך אַ שטיקעל ערד װאו צו שטעלען אַ פוס, אַ שטיקעל ערד, װאָס זײ זאָלען קענען דערױף זאָגען, אַז עס איז זײערס.

פאַרוואָס שטעהסטו פון דער ווייטענס, גאָט, און בעהאַלסט דיך אין א צייט פון נויט?
טהוט דאָך דער שלעכטער פערפאָלגען דעם אָרימען מענש און גרויסט זיך נאָך מיט דער בייזער לוסט פון זיין הארצען.
אין זיין הארצען טראַכט ער: ווער קען מיך ריהרען פון מיין פעסטען אָרט? גוט איז מיר איצט און אין אַלע צייטען.
זיין מויל איז פול פאַלשקייט און ליגען: אונטער זיין צונג בעהאַלט זיך אייטעלקייט און שלעכטקייט.
ער זיצט און לויערט אין די הויפען און אין בעהעלטענישען ווארגט ער דעם אונשולדיגען און זיין שלעכט אויג האָט זיך איינגעגעסען אין די אָרימע.
ער לויערט אין פערבאָרגענע ערטער, ווי דער לייב אין זיין הייל; ער לויערט, וויל כאַפּען דעם אָרימען מענש, ער כאַפּט דעם אָרימען אין זיין נעץ.
פאַרוואָס זאָל דער גאָטלאָזער לעסטערען דעם אויבערשטען און אין זיין הארצען זאָגען: דיך אַרט עס ניט.
תהלים י׳.

די נארען זאָגען אין זייער הארצען: וואו איז גאָט? זיי זיינען פערדאָרבען און טהוען אומווירדיגקייטען און קיינער פון זיי טהוט ניט רעכטס.
אַלע זיינען אוועקגעגאַנגען פון׳ם אמת׳ען וועג, אַלע און יעדער — פערשימעלט און קיינער וויל ניט טהון גוטס, קיין איינער נישט.
זיי פרעסען מיין פאָלק, ווי ברויט, און צו גאָט ווענדט זיך ניט זייער הארץ.
אָבער זיי וועלען דערציטערט ווערען אין גרויס שרעק, ווייל גאָט איז מיט די גערעכטע.
תהלים י״ד.

שאבלאנען־מענשען, וועלכע רעכנען אוים יעדען שריט זייערען, ווייסען שטענדיג וואוהין זיי געהען; זיי פערלירען זיך קיינמאל ניט. אזעלכע נאטורען האבען ערפאלג, זיי גיט זיך איין דאס, וואס זיי בעגעהרען, ווייל האט א מענש בעשטימט צו זיין ניט א פערזענליכקייט, נאר א מיטגליד פון פארלאמענט, א טיכטיגער קרעמער, א פאפולערער אדוואקאט, א ריכטער, מוז ער דערגרייכען זיין ציל.

אזוי ווערט ער בעשטראפט.

ווער עם וויל זיך מאסקירען, מוז שטענדיג זיין פערמאס־קירט.
א. אואיילד.

די געזעלשאפט בענוגענט זיך ניט דערמיט, וואס זי פער־שפארט א מענשען אין א געפענגניש. זי לאזט איהם ניט צור־רוה אויך שפעטער, ווען ער געהט ארוים אויף דער פריי. זיי נעמען זיך דאס רעכט צו בעשטראפען שווער און גרויזאם דעם פערברעכער; אבער איז ער איבערגעקומען די שטראף, ווילען איהם די אנשטענדיגע, רעספעקטאבלע מענשען ניט קענען: זיי אנטלויפען פון איהם. מען וואלט געקענט מיינען, אז די געזעל־שאפט קען ניט קוקען גלייך אין די אויגען איהרע אפפער; זי מיידט זיי אוים, אזוי ווי יענע, וואס האבען ניט מיט וואס צו צאהלען, אנטלויפען פון זייערע קרעדיטארען, אדער ווי מען אנטלויפט פון איינעם, וועלכען מען האט געטהון א גרוים, שרעק־ליך אומרעכט ניט־צום־אויסצוקויפען.

ארויסגעהענדיג פון געפענגניש, איז דער ארימער מענש נאך ניט פטור זיינע צרות; ער אליין אין זיין הארצען טראגט די שאנד, און די ארומיגע זיינען שלעכט און הארט. אזוי פער־קריכען זיי, ווי פערגיפטעטע מייז, ערגעץ אין א ווינקעל און געהען אוים פון פערצווייפלונג.
א. אואיילד.

בערטראַן באַרער

.1755—1841

בעריהמטער רעוואָלוציאָנער, אָנגעזעהענער מיטגליעד פון קאָנוועגט, איינפלוסרייכער מיטגליעד פון קאָמיטעט פון געזעלשאַפטליכע רעטונג. פון אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען בעת דעם פראָצעס פון לואיס דעם זעכצעהנטען אין נאַציאָנאַלען קאָנוועגט.

דאָס געזעץ פון אונבעריהרליכקייט געהערט צו די פעלקער, אָבער ניט צו די געקרוינטע. דאָס איז אַ שוטץ־שילד פאַר דער נאַציאָן, אָבער ניט קיין מערדערישע שווערד אין די הענד פון אַ טיראַן.

די אונבעריהרליכקייט פון די קעניגע הייסט ניט, אַז זיי זיינען אבסאָלוט אונבעשטראָפבאַר פאַר אַלע פערברעכענס. דאָס הייסט ניט, אַז זיי קענען עובר זיין אויף אַלע זייערע שבועות.

דיעזע אונבעריהרליכקייט פון די געקרוינטע איז ניט קיין מזבח, וואָס איז אוועקגעשטעלט פאַר אונבעוואוסטע געטער אין ווייטע הימלען.

דיעזע אונבעריהרבאַרקייט הייסט ניט, אַז פעלקער דאַרפען מיט הכנעה און התלהבות זיך בוקען פאַר די געצען און קרוינען.

אונזער נאַציאָנאַלער קאָנוועגט דאַרף קלאָר מאַכען אַלע נאַציאָנען פון דער וועלט דיעזען פּאָליטישען אַני מאַמין און זיי געבען פערשטעהען, אַז די אַכטונג צו אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע איז ניט ווייניגער און ניט מעהר ווי די ענטשולדיגונג פון אַן אונבעשטראָפטער טיראַניי.

און אויב אַזעלכע ווי מאַרקוס אורעליוס וואָלטען געקענט רעכטפערטיגען דעם פּרינציפּ פון אונבעריהרליכקייט, וואָלטען אַזעלכע ווי נעראָ עס מיט שאַנדע בעדעקט.

דער שלעכטער ציטערט אַלע טעג פון זיין לעבען און פער־שניטען זיינען די יאָהרען פון'ם אונטערדריקער.

זיינע אויערען פערנעהמען נור שרעקען און אין דער פרי־דענס־צייט וועלען גזלנים לויערען אויף איהם.

ער גלויבט ניט, אַז ער וועט פון דער פינסטערניש ארויס־רייסען זיך, אויף איהם קוקט ארויס דער שווערד.

ער וואַנדערט ארום זוכענדיג ברויט און צום האַנד איז איהם דער טאָג פון פינסטערניש.

איהם שרעקען אנגסט און נויט, זיי פאַלען אָן אויף איהם, ווי דער קעניג, וואָס איז גרייט צו דער שלאַכט.

ער וועט ניט בלייבען רייך, זיין פערמעגען וועט קיין בע־שטאַנד ניט האָבען און זיינע רייכקייטען וועלען ניט זיין איינ־געוואָרצעלט אין דער ערד.

די פינסטערניש וועט ניט אָבלאָזען איהם, אויסטריקענען וועט א פלאַם־פייער זיין געצווייג און פערשווינדען וועט ער פונ'ם הויך פון גאָט'ס לעפצען.

זאָל ער זיך, דער גענאַרטער, ניט פערלאָזען אויף אייטעל־קייט, ווייל אייטעל איז דער לוין זיינער.

פערשניטען ווערען וועט ער פאר זיין צייט און די צווייגען זיינע וועלען ניט אויפגרינען.

ארונטערגעריסען וועט ער ווערען ווי א ניט־צייטיגע טרויב פון׳ם וויינשטאָק און ווי א אוילבירטען־צווייג וועט ער אראָב־ווארפען זיין בליהונג.

וויל פעראיינזאמט וועט זיין דאָס געזעמעל פון די פאל־שע און א פייער וועט אויפפרעסען די געצעלטען פון יענע, וואָס נעמען אָן געשאַנקען.

זיי זיינען טראָגעדיג מיט אומגליק און געבירען אומגע־רעכטיגקייט און זייערע אינגעווייִדען גרייטען צו פאלשקייט.

איוב, ט״ו.

די צרות פון די אָבנאַרער אין גיהנום

פון אים באַנג

.1640—1702

קאָרעאישער פאָעט.

אויף דיזער אבטיילונג פון גיהנום איז געווען אָנ־געשריבען: „אָבנארער“.

איך האָב דאָרטען געזעהען מאַסען מענ־שען און ארום זיי האָבען מענשען־פרעסענדע ריזען געשניטען זייער פלייש און עס געגעבען די אויסגעהונגערטע שדים. יענע האָבען געגעסען און געגעסען און די ריזען האָבען אלץ געשניטען און געשניטען, ביז עס זיינען הוילע ביינער געבליבען. אז עס האָבען אָנגעהויבען בלאָזען די ווינדען פון גיהנום, האָט דאָס פלייש צוריק בעדעקט דעם אָבגעגעסענעם סקעלעט; דאַן האָ־בען אייזערנע שלאַנגען און קופערנע הינט זיך פערזאמעלט ארום צו בייסען זייער פלייש און צו טרינקען זייער בלוט. זייערע

וועה־געשרייען האבען צוטרייסעלט די ערד... „ווען די דאזיגע בעל עבירה'ניקעס, זיינען געווען אויף דער ערד", האבען מיר געזאגט מיינע וועג־ווייזער, „האבען זיי דעם אויבען אן, די בעסטע פלעצער פערנומען אין לעבען.

און ווערענד מענשען האבען זיי געהאלטען פאר גאטס־פארכטיגע צדיקים, פלעגען זיי שטילערהייט נעהמען לאפקע־געלט און אבטהאן די ערגסטע זאכען. אלס מיניסטארען פון דער רעגירונג, פלעגען זיי איינשלינגען דעם בעסטען ביסען פון לאנד און אויסזויגען דאס בלוט פון פאלק. און דאך האבען זיי זיך אויף יעדען שריט און טריט ארויסגעשטעלט אלס די בעלי טובות, אלס די בעסטע מענשענפריינד. אין דער צייט ווען זיי האבען געלעבט ווי גנבים, האבען זיי נאך טענות געהאט און פרעטענדירט אויף דעם טיטול פון היילינגע גלייך צו קאנ־פוציוס און מענציוס. זיי זיינען געווען די רויבערס און די אבנארערס פון דער וועלט — און זיינען דערפאר בעשטראפט געווארען.

איהר שטויסט א מענשען אין א גרוב אריין און דערנאך רעדט איהר איהם איין, אז ער דארף זיין צופרידען, וואס ער ליעגט אין דער גרוב, און וועלכער עס האט איהם ארייגגע־ווארפען די געטליכע השגחה. אזוי רעדען היינטיגע קריסטען. זיי פערענטפערען זיך: מיר זיינען ניט די שולדיגע, גאט'ס ווילען. אבער אין אמת'ן זיינען זיי אלע די שולדיגע. מיר מוזען ענדליך ווערען אויף אזוי פיעל אנגעזעטיגט מיט'ן קריסט־ליכען גייסט, אז מיר זאלען פערשטעהן די ריכטיגקייט פונ'ם מחמדאנישען ווארט, אז „איין שעה גערעכטיגקייט איז מעהר ווערט פון זיבעציג יאהר תפלות".

דזש. ראסקין.

בערטראַן ראַסעל צו פּרעזידענט ווילסאָן

בערטראַן ראַסעל איז אַ בעוואוסטער ענגלישער געלערנטער, און ער שטאַמט פון איינער פון די אַריסטאָקראַטישסטע הייזער פון ענגלאַנד. אין דעצעמבער 1916 האָט ער געשריבען צום פּרעזידענט ווילסאָן דעם בריעף, פון וועלכען מיר ברייגנען דאָ איניגע אויסציגע, און וועלכען ער האָט געשיקט צום פּרעזידענט דורך אַ ספּעציעלען שליח.

„הערר!

איהר האָט אַ מעגליכקייט אויפצוטהאָן פאַר דער מענשהייט אַן אויסערגעוועהנליך גרויסע זאַך.

... עס איז אין אייער קראַפט צו פאַרענדיגען די מלחמה מיט אַ גערעכטען פרידען, וואָס וועט טהאָן אַלעס מעגליכעס צו פערמיידען די שרעק פון נייע מלחמות אין דער נאָהענטער צוקונפט. עס איז איצט נאָך ניט שפּעט צו ראַטעווען די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציאָן פון פערניכטונג, אָבער אויב עס וועט זיך אויסלאָזען אזוי ווי אונזערע מיליטאַריסטען ווילען עס, און די מלחמה זאָל אָנהאַלטען נאָך אַ צוויי־דריי יאָהר, וועט אפשר זיין צו שפּעט.

דעם שאָדען, וואָס די מלחמה האָט שוין געבראַכט ביז אַהער, איז ניט צו מעסטען. ניט נאָר זיינען פערלאָרען געגאַנגען מיליאָנען ווערטהפולע לעבענס; ניט נאָר זיינען נאָך פיעל מעהר מיליאָנען פערוואונדעט אָדער קראַנק געוואָרען, — נאָר אַלע אָנגענומענע בעגריפען פון אונזער ציוויליזאַציאָן זיינען פערביליגט געוואָרען. דער קדש קדשים פון דעם מענשען׳ס האַרץ איז דורכגעדרונגען געוואָרען מיט שרעק, און מיט איהר איז געקומען איהר שטענדיגע בעגלייטערין — אַכזריות. האָס איז געוואָרען דאָס געזעץ פון לעבען, און מענשען ווילען מעהר טהאָן שאָדען דעם צווייטען, ווי העלפען זיך אַליין. די האָפנונג פון

פרידליכען פארטשריט איז טויט און קען ניט אויפגעלעבט ווערען צוריק. טעראר און ווילדקייט זיינען די לופט וואס מיר אטהע־מען. די פרייהייטען וואס אונזערע אור־עלטערען האבען גע־וואונען אין משך פון הונדערטער יאהרען, זיינען אין איין טאג אומגעבראכט געווארען, און אלע נאציאנען זיינען בעוואפענט פאר דעם איינציגען צוועק פון געגענזייטיגער פערניכטונג.

און דאס אלעס איז נאך גארנישט אין פערגלייך מיט דעם, וואס עס וועט זיין, אויב די מלחמה וועט אנהאלטען ווייטער. וואס גרעסער עס וואקסט דער אומגליק און וואס מעהר דער דורכשניטליכער מענש ווערט אונצופרידען, אלץ גרויזאמער ווע־רען די מיטלען פון אונטערדריקונג. די סאלדאטען, וועלכע זיי־נען פערוואונדעט אדער אויף אורלויב, האסען די טראנשעען און לעבצען נאך פריעדען. אונזערע מיליטאריסטען האבען די סאלדאטען ניט געגעבען קיין שטימע ביי די וואהלען; דאך ווערט אומעטום געמאכט א פרואוו איינצושמועסען די ציווילע בעפעלקערונג, אז נור די סאלדאטען פון פיינד זיינען מיעד פון קריעג. צוקוקען פון טאג צו טאג, ווי יונגע לעבענס ווערען צושטערט איז צו גרויזאם, אז מען זאל עס קענען אריבערטרא־גען, דאך זאגט מען, אז יעדעס ווארט פון פריעדען איז א פער־ראטה צו די סאלדאטען, כאטש זיי ווילען פריעדען נאך מעהר פון אלעמען. די פריינד פון פריעדען ווערען אומעטום בעגע־גענט מיט דעם טייפלישען ארגומענט, אז די בראווע מענשען, וואס זיינען געשטארבען, מוזען ניט האבען פארגאסען זייער בלוט אומזיסט. אזוי ווערט יעדעס געפיהל פון רחמנות צו די נאך לעבעדיגע סאלדאטען אויסגעטריקענט און אויסגעוועבט דורך א פאלשע און אונפרוכטבארע טרייהייט צו די וואס מען קען שוין ניט העלפען. עס איז דא אן אמת׳ע געפאהר, אז אויב עס וועט גארניט געטהאן ווערען אבצושטעלען די שרעק און די ליידענשאפט פון נאציאנען, וועט די אייראפעאישע ציוויליזא־ציאן אין גיכען אזוי פערניכטעט ווערען, ווי די רוימישע ציוויליזאציאן איז פערניכטעט געווארען פון די בארבארען.

... עמיצער קען פרעגן, מיט וואָס פאַר א רעכט איך שרייב אייך אָט דעם בריעף. איך האָב ניט קיין אָפיציעלען טיטול. איך בין ניט קיין טהייל פון דער רעגיערונגס־מאַשינערי. איך רעד נאָר, ווייל איך מוז, ווייל אנדערע, וואָס האָבען געדאַרפט געדענקען ציוויליזאַציאָן און מענשליכע ברידערליכקייט זיינען פערטראָגען געוואָרען פון דעם שטראָם פון נאַציאָנאַלער ליידענשאַפט; ווייל איך בין געצוואונגען דורך זייער פערראַטה צו ריידען אין דעם נאָמען פון פערשטאַנד און רחמנות, אום מען זאָל ניט דענקען, אז אין גאַנץ אייראָפּאַ איז ניט פערבליבען אפילו איינער, וועלכער געדענקט די אַרבייט, וואָס אייראָפּאַ האָט געטהאָן און דאַרף נאָך טהאָן פאַר דער מענשהייט.

... איבער אַלעם, זעה איך אז קיין איין פראַגע פון קריעג איז ניט אזוי וויכטיג ווי פריעדען; אז דער שאַדען וואָס פריע־דען קען אונז ברענגען ווען ער זאָל אונז ניט איינגאַנצען צופריע־דענשטעלען, איז גאָרנישט אין פערגלייך מיט דעם שאַדען, וואָס עס וועט ברענגען די פאָרטזעצונג פון דער מלחמה. אין דער צייט וואָס די מאַכט־האָבענדע פון אייראָפּאַ רעדען וועגען די אינטערעסען פון די בעזונדערע פעלקער, וועגען די אינטערעסען, וועלכע זיי פאַרשטעהען דערצו פאַלש, בין איך געצוואונגען, דורך א טיעפער איבערצייגונג, צו ריידען פאַר אַלע נאַציאָנען אין דעם נאָמען פון גאַנץ אייראָפּאַ. אין דעם נאָמען פון איירא־פּאַ ווענד איך זיך צו אייך: טהוט אַלעס צו ברענגען אונז פריעדען.

אומעטום זעה איך א קאָנספּיראַציאָן פון רייכע מענשען, וואָס מיינען זייער אייגענע טובה און רעדען אַלץ וועגען אַלגע־מיינע אינטערעסען. טאָמאַס מור.

ווען עס זאל ווירקליך אמת זיין, אז פערשקלאפטע נעגרען נעהען זיך שלאגען אויף דעם זייט פון זייערע שונאים, וועלכע ווילען זיי פערשקלאפען, וואלט דאס געווען דער שטארקסטער פון אלע ארגומענטען, וואס איך האב ווען עס איז געהערט פונ׳ם מויל פון די פערטיידיגער פון שקלאפעריי. מעגליך, אז א מענש דארף זיין א שקלאף, אויב ער איז אזוי ליידענ־שאפטליך פערליעבט אין שקלאפעריי, אז ער איז גרייט צו פערגיסען זיין בלוט אינ׳ם נאמען פון זיין פערשקלאפער.

איך האב שטענדיג געגלויבט, אז אלע מענשען דארפען זיין פריי, אבער זיכער איז, אז אויב אנדערע מענשען דארפען זיין פערשקלאפט, זאלען שקלאפען זיין און בלייבען פריהער פאר אלעמען יענע, וואס זיינען גרייט צו בלייבען שקלאפען אליין און דערנאך אלע יענע, וואס שטרעבען נאך פערשקלאפונג פון אנדערע. איך מוז זיך מודה זיין, אז יעדעס מאל, ווען איך הער אימעצען פערטיידיגענדיג שקלאפעריי, האב איך א שטאר־קען חשק צו זעהן איהם אליין אינ׳ם שקלאפישען יאך.

לינקאלן.

פון קאַרלייל.

אַה, איהר זאָטע, וואָס שפּרינגט אַרום אין די רייכע פּערד־און־וואָגענס, וואָס זיינען פון דרויסען פּערצויגען מיט לאַקירטע לעדער און פון אינוועניג אויסגעבעטט מיט אייערע געשעפטליכע, פּאַרלאַמענטאַרישע, פינאַנציעלע און געריכטליכע קונצען, מיט דער חכמה פון אייערע קאַבינעטען און פּאַרלאַמענטאַרישע מאַיאָריטעטען, ווייסט איהר, וואוהין עס טראָגט אייך דער צייט־שטראָם? אַלעס האָט און מוז האָבען אַ גוטען סוף, ווייל נאָהענט איז די צייט, ווען דער ביטערער מענשליכער עלענד וועט אייך מעהר ניט קענען טראָגען, און דער וועלטאַל אליין וועט פּערלירען זיין געדולד, ווען אַלע וועגען צום אַנטלויפען וועלען אייך זיין אָבגעשניטען און ברייט וועט צועפענען זיין מויל דער אָבגרונד. איהר מיינט, אז מענשען און פעלקער פּערשווינדען אין די ווילד־שוימענדע וועלען פון גאָט׳ס וועלט אָהן אַ שפּור און קיינער נעהמט ניט קיין נקמה און מאָנט ניט זייערע רעכט און אַ נאַרישער, לעדיגער קלאַנג איז גערעכטיגקייט.

אַזוי רעדען קענען נור מענשען אָהן פּערשטאַנד, אָבער דער אמת׳ער חכם האָט שטענדיג און אין אַלע צייטען געלאַכט פון די נאַרישע רייד פון די מענשען אָהן פּערשטאַנד און זיי צונישט געמאַכט. אין דער וועלט איז העכער פון אַלעמען גערעכטיגקייט און זי, נור זי, רעגיערט די וועלט.

שווער איז די רייכע מענשען אריינצוגעהן אין גאָט׳ס קעניגרייך: וואָהרהאַפטיג, ס׳איז לייכטער אַ קעמעל דורכצוקריכען דורכ׳ן אויער פון אַ נאָדעל, ווי דעם רייכען אריינצוקומען אין גאָט׳ס קעניגרייך.

אַפּאָסטאָל לוקאַס.

נו, און אז מיר גנב'ענען ניט געלד און אזוי פיעל, און אזוי פיעל אקער ערד, נור נארען יענעם און בעהאלטען פון איהם דעם אמת, איז דאס ניט די זעלבע גנבה? איז דאס ניט א גזלה, דאס מיר ווילען האנדלענדיג, קויפענדיג און פערקויפענדיג, שטענדיג בעצאהלען ווענינער, ווי עס קומט, און אויסדינגען אזוי, עס זאל זיך אונז וואס בעסער לוינען? איז דאס ניט ווילדקייט, אומגערעכטיגקייט?

דערצעהלט מיר ניט, אז דאס איז קיין זינד ניט, ווייל איהר האט ניט צוגענומען ניט יענעמס הויז, און ניט יענעמס שקלאפען, ווייל גערעכטיגקייט ווענדעט זיך ניט אן דער ווערט פון דער גזלה, נור אן דעם כונה פון'ם מענש. און אין מיינע אויגען איז א גנב סיי דער, וואס שניידט אב דעם בייטעל און נעמט זיך צו פרעמדע געלד, סיי דער, וואס קויפענדיג עפעס אין מארק, פערלייקענט דעם ריכטיגען פרייז. און א גזלן איז ניט נור יענער, וואס ברעכט איין א מויער און גנב'עט פון הויז ארויס, נור אויך יענער, וואס צוברעכט די געבאטען פון גערעכטיגקייט און בעגזלט א מענשען.

יאהאן כריסאסטאם.

אמאָל פאַלט איין קעניג אָן אויף דעם אַנדערען נור דער־פאַר, וואָס ער האָט מורא, אַז יענער זאָל אויף איהם ניט אָנ־פאַלען. עס טרעפט זיך, אַז אַ לאַנד געהט אין מלחמה דערפאַר, וואָס דער שונא איז צו שטאַרק, און אמאָל נור דערפאַר, וואָס יענער איז צו שוואַך; אָפט ווילען אונזערע שכנים האָבען דאָס, וואָס מיר האָבען, אָדער פערקוקען זיך אויף זייערס, דערביי מיינענדיג, אַז דאָס פעהלט אונז און מיר מוזען עס קריגען. אַזוי הויבט זיך אָן אַ בלוטיגע מלחמה און ציהט זיך, אויפ־פרעסענדיג דיביידע צדדים, ביז זיי פערכאַפּען דאָס, וואָס זיי דאַרפען האָבען, אָדער גיבען אונז אָב דאָס, וואָס מ׳ר דאַרפען.

יאָנאַטהאַן סוויפט.

אונזער געזעלשאַפט איז אַזוי איינגעאָרנעט, אַז טויזענד מענשען, אַרבייטענדיג צוזאַמען, קענען אויסאַרבייטען אונענד־ליך מעהר פון דעם, וואָס די זעלבע טויזענד מענשען וועלען אויסאַרבייטען, טהוענדיג יעדער זיין אַרבייט פאַר זיך בעזונ־דער. דאָס בעווייזט אָבער נישט, אַז ניין הונדערט ניין־און־נײַנציג מענשען זאָלען מוזען זיין פערשקלאַפט פון איינעם. דאָס איז אַבסאָלוט ניט נויטיג — און ניט גערעכט.

הענרי דזשאָרדזש.

עס איז אַלץ איינס, צי וועט איהר בעזעצען הונדערט מענ־שען אויף אַן אינזעל, און מאַכען איינעם פון זיי פאַר אַ האַר איבער אַלע איבעריגע, פערשקלאַפּענדיג זיי, אָדער איהר וועט אָבגעבען דעם מענשען די גאַנצע ערד און זאָגען: טהו מיט איהר, וואָס דו ווילסט; ס׳איז דיינס.

הענרי דזשאָרדזש.

וואס איז דער אונטערשיעד צווישען א סאלדאט און א נעגער א שקלאף? איך האב בעצאהלט געלד פאר'ן נעגער, ער איז מיינער, מיין אייגענטום; ער מוז ארבייטען, ווי א פערד, איך שלאג איהם, ווען ער פאלגט מיך ניט, גיב איהם צוריסענע קליידער צו פערדעקען דאס לייב און שלעכטע געריכטען צו שטילען זיין הונגער.

נו, און דער סאלדאט, מיינט איהר, איז בעסער? דער איינציגער אונטערשיעד איז דער, וואס א סאלדאט קאסט פיעל ווענינגער פון א שווארצען. ער איז ניט ווענינגער פערשקלאפט פונ'ם שווארצען, קען ניט אוועקגעהן פונ'ם ארט, ווי יענער, ווערט געשלאגען פאר יעדער קלייניגקייט, קריגט בעצאהלט כמעט גארנישט. נאך אלעמען איז דעם שווארצען דאך בעסער, ווי דעם שקלאף פון דיסציפלין: יענער פערברענגט זיך רוהיג זיינע טעג מיט זיין ווייב און קינדער, און דער סאלדאט איז אין שטענדיגער געפאהר און ניט זיכער מיט זיין לעבען.

אנאטאל פראנס.

צו די ארמעען און מלחמות מוז נעהמען א סוף. עס איז ניט אמת, אז א מלחמה איז א הייליגע זאך; אפילו די מלחמה געגען א פרעמדען פאלק, וואס האט זיך אריינגעריסען צו אונז אין לאנד, איז אויך ניט געהייליגט.

די מענשען, וואס זאגען, אז די ערד דורשט נאך בלוט, זאגען א ליגען. מלחמה איז פערשאלטען פון גאט; זי איז פערשאלטען אפילו פון יענע, וואס געהען אין מלחמה — מיט א געהיימניספולען שרעק פילט זי אן זייערע הערצער. ניין, ניט נאך בלוט בענקט די מוטער־ערד, נור נאך די וואסערען פון די שטילע טייכען און דעם אומשולדיגען טוי פון די הימלישע וואלקענס.

א. דע וויני.

מיר מוזען זיך מודה זיין, אז דיענענדיג דעם גאָלדענעם קאַלב זיינען מיר היינטיגע צייטען דערגאַנגען צו קאָמישע סי־טואַציאָנען. מיר רעדען זיך און אנדערע איין, אז מיר לעבען כלומרש'ט אין אַן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, און דאָך פּרע־דיגען מיר אָבגעזונדערטקייט און צוריסענקייט: מיר זיינען איינער פונ'ם אַנדערען אָבגעריסען, אונזער לעבען איז ניט א צוזאַמענלעבען, נור אַן אייביגע מלחמה, אַן אָפענע און פערבע־האַלטענע.

מיר האָבען, ווייזט אויס, אינגאַנצען פערגעסען, אז ניט אַלע מענשליכע בעציהונגען זיינען געלד־בעציהונגען. „וואָס אַרען מיך די ארבייטער, וואָס געהען אויס פון הונגער? — זאָגט דער רייכער פאַבריקאַנט. — האָב איך זיי דען ניט גע־דונגען אויפ'ן מאַרק און עהרליך בעצאָהלט זיי, וואָס עס קומט זיי לויט'ן אָבריידי. וואָס פאַר א פליכטען האָב איך צו זיי?"

יאָ, די פערגעטערונג פון'ם גאָלדענעם קאַלב, פון מאַמאָן איז א זעהר טרויעריגער געצענדיענסט. ווען קין האָט געטויטעט זיין ברודער הבל פון זיין אייגענער טובה וועגען, און מען האָט איהם געפרעגט: „וואו איז דיין ברודער?" האָט ער אויך אזוי געענטפערט: „בין איך דען מיין ברודער'ס היטער? האָב איך דען ביט געגעבען מיין ברודער אַלץ, וואָס ער האָט פערדיענט?"

קאַרלייל.

אונזער קונסט, וואָס שטרעבט צו אַמוזירען די רייכע קלאַ־סען, איז ניט נור עהנליך צו פּראָסטיטוציאָן; זי איז פּראָסטי־טוציאָן.

ל. טאָלסטאָי.

אַ איהר, רייכע, וויינט און קלאָגט אויפ'ן בראָך וואָס וועט קומען אויף אייך.

אייער רייכקייט איז פערפוילט, אייערע קליידער — פון שימעל אויפגעפרעסען, אייער גאָלד און זילבער איז פערראָס־טעט געוואָרען און דער ראָסט זאָגט עדות געגען אייך און וועט אייער פלייש אויפצעהרען, ווי דער פלאַמיגער פייער.

זעהט, דער לוין פון די ארבייטער, וועלכע האָבען די תבואות פון אייערע פעלדער געשניטען, וואָס איהר האָט זיי ניט בעצאָהלט, שרייט צו גאָט און דערהערט האָט דער גאָט פון הערשאפטען זייערע געשרייען.

איהר האָט זיך וואויל געטהאָן און אייערע בעגעהרען נאָכגע־געבען, אייערע הערצער האָט איהר געפיטערט און דעם צדיק געלעסטערט, דעריבער וועט זיין צאָרן אויף אייך זיך אויס־גיסען.

אפאָסטאָל יעקב.

געפאַנגענע זיינען מיר...

פון י. ראָלניק.

געפאַנגענע זיינען מיר אַלע
און זיצען אין איינצעלנע צעלען;
מיר קענען ניט אונזערע שכנים —
די נארישע ווענד, זיי פערשטעלען.

און יעדערער שלאָגט זיך בעזונדער
דעם קאָפּ אָן דער וואַנד פון זיין תפיסה,
ווען טויזענדער נאָהענטע כאָרכלען
אין לעצטע מינוטען פון גסיסה.

פון פירשט נעקלודאָוו'ס טאָג־בוך

פון ל. טאָלסטאָי.

אידיש פון פּ. הירשביין.

8טען יולי. — נעכטען פאַרנאַכט בין איך געקומען קיין לוצערן און האָב זיך אָבגעשטעלט אין דעם שענסטען היגען האָטעל שווייצערהאָף. ווען איך בין אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין צימער אַריין און געעפענט דאָס פענסטער, וואָס קוקט אַרויס אויף די רוהיגע וואַסערען פון דעם וואונדערבאַרען פירוואַלד־שטעטער זעע, בין איך געוואָרען צוטומעלט פון דער אַרומיגער שענקייט. מיין נשמה איז געוואָרען אומרוהיג און איבערפילט.

אַ גאַנצען טאָג האָט גערעגענט. אָבענדצייט האָט זיך אויסגעלייטערט; אונבעוועגליך איז געווען דער זעע און רוהיג — זיינע בלאָהע וואַסערען, וועלכע זיינען געלעגען אויסגעשפרייט פאַר מיינע פענסטער.

ארום האלב אַכט האָט מען מיך גערופען צום מיטאָג. אַ פראַכטפאָל־אויסגעפוצטער זאַל; געסט קלייבען זיך, עס הערט זיך אַ גערויש פון פרויען־קליידער, לייכטע טריט, דער און יענער זאָגט עפּעס שטיל דעם עלעגאַנטען קעלנער. מענער און דאַמען, רייך געקליידטע, צוזעצען זיך, עס הערשט אַ פייערליכע שטילקייט, איינער קוקט ניט אויפ'ן אַנדערען, לאָזט זיך ניט אַריין אין אַ געשפּרעך, פון אַלע זייטען בלאַנקען ווייסע שפּיצען, ווייסע קראַגען, ווייסע צייהנער, נאַטירליכע אָדער אַריינגעשטעלטע, זויבער־ווייסע הענד און קלאָר־ווייסע געזיכטער. אויף די געזיכטער איז אויסגעגאָסען בלויז אַ צופרידענקייט מיט זיך און אַן אַבסאָלוטע גלייכגילטיגקייט צו די אַרומיגע.

רעדט אימיצער, איז דאָס געוויס וועגען דעם וועטער אָדער דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט געקלעטערט אויפ'ן באַרג ריגי. קוים־קוים וואָס איהר הערט דאָס קלאַפּען פון מעסער און גאָ־

פֿעל; אַלע עסען שטיל, צו קליינע ביסעלעך, אַרבעסלעך און גרינס נעמט מען מיט׳ן גאָפּעל אונבעדינגט; די קעלנער פֿרעגען שטיל, וואָס פֿאַר אַ וויין זיי זאָלען דערלאַנגען.

מיר איז געוואָרען אומעטיג, ווי שטענדיג ביי אַזוינע מיטאָגען. אַ שוואַר־געשטימטער האָב איך זיך אויפֿגעהויבען פֿון טיש און געלאָזט זיך געהן איבער׳ן שטאָדט. שמאָלע, שמוציגע, ניט בעלייכטעטע גאַסען, אָרימע קרעמלעך, בעגעגענישען מיט שכור׳ע אַרבייטער און פֿרויען, וואָס געהען נאָך וואַסער — דאָס אַלץ האָט ניט ערלייכטערט מיין שווער געמיט; פֿאַרקעהרט, מיר איז פֿון דעם אַלעמען נאָך שווערער אויפֿ׳ן האַרצען געוואָרען, איך האָב זיך געלאָזט געהן אהיים, פֿיהלענדיג זיך אַזוי שווער און אַזוי עלענד.

פּלוצלינג האָבען מיך איבערראַשט קלאַנגען פֿון עפּעס אַ אונגעוועהנליכער, און דאָך אָנגענעהמער און ליעבער מוזיק. מיר איז פּלוצלונג אַזוי גרינג און פֿרעהליך געוואָרען. איך האָב אין איין אויגענבליק דערזעהן דעם פּערוואָלקענטען הימעל, גראָהע וואָלקענס, אָן אויפֿגעהענדע לבנה, די טונקעל־גרינע וואַסערען, די אין פֿינסטערניש געהילטע בערג; אַנטקעגען מיר איז געגאַנגען אין אַ האַלב־קרייז אַ עולם מענשען, אַביסעל ווייטער — אַ קליין מענשעלע אין שוואַרצען געקליידט.

איך בין נאָהענטער צוגעגאַנגען און די קלאַנגען זיינען קלאָרער געוואָרען; אין דער אָבענד־לופֿט האָבען זיך געוויגט אַקאָרדען פֿון אַ גיטאַר און עטליכע מענשען־שטימען; עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט קומען די שטימען פֿון דערווייטענס און אָט פֿון נאָהענט, דאָ הערט זיך אַ טענאָר און דאָרט אַ באַס, און פּלוצלונג געהען די קלאַנגען אַרוים פֿון האַלז, גיסען זיך איבער איינע אין די אַנדערע. איך האָב נישט פֿערשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס, נור געפֿיהלט האָב איך, אַז עס איז אונענדליך שעהן.

די שטילע, רייצענדע גיטאַרען־אַקאָרדען, די לייכטע, זיסע מעלאָדיע און די עלענדע פֿיגור פֿון דעם קליינעם מענשעלע,

וואָס האָט זיך צוזונגען אין דעם דאָזיגען פאַנטאַסטישען ווינקעל, אין'ם שיין פון דער לבנה, אויפ'ן ברעג פון'ם טונקלעם זעע — דאָס אַלץ איז געווען אונערוואַרטעט, אונגעוועגליך און פּלוצלונג האָב איך דערפיהלט, אַז מיין הארץ ווערט איבערגעגאָסען מיט האָפנונג, עס ווילט זיך עמיצען ליעב האָבען און אָהן אַ יעדען זין און פאַרוואָס פרעהען זיך מיט'ן לעבען.

איך בין גאָר נאָהענט צוגעגאַנגען; דאָס קליינע מענשעלע איז געווען אַ טיראָלער זינגער, ער איז געשטאַנען נעבען די פענסטער פון'ם האָטעל, מיט אַן ארויסגערוקטען פוס, אַ פעררייסענעם קאָפּ, און געצימבעלט אויף דער גיטאַר, אויסזינגענדיג דאַביי אַ גראַציעז לידעל. אָנגעטהון איז דער זינגער געווען אין אַן אַלטען שווארצען ראָק, ער האָט געהאַט שווארצע האָר, אַביסעל צונעשאָרענע, און געטראָגען אַן איינפאַך אַלט בעל־הבית'יש היטעל. אין די פענסטער, ביי'ם טויער, אויף די באַלקאָנען פון'ם העל בעלויכטענעם האָטעל זיינען געשטאַנען רייך אויסגעפוצטע, פּריצ'ישע דאַמען, העררען אין שנעע־ווייסע קראַגנס, אַ שווייצאַר און אַ דינער מיט גאָלד־גענעהטע ליוורעען. אויף דער גאַס, צווישען דעם געדיכטען עולם און אביסעל ווייטער אין'ם שאָטען פון די לינדענבוימער האָט מען געקענט זעהן קעלנער און קאָכער אין זייערע בלאַנק־ווייסע מיצלעך און רעקלעך, מיידלעך געאָרימטע און אזוי גלאַט פאַרבייגעהער.

אַלץ ארום האָט שטיל געשוויגען, נור ווען דאָס ליעד האָט זיך איבערגעריסען, האָט זיך ערגעץ פון דער ווייטענס דערטראָגען דאָס מאָנאָטאָנישע קלאַפּען פון אַ האַמער, און פון דער פרעשענבורגער זייט האָבען זיך געטראָגען טרעלען פון פערל.

דאָס קליין מענשעלע אין דער פינסטערניש, אינמיטען גאַס, האָט זיך צולאָזען אויפ'ן האַלז, ווי אַ נאַכטיגאַל. צווישען עולם, אויבען אין שווייצערהויף, און אונטען אויפ'ן בולוואַר, האָט מען זיך שטיל איבערגערעדט. עס זיינען צוגעקומען אַלץ נייע רייך־אויסגעפּוצטע העררען און דאַמען.

פון'ם שווייצאַר האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער זינגער

איז פון אַרגאַווי און בעטעלט אין דער אַרומיגער געגענד.

— געהען דאָ אַרום נאָך אַזוינע? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, יאָ, — האָט ער געענטפערט, ניט פערשטעהענדיג, וואָס איך האָב געפרעגט; נור שפּעטער, האָבענדיג בענומען מיין פראַגע, האָט ער צוגעגעבען: אַ, ניין! איך קען בלויז איינעם אַזעלכען.

דערוויילע האָט דאָס קליין מענשעלע געענדיגט זיין ליעד, פלינק אַ מאַך געטהון מיט דער גיטאַר און, ווי פאַר זיך, אויף דייטש געזאָגט אַזוינס, וואָס איך האָב נישט פערשטאַנען, נור ביי'ם אַרומיגען עולם האָט עס אַרויסגערופען אַ גרויס געלעכטער.

— וואָס זאָגט ער אַזוינס? — האָב איך געפרעגט.

— ער זאָגט, אַז אין האַלז איז איהם שוין טרוקען געוואָרען און ער וואָלט גערן אַביסעל וויין געטרונקען — האָט מיר פערטייטשט דער לאַקיי, וואָס איז נעבען מיר געשטאַנען.

— ער האָט געווים ליעב כאַפּען אַ טרונק.

— זיי זיינען אַלע אַזעלכע, — האָט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד דער לאַקיי.

דער זינגער האָט אַראָבגענומען זיין היטעל; בעוועגענדיג מיט זיין גיטאַר, האָט ער זיך דערנעהענטערט צום הויז, פערריסען דעם קאָפּ און זיך געווענדעט צו די הערען, וואָס זיינען געשטאַנען אין די פענסטער און אויף די באַלקאָנען:

— מיינע הערען און דאַמען! — האָט ער אויסגערעדט מיט אַ האַלב-איטאַליענישען, האַלב-דייטשען אַקצענט, בעטאָנענדיג די ווערטער אַזוי, ווי עס טהוען קונצען-מאַכער, — אויב איהר מיינט אַז איך פערדין וואָס, האָט איהר אַ טעות; איך בין ניט מעהר ווי אַן אָרימער טייוועל.

ער איז געבליבען שטעהן, געשוויגען אַביסעל, נור וויל קיינער האָט איהם גאָרניט נעגעבען, האָט ער ווידער אויפגעהויבען זיין גיטאַר און געזאָגט:

— איצטער וועל איך אייך, מיינע הערען, זינגען וועגען דעם באַרג ריגי.

דאָס פובליקום אין די פענסטער און באַלקאָנען האָט גע־שוויגען, וואַרטענדיג ער זאָל ווידער אָנהויבען זינגען. אונטען צווישען עולם האָט זיך געלאָזט הערען אַ געלעכטער. דאָס האָט עמיצער געלאַכט פון זיין אויסשפּראַך אָדער דערפון, וואָס קיי־נער האָט איהם גאָרניט געגעבען. איך האָב איהם געגעבען עט־ליכע סאַנטימען, ער האָט זיי פלינק אַריבערגעוואָרפען פון איין האַנד אין דער צווייטער, בעהאַלטען אין דער וועסט, אָנגעטהון זיין היטעל און גענומען זינגען אַ זיס טיראָלער ליעדעל.

דאָס, וואָס ער האָט איצט געזונגען, איז געווען פיעל בע־סער פון דעם פריהערדיגען; פון אַלע זייטען האָבען זיך גע־הערט אויסגעשרייען פון צופריעדענהייט. ער האָט געענדיגט, ווידער אַ מאָך געטהון מיט דער גיטאַר, אויסגעטהון דאָס היטעל, אַרויסגערוקט זי פאָרויס, מיט אַ פּאָר טריט נעהענטער צוגע־גאַנגען צום הויז און ווידער איבערגע׳חזר׳ט די אונפערשטענד־ליכע ווערטער: „מיינע העררען און דאַמען, אויב איהר מיינט, אַז איך פערדין וואָס, האָט איהר אַ גרויסען טעות“, וועלכע ער האָט געהאַלטען, ווייזט אויס, פאַר זעהר געלונגענע און שאַרפ־זיניגע. נור אין זיין שטימע און בעוועגונגען האָט זיך איצט געפיהלט אַ קינדערשער שרעק, וואָס האָט זעהר שטאַרק האַר־מאָנירט מיט זיין קליינעם וואוקס.

דאָס עלעגאַנטע, פיין־אויסגעפּוצטע פובליקום איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין׳ם ליכט פון די פייערען אין די פענסטער און אויף די באַלקאָנען. אַנדערע האָבען קאָרעקט, געמאָסטען אי־בערגערעדט זיך, ווייזט אויס, וועגען דעם זינגער טאַקי, וואָס איז מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנד געשטאַנען אַנטקעגען זיי. אַנדערע האָבען נייגיריג אַראָבגעקוקט, אויף איין באַלקאָן האָט זיך פרעהליך צולאַכט אַ יונג מיידעל. אונטען האָט דער עולם גערעדט און געמאַכט חוזק.

דער זינגער האָט אַ דריטען מאָל איבערגע׳חזר׳ט זיין פראַזע, דאָס מאָל מיט אַ שוואַכערער שטימע — זי אַפּילו ניט

פערענדיגט, ער האָט ווידער אויסגעצויגען די האַנד מיט׳ן הי־טעל, נאָר באַלד האָט ער זי צוריק אַראָבגעלאָזען און פון דעם גאַנצען רייך־געפּוצטען עולם האָט קיינער, קיין איינער, אפילו קיין גראָשען איהם ניט צוגעוואָרפען. דער עולם האָט אונ־רחמנות׳דיג געלאַכט.

דער קליינינקער זינגער איז, ווי מיר האָט זיך אויסגעווי־זען, נאָך קלענער געוואָרען, ער האָט איבערגעלעגט זיין גיטארע אין דער צווייטער האַנד און, אויפהויבענדיג זיין היטעל אי־בער׳ן קאָפּ, האָט ער געזאָגט:

— מיינע הערדען און דאַמען, איך דאַנק אייך און ווינש אייך אַ גוטע נאַכט.

און ער האָט זיין היטעל צוריק אָנגעטהון.

דער עולם האָט זיך נאָך הילכיגער צולאַכט. דאָס קליין מענשעלע האָט עפּעס ווי אליין פאַר זיך געריעדט אונטער׳ן נאָז, ער האָט זיך אויסגעדרעהט און ווערענדיג עפּעס ווי נאָך קלענער, האָט ער מיט שנעלע טריט געלאָזט זיך געהן צום שטאָדט. איהם איז נאָכגעגאַנגען אַן עולם מענשען, לאַכענדיג און חוזק מאַכענדיג פון איהם. און מיט אַ מאָל איז מיר געוואָרען אַזוי שווער און געשעמט האָב איך זיך אַ פאַר דעם קליינעם מענ־שעלע, אַ פאַר דעם עולם, אַ עפּעס פאַר זיך אליין, גלייך ווי איך אליין האָב געבעטען געלד און קיינער האָט מיר ניט געגעבען.

פון ל. טאָלסטאָי.

ס'האָט אויסגעזעהן, אזוי ווי מען וואָלט זיך געשטעלט פאַר אַ אויפגאַבע צו געפינען די זיכערסטע מיטלען, ווי צו פערדאַרבען וואָס אַ גרעסערע צאָהל מענשען. — אזוי האָט זיך געטראַכט נעכליודאָוו, צוזעהענדיג די מעשים, וואָס עס ווערען אָבגעטהאָן אין די טורמעס און אויף די עטאַפּען. יאָהר־יעהרליך ווערען הונדערטער טויזענדער מענשען פערפיהרט צו דער העכסטער שטופע פון פערדאָרבענהייט און נאָכדעם אַז דיעזער ציעל איז שוין עררייכט, אַז זיי ווערען שוין פערדאָרבען ביז'ן ביין, ווערען דיעזע מענשען בעפרייט, כדי צו פערשפּרייטען איבער אַלע עקען פון לאַנד די מאָראַלע מגפה, מיט וועלכער זיי האָבען זיך אָנגעשטעקט אין געפענגניס.

אין די טורמעס פון טיומעין, יעקאַטערינבורג, טאָמסק, און אין די פּערעסילנעס האָט נעחליודאָוו געזעהען בעשיינפּערליך, ווי ערפאָלגרייך דיעזער ציעל פון פערדארבען מענשען פלעגט דורכגעפיהרט ווערען. איינפאַכע מענשען, ערצויגען אויף די בעגריפען פון פּויערשען סאָציאַלען לעבען און קריסטליכער רעליגיאָן, האָבען פערלאָזען דיעזע יסודות פון זייער וועלטאַנשויאונג און זיך אויסגעבילדעט אַן אייגענע מאָראַל, וועלכע זאָגט, אַז גוואַלדטהאָט איז מאָראַליש און ערלויבט, אויב נאָר דאָס קען נור זיין ניצליך.

לעבענדיג אין טורמע, האָבן דיעזע מענשן זיך דורכגעדרונגען מיט'ן געדאַנק, אַז נאָכדעם, ווי אין זייער צוגעבראַכענעם לעבען זיינען אַלע מאָראַלע געזעצען פון אַכטונג און פריינדשאַפט בעזייטיגט געוואָרען, דאַרפען זיי אַליין אויך ניט אָבהיטען דאָס, וואָס די קירכע און די פרעדיגער פון מענשליכקייט האָבען געלערנט.

נעחליודאָוו האָט זיך דערוואוסט, אַז בראָדיאַגעס, וואָס גנב'ענען זיך אַרויס אין די זומפּיגע בלאָטעס, ריידען איבער זייערע חברים צו אַנטלויפען מיט זיי און זיי פרעסען זיי דאָרטען אויף, ווי די מענשענפרעסער. נעחליודאָוו האָט טאַקי געזעהען אַ מענשען, וועלכער איז געוועזן בעשולדיגט אין אַזאַ מין פערברעכען, און וועלכער האָט זיך מודה געוועזן. און דאָס שרעקליכסטע איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס איז ניט געוועזן דער איינציגער פאַל פון קאַניבאַליזמוס און וואָס דאָס איז געוועזן אַ אָפטע ערשיינונג.

נאָר דורך אַ ספּעציעלע קולטיווירונג פון זינד און פערדאָרבענהייט, וועלכע האָט זיך פּראַקטיצירט אין דיעזע אַנשטאַלטען, האָט אַ מענש געקענט געבראַכט ווערען צו דער נידעריגער מדרגה פון דיעזע בראָדיאַגעס (טרעמפּס), וועלכע פערווירקליכען די נייעסטע לעהרע פון ניטצשע, האַלטענדיג אַלץ פאַר ערלויבט און קיין זאַך ניט פאַר פערבאָטען, און פערשפּרייטענדיג דיעזע לעהרע צווישען די פערברעכער און פאָלק.

די איינציגע ערקלערונג צו דעם אַלעם האָט געקענט זיין, וואָס מען האָט געוואָלט אויסמיידען פערברעכענס, וואָס מען האָט געוואָלט אַרויפוואַרפען אַ שרעק, וואָס מען האָט געמיינט אויסצובעסערען די פערשולדיגטע און זיך נוקם זיין אָן זיי פאַר זייערע מעשים. אַזוי האָט געלויטעט די טעאָריע. אָבער עס הויבט זיך גאָר ניט. מען האָט ניט געקענט זעהן עפּעס עהנליכעס צו דיעזע רעזולטאַטען. דאָרטען וואו מען האָט געוואָלט פערצאַמען דעם וועג פאַר דער פערדאָרבענהייט, האָט זי זיך נאָך מעהר און ווייטער אויסגעשפּרייט, אַנשטאַט זיך אָבצושרעקען, זיינען די פערברעכער געוואָרען מעהר ערמוטהיגט. (פיעלע פון די בראָדיאַגעס זיינען געקומען צוריק אין טורמע מיט זייער אייגענעם ווילען.) אַנשטאַט אויסצובעסערען זיי, האָט זיך יעדער זאָרט אויסגעלאַסענהייט סיסטעמאַטיש אַריינגע'גנב'עט אין זייער גוף און נשמה. און אין דער זעלבער צייט האָט דאָס געפיהל פון נקמה דורך דער אַקציאָן פון דער רעגירונג

אַלץ מעהר און מעהר אָנגעפילט די מוחות פון דיעזע אַלע מענשען.

„אויב אַזוי, טו צו וואָס דאַרף אַזאַ לאַנגע דויערן?“ — נעחליודאָוו האָט זיך געשטעלט די פראַגע און ניט געקענט געפינען אַן ענטפער.

קאָכענדיק און בליענדיק

פון דער טיעפעניש פון הארץ

טעגען בליצען, ווי די שלאַנגען,
אַלץ פערצוקען, אַלץ דערלאַנגען:
האָב און גוטס אין הויז און שייער
מיט אַ קראַכענד־העליש פייער:
זאָל דער שטורעם אויך מיין שטיבעל
חרוב מאַכען — קיין פאַראיבעל!

דורך די פלאַמען קוקט אַרוים
ס'נייע, פרייע, העלע הויז!

אברהם רייזען.



דער אויפשטאַנד

פון ריכאַרד וואַגנער

1813—1883

דער קאָמפּאָזיטאָר פון די גרעסטע מוזיקאַלישע דראַמען איז אויך געווען אַן אַקטיווער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט גענומען אַן אַנטייל אין דעם באַריקאַדען־קאַמפּף אין 1848.

איך בין דער סוד פון דער אייביגער יוגענד. איך בין דער אימער־דויערענדער שאַפער פון לעבען. וואו איך בין אַבוועזענד, ווילדעוועט דער טויט. איך בין די טרייסט, די האָפנונג, דער חלום פון די אונטערדריקטע. איך פערניכט דאָס, וואָס עקזיסטירט, אָבער פון פעלז, אויף וועלכען איך ליגט, הייבט אָן פליסען אַ נייעס לעבען. איך קום צו אייך, אום צו ברעכען אַלע קייטען, אונטער וועלכע איהר שמאַכט; אום צו בעפרייען אייך פון די אָרעמס פון טויט און אריינבלאָזען אַ נייעס לעבען אין אייער גוף. אַלץ וואָס עקזיסטירט, מוז אומקומען. דאָס איז דער אייביגער כלל פון לעבען. און איך, דער צושטערער פון אַלץ, ריען דעם דאָזיגען געזעץ פון צושטערונג, כדי צו שאַפען אַ נייע, אַ בעסערע עקזיסטענץ. איך וועל אין גאַנצען בעניינען די אָרדנונג אין וועלכער מיר לעבען, ווייל זי איז דער צווייג פון זינד. איך וועל בעניינען דיעזע אָרדנונג, ווייל איהר בוים איז נויט און איהרע פרוכטען דאָס פערברעכען. די זאַנגען זיינען צייטיג און איך געה זיי שניידען. איך וועל צושטערען יעדע נאַרעריי, יעדע אונטערדריקונג, וואָס הענגט איבער דער מענשליכער ראַסע. איך וועל פערניכטען יעדע אויטאָריטעט פון איינעם איבער פיעלע; פון דאָס וואָס איז לעבענסלאָז איבער

דאָס וואָס איז לעבענסקרעפטיג; פון דאָס, וואָס איז מאַטעריעל, איבער דאָס, וואָס איז גייסטיג; פון דאָס וואָס איז נשמיות, איבער דאָס, וואָס איז רוחניות. איך וועל צוהאַקען אויף שטיקלעך די אויטאָריטעט פון די גדולים — דאָס געזעץ פון אייגענטהום. זאָל דער פערזענליכער ווילען פון יעדען זיין דער בעל־הבית אין דעם מענשענ'ס לעבען. זאָל די קראַפט פון אַ מענשען געהערען צו איהם, מחמת אַ פרייער מענש איז אַ היילינגער מענש און קיין זאַך אויף דער וועלט קען ניט זיין ערהאבענער, ווי ער....

איך וועל פערניכטען די עקזיסטירענדע אָרדנונג, וועלכע צוטיילט די מענשהייט אין פיינדליכע פעלקער, אין שטאַרקע און שוואַכע, אין פריווילעגירטע און אויסוואורפען, אין רייכע און אָרימע; ווייל דאָס מאַכט אונגליקליך יעדען און אַלעמען. איך וועל פערניכטען די אָרדנונג, וועלכע מאַכט מיליאָנען מענשען פאַר קנעכט צו אַ מנין פריווילעגירטע, און דאָס ביסעל פאַר קנעכט צו זייער אייגענער מאַכט, צו זייער אייגענער רייכקייט. איך וועל פערניכטען די אָרדנונג, וועלכע שיידט פונאַנדער פערגניגען און ארבייט; וועלכע מאַכט פון אַרבייט אַ לאַסט און פון פערגניגענס אַ זינד; וועלכע מאַכט איינעם אונגליקליך דער־פאַר ווייל ער האָט צו וועניג און מאַכט אַן אַנדערען אונגליקליך דערפאַר ווייל ער האָט צו פיעל. איך וועל פערניכטען די אָרד־נונג, וועלכע פרעסט אויף דעם מענשען, צווינגענדיג איהם צו דיע־נען אַ טוידטע, אונזיניגע זאַך, וועלכע פעראורטיילט איין טייל פון דער מענשהייט צו פוילקייט אָדער אונניצליכער ארבייט, וועלכע צווינגט טויזענדער אוועקצוגעבען זייערע געזונדע, יונגע יאָהרען אויף דאָס שלעפעריגע לעבען פון אַ סאָלדאַט, אַ בעאַמ־טען, אַ ספעקולאַנט, פראַצענטניק און עהנליכעס. איך וועל פער־ניכטען די אָרדנונג, וועלכע הייסט מקריב זיין אַלע כוחות פון לע־בען צו די דאָזיגע פערדאַרבענהייטען און דערצו וואַרפט זי נאָך אַרויף אויף דיעזע מענשען אין זייערע אַלטע יאָהרען דעם יאָך פון דער גאַנצער שענדליכער געביידע. איך וועל פערניכטען אפילו די עראיינערונגען און די שפורען פון דיעזער משוגענער אָרדנונג,

וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטוקעוועט פון מאכט און פאַלשקייט, קומער און טרעהרען; צער און ליידען; נויט און בעטרוג; צבור־עצטווע און פערברעכען. איך וועל חרוב מאכען דיעזע אָרדנונג, וועלכע איז איינגעשלאָסען אין די פיער װענד פון איהר פער־שווארצטער אטמאָספערע, וועלכע קריגט קיין מאָל ניט קיין טראָ־פען פון פרישע לופט, און אין וועלכע ס'דרינגט קיין מאָל ניט אריין קיין שטראהל פון פרייד...

שטעהט זשע אויף, איהר פעלקער, אויף דער ערד! שטעהט אויף, ניעדערגעשלאָגענע און אונטערדריקטע! שטעהט אויף איהר אלע וואָס קעמפפען אומזיסט צו בעקליידען זייער בעטריעבטע איינזאַמע נשמה מיט דעם פערגענגליכען פאַלש־גלאַנצענדען פראַכט פון עשירות.

שטעהט אויף! קומט מיט מיר און פאָלגט מיר נאָך און דעם מונטערען המון, ווייל פאַר מיר איז קיין חילוק ניט ווער ס'האָט אויסגעקליבען מיין וועג. איצט איז פאַר מיר דאָ נור צוויי מינים מענשען — די וועלכע זיינען מיינע נאָכפאָלגער, און די וועלכע זיינען מיינע געגנער. די ערשטע וועל איך פיהרען צו גליק, די אנדערע וועל איך צוטרעטען אין מיין זיעגרייכען טריומף־מארש. ווייל איך בין די רעוואָלוציאָן, — איך בין די נייע שאַפענדע קראַפט. איך בין די געטין, וועלכע משפט דאָס גאַנצע לעבען, וועלכע דערוואַרמט אַן איהרע אָרעמס און וועלכע געבירט לעבען און לעבענס־פרייד.

דאָס ליעד פונ׳ם שטורעמפויגעל

פון מ. גאָרקי.

געבאָרען אין ניזשני נאָווגאָראָד, רוסלאַנד, אין 1868. בעוואוסטער מאָדערנער רוסישער שרייבער.

אידיש פון י. קיסין.

אויף דער ים־פלאַך, אויף דער גרויער, ציהט דער ווינט צונויף די וואָלקענס. אויף׳ן ים אונטער די וואָלקענס שטאָלץ שוועבט אום דער שטורעמפויגעל, עהנליך צו א בליץ אַ שווארצען.

אַט בעריהרט אַ וועלל זיין פליגעל, און אַט שוועבט ער אין די וואָלקענס, און ער שרייט,—
די וואָלקענס הערען פרייד אין זיין געוואַגטען שרייען.

דער געשריי איז — דורשט נאָך שטורעם! פלאַמיג לייד־

דענשאפט און צארן און א גלויבען אין נצחון הערען פויגלען אין זיין שרייען.

מעווען קרעכצען פאר דעם שטורעם, — קרעכצען, ווארפען אויפ'ן ים זיך, ווילען אויף זיין גרונט פערבארגען זייער אימה פאר דעם שטורעם.

און עס קרעכצען די גאגארען, — פרעמד פאר זיי איז די הנאה פון דער גרויסער שלאכט פון לעבען, און דער קלאפ פון דונער שרעקט זיי.

ציטערנד איילט די דומע פעטגאנז צו בעהאלטען זיך אין פעלזען.

נאר דער שטאלצער שטורעמפויגעל שוועבט אום דרייסט און פריי אין הימעל אויף דעם ים דעם גרוי־פערשוימטען!

פינסטערער און נידעריגער לאזען זיך אראב די וואלקענס, און די וועללען זינגען, שפרינגען אין דער הויך אנטקעגען דונער.

ס'קראכט דער דונער. בייז די וועלען שוימענד קעגען ווינט זיך וועהרען. כאפט דער ווינט א רייה פון וועלען אין זיין קרעפטיגער אומארמונג, און ער שליידערט זיי מיט אימפעט און מיט כעס אויף די פעלזען, און אין וואסער־שטויב צושמעטערט ער די טונקעל־גרינע מאסען.

שרייט און שוועבט דער שטורעמפויגעל, עהנליך צו א בליץ א שווארצען, ווי א פייל שניידט דורך די וואלקענס, רייסט דעם שוים אראב פון וועלען.

און אט שוועבט ער ווי א דעמאן, ווי א שטאלצער, שווארצער דעמאן פון'ם שטורעם, — לאכט און יאמערט... פון די וואלקענס לאכט דער פויגעל, פון א פרייד א ווילדער וויינט ער:

אין דעם כעס פון דעם דונער שפירט דער דעמאן לאנג שוין מידקייט, און ער וויס, אז פון די וואלקענס וועט די זון פערשטעלט ניט בלייבען!

ס'הוילט דער שטורמווינד... ס'קראכט דער דונער...

ברענענדיג מיט בלויע פלאמען הענגען אויפ'ן ים די וואל־קענס, פאנגט דער ים די בליצען־פיילען און ער לעשט זיי אין

זיין אבגרונד. גלייך ווי פייערדיגע שלאנגען דרעהען אויפ'ן ים, פערשווינדענד, אבגלאנצען פון יענע בליצען.

— באלד וועט אויסברעכען דער שטורעם!

דאס שוועבט אום דער שטורעמפויגעל שטאלץ, אהן מורא צווישען בליצען; דאס שרייט אוים פון זיעג דער נביא:

— שטארקער קומען זאל דער שטורעם!

פון א פרוי'ס בריעף

פון אביגיל אדאמס

די פרוי פון דזשאהן אדאמס, 2־טען פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען און מוטער פון דזשאהן קווינסי אדאמס, דעם 6־טען פרעזידענט פון דער יוניאן.

די פאלגענדע צייל̈ען זיינען גענומען פון א בריעף, וואס זי האט געשריבען צו איהר מאן אין 1774, בעת די זיצונגען פון ערשטען קאנ־טינענטאלען קאנגרעס.

... דאס איז מיין הייסער וואונש, איהר זאלט ערקלערען אונאבהענגיגקייט. אויך וויל איך אז די פרויען זאלען דער־מאהנט ווערען אין די נייע געזעצען, וועלכע ס'וועט, ווארשיינליך, נויטיג זיין אויסצוארבייטען. איך ווינש, איהר זאלט זיין עדעלמוטהיגער און מילדער צו אונז פרויען, ווי אייערע אורעלטערען זיינען געווען. אויב איהר וועט אונז ניט שענקען גענוג אויפמערקזאמקייט, זיינען מיר ענטשלאסען אן אויפשטאנד צו מאכען. מיר ווילען ניט זיין געבונדען פון קיין געזעצע, וואס איז געשאפען געווארען אהן אונז.

דער גרויסער סטרייק

פון פרעדעריק וואן עעדען

אַ האָללענדישער דאָקטאָר, פּאָעט און נאָוועליסט, דערצעהלט פּאַר'ן אַמע־ריקאַנער לעזער זיינע פּערזענליכע ערפאהרונגען אין דעם קלאַסען־קאַמפּף פון זיין פאטערלאנד.

ארום פופציג מאן האָט מען געשיקט אלס דעלעגאַטען אין פערשיעדענע שטעדט אום אָנצופיהרען די סטרייקער און זיי צו ערמוטהיגען. אלעס איז געווען פארטיג. מען האָט געגעבען א צייכען־וואָרט און מען האָט געהיים בעשטימט דעם טאָג און די שעה פון סטרייק. ס'איז געווען בעשלאָסען, אַז מאָנטאָג אין דער פריה, דעם 6טען אַפּריל 1903, זאָל קיין צוג ניט וואגען צו לויפען אויף קיין ליניע פון האָללענדישער טעריטאָריע.

זונטאָג אָבענד בין איך ארויסגעפאָהרען אויף דער „שלאַכט־ליניע“. איך האָב זיך געזעגענט מיט מיין פאמיליע, אָנגעפּאַקט מיין טשעמאָדאַן מיט בראָשורען און פלוג־בלעטלעך און אין מיטען נאַכט אָנגעקומען אין א קליין שטעדטעל אמערספאארט, וואָס האָט זיך גערעכענט פאר א וויכטיגען באהן־צענטער. דאָ האָב איך בעדארפט איבערגעבען דעם בעפעהל פון אונזער הויפּט־קווארטיר, אַז אַן אַלגעמיינער סטרייק זאָל זיך אָנפאנגען די נאכט איבער דעם גאַנצען לאַנד. אזוי ווי איך האָב ערווארטעט, אַז די רעגיערונג וועט אָווענדען ענערגישע און אַקטיווע מיטלען נעגען דעם סטרייק און צוזאמען מיט דעם מאכען, וואהרשיינליך, ארעסטען פון די סטרייק־פיהרער, — האָב איך זיך איבערגעטהאָן ווי א פּראָסטער טאָג־ארבייטער און אָנגענומען א פרעמדען נאָמען.

א גאנצע וואָך האָב איך פערבראכט אין דעם שטעדטעל,

לעבענדיג צוזאַמען מיט די סטרייקענדע, עסענדיג ביי זייער טיש און איבערלעבענדיג מיט זיי די שטונדען פון אנגסט און פערצווייפלונג. אין שטאָדט איז געווען אַ פינסטערער, שמוציגער זאַל פאַר פערזאַמלונגען. דאָ פלעגען זיי זיך זעהר גערן פערזאַמלען מיט זייערע פרויען, וועלכע פלעגען אָפטמאָל ברענגען אהין זייערע קינדער. אַלע האָבען געוואָלט זיין איין גרויסע משפחה אין דיעזע טעג פון קאַמפף, רעדענדיג שטענדיג וועגען די האָפנונגען און אויסזיכטען און אויפמונטערענדיג איינער דעם אַנדערען מיט לידער. איך האָב פאַר זיי געהאַלטען רעדעס דריי אָדער פיער מאָל אַ טאָג, וועלענדיג זיי בעקאַנען מיט די געזונדע בעגריפען וועגען די סאָציאַלע אומשטענדען, אין וועלכע זיי קומט אויס צו לעבען און צו קעמפפען. אין דער זעלבער צייט האָב איך זיי צוגעגרייט צו דער ניעדערלאַגע, וועלכע לויט, ווי איך האָב מיך דאַן דערוואוסט, איז געווען אונפערמיידליך. פונדעסטוועגען קען איך זאָגען, אז טראָטץ דעם וואָס פון די 40 דעלעגאַטען האָב איך וועניגער פון וועמען עס איז געגלויבט אין ערפאָלג פון סטרייק, איז דאָך מיין שטעדטעל געווען די לעצטע אונטערצוגעבען זיך און די ערשטע לויט דעם קליינעם פּראָצענט פון דעזערטירען.

אין יענע טעג האָב איך איינגעזעהען, אַז פון די צוויי קעמפפענדע צדדים זיינען די שטאַרקע, די זיעגער, געווען די וועניגער סימפּאַטישע אין זייער מאָראַלישער האַנדלונג און אין די מעטאָדען פון קאַמפף. די סטרייקערס האָבען ניט אָנגעהויבען צו קענען זייערע געגנער און אויך ניט געפיהלט זייער אייגענע שוואַכקייט. אין דיעזער הינזיכט זיינען די סטרייקער געווען אויפ׳ן העכסטען גראַד נאַריש און אונוויסענד. און אויב זיי וואָלטען שוין יאָ, אונערוואַרטערהייט, געוואונען אַ פאָלקאָמענעם זיעג, וואָלטען זיי לחלוטין ניט געקענט עס אויסנוצען. ווען די פּאָליטישע מאַכט וואָלט אריבערגעגאַנגען פון דער רעגיערונג צום דעם אָנפיהרענדען שטאַב פון דעם אַלגעמיינעם סטרייק, וואָלט דאָס געפיהרט צו אַ שרעקליכער צומישעניש. צווישען

די סטרייק־פיהרער האָט געפעהלט אַ גענוג שטאַרקער גייסט און אַ גענוג שטאַרקע האַנד אום צו רעגירען און רעאָרגאַניזירען די אַרבייטער מאַסע, וואָס איז ניט געווען צוגעוואוינט צו פרייהייט, אונפעהיג צו זעלבסט־קאָנטראָל, אונפעהיג צו אַרבייטען אָהן אַ שטרענגער אויטאָריטעט און דיסציפּלין. און דאָך זיינען די געפיהלען און די מאָטיווען פון דער מאַסע געווען ערהאַבענע און גערעכטע. זי האָט אַרויסגעוויזען עדעלקייט און גראָסמוטיגקייט, אידעאַליזם און ענטוזיאַזם, פון וועלכע די מעכטיגע געגנער זיינען געשטאַנען אויף אַ מהלך ווייט. יעדער סטרייקער האָט געדאַרפט אויסקעמפּפען זיין אייגענעם קאַמפּף ביי זיך אין דער היים. יעדען אָבענד איז איהם אויסגעקומען צו זעהן די צוטראָגענע און פערזאָרגטע געזיכטער פון זיין פרוי און די קינדער, וועלכע זיינען געווען אין געפאַהר צו שטאַרבען פון הונגער און נויט. ער האָט געדאַרפט בעמערקען די פאַרבעהאַלטענע טרעהרען, אויסהערען פראַגען און פאָרוואורפען מיט אַ געמיטה, וועלכער איז געווען ווייט פון צו זיין אָפּטימיסטיש. ער האָט נאָך געדאַרפט בעקעמפּפען אין זיין אייגענעם האַרץ די עגאָאיסטישע שטרעבונג צו ראַטעווען פריהער פאַר אַלץ דעם אייגענעם נפש. ער האָט געדאַרפט אויף אַזאַ אופן מיט געוואַלד אויפהאַלטען אין זיין האַרצען דאָס, וואָס ער האָט געפיהלט איז דאָס בעסטע אין איהם, נעמליך, דעם געפיהל פון סאָלידאַריטעט, דעם צוטרויען צו זיינע חברים.

איך בין איבערצייגט, דאָס יעדער פיהלענדער מענש פון הערשענדע קלאַסען וואָלט בעקומען אַ גאַנץ אַנדערען בעגריף וועגען דער עטיק פון סאָציאַליזם און דער מאָראַל פון קלאַסענקאַמפּף, ווען ער לעבט איין וואָך אין אַזאַ סביבה און נעהמט אַן אַנטהייל אין אַזאַ מין קאַמפּף.

אָבער געגען די סטרייקערס זיינען דאָ געשטאַנען די רעגירונג, די קאָמפּאַניעס און אַ מחנה אַנדערע פערטהיידיגער פון דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, וואָס זיינען אַלע געווען מעכטיג אַ דאַנק זייער רייכקייט, זייער פּראַקטיק, זייער ערפאַהרונג

און אונטערשטיצט פון דער טרייער ארמיי פונ׳ם אונטערטעניגען ברייטען עולם. פאר דער עקזיסטירענדער ארדנונג איז די גאנצע מעשה כמעט קיין געפאהר ניט געווען, ווייל די סטרייקערס האבען ניט געהאט בדעה צו ברויכען געוואלדטהאט. א חוץ דעם האט מען געהאלטען די סטרייקער אין איין אנשרעקען און אונטערקויפען. די איינציגע זאך וואס איז געבליבען צו טהון געגען די ארבייטער, דאס איז געווען דעמאראליזירען דעם סטרייקער, מאכען איהם אן עגאאיסט, א פחדן און א פעררעטהער צו זיינע חברים. און דאס איז געטהאן געווארען רוהיג און מיט ערפאלג. די דעמאראליזירונג פון שונא קען זיין א געזעצליכער ציעל אין יעדער מלחמה, די אונפערמיידליכע מכה צו פערהיטען זיך פון א גרעסערען חולאת. און דאך האט עס אין דיעזען פאל אויסגעזעהען רויבעריש און העסליך הויפטזעכליך דערפאר ווייל, דיעזע מיטלען האט מען געברויכט נור פון איין זייט. דא איז ניט געווען אן עהרליכער קאמפף מיט אן אלגעמיינער מאראל פון העלדישקייט און גראסמוטהיגקייט, דא איז געווען נור א יאמערליכער און האפנונגסלאזער צוזאמענשטויס צווישען א שוואכען שקלאף און א געוואלדיגען הערשער, צווישען א שלעכט בעהאנדעלטען ענטריסטעטען קינד און א ברוטאלען אונטערדריקער, וועלכער טראכט נור וועגען דער אויפריכטונג פון זיין אויטאריטעט, אבער ניט פאר דער נשמה פון קינד.

איך וועל זיך ניט ענטשולדיגען!

פון וויליאַם לאָיד גאַריסאָן

(1805—1879)

אײנער פון די ערשטע און ביטערסטע בעקעמפפער פון שקלאַפעריי אין אַמעריקע. די עטליכע ווערטער פון איהם דאָ זיינען גענומען פון זיין אַנטי־שקלאַפעריי צייטונג: „דער בעפרייער“.

איך וויים, אַז פיעלע האָבען אויסצוזעצען געגען דער שאַרפקייט פון מיין שפּראַך. צי איז אָבער דאָס אָהן יעדען אורזאַך? איך וויל זיין ביטער, ווי דער אמת, און שטרענג, ווי דער יושר. איך וויל וועגען דיעזער פראַגע ניט דענקען, ניטריידען און ניט שרייבען מיט מילדקייט און מעסיגקייט. ניין! ניין! זאָג אַ מענשען רוהיג און שטיל אַז זיין הויז ברענט און מאַך פאַרזיכטיג אַ גוואַלד. זאָג איהם, ער זאָל העפליך אַרויסראַטעווען זיין ווייב פון דעם פּרויען־שענדער. זאָג אַ מוטער זי זאָל ביסלעכווייז און לאַנגזאם אַרויסנעהמען איהר קינד פון פייער, אין וועלכען ס'איז אַריינגעפאַלען. אָבער צווינגט מיך ניט צו נוצען אייער מעסיגקייט אין דיעזער פראַגע. צווינגט מיך ניט צוריק צו האַלטען זיך אין דיעזער אַנגעלעגענהייט. איך מיין עס ערנסט, אָהן מליצות.

איך וועל זיך ניט ענטשולדיגען, איך וועל ניט אָבטרעטען אויף אַ האָר — און מען וועט מיך הערען!

די גלייכגילטיגקייט פון פאָלק דאַרף יעדע סטאַטוע אַראָבטרייבען פון איהר געשטעל און אויפוועקען די טויטע צום אויפשטאַנד.

סאַוואַ

פון לעאָניד אַנדרעיעוו.

אין דיעזער אייגענאַרטיגער טראַגי־קאָמעדיע, האָט דער גרויסער רוסישער שרייבער געשילדערט דעם קאָנפליקט צווישען דער אינטעלי־גענץ און דעם ווילדעסטען אבערגלויבען פון די פויערים. סאווא, אַ פאַנאַטיקער פון דער רעוואָלוציאָן, זוכט אויסצוראָטען דיעזען אבער־גלויבען דורך געוואלד און פראָיעקטירט אויפצורייסען אַ קלויסטער, אין וועלכען ס׳האָבען זיך פערזאמעלט שבור׳ע מאָנאַכען. די פער־שווערונג איז אָבער ענטדעקט און די מאָנאַכען בעשטימען צו מאַ־כען אַ שווינדעל. זיי טראגען דאן בעצייטענס אַרוים די הייליגע איקאָנע פון מאָנאַסטיר און נאָך דער אויפרייסונג טראָגען זיי איהר צוריק אַריין צווישען די רואינירטע ווענד. די פויערים, וואס זיינען זיך צוזאמענגעלאָפען אויף די חורבות פון קלויסטער זעהען מיט ער־שטוינונג די גאַנץ־געבליעבענע איקאָנע און הויבען אָן מיט התלהבות צו שרייען וועגען דעם גרויסען נס, וואָס גאָט האָט בעוויליגט צו ווייזען. איבער דערפער און שטעדט אויף אַ ווייטע שטרעקע פער־שפרייט זיך דער קלאַנג וועגען די וואונדערבאַרע מעשים פון מאָנאַסטיר. דער עולם ווערט אַרומגעכאַפט מיט אַ כוואליע פון רעליגיעזען משוגעת און אין דיעזען מאָמענט ווערט סאווא צוטרעטען ביז טוידט פון דעם צואווילדעוועטען המון.

אין דער סצענע, וועלכע מיר גיבען איבער, רעדט סאווא מיט זיין גלויביגער שוועסטער.

ליפּאַ. — גערענק, אַז יעדער פון זיי וואָלט זיך גליקליך געשעצט, ווען ער קען דיר דער׳הרג׳ענען, צוטרעטען מיט די פיס, ווי אַ וואָרים. יעדער פון זיי איז דיין מלאך המות; זיי שלאָגען ביז טוידט אָן איינפאכען בויגעל־כאַפּער, אַ פערד־גנב. היינט בפרט דיך, וועלכער וויל צוגנב׳ענען זייער גאָט.

סאַוואַ. — גאַנץ ריכטיג. גאָט איז ביי זיי אַ טייל פון פער־מעגען.

ליפא. — דארפסט זיך שעמען אין דיין ווייטען האלז... ער וויצעלט זיך נאך! ווער האט דיר געגעבען רעכט אויף דעם? ווער האט דיר בעשאנקען מיט מאכט איבער'ן פאלק? ווי וואגסטו זיך צו מישען אין זיין גלויבען און אמת? אריינ־צושטעקען דיין נאז אין זייער לעבען?

סאווא. — ווער האט מיר געגעבען די מאכט? איהר האט עס מיר געגעבען! ווער האט מיר געגעבען דאס רעכט? איהר האט עס מיר געגעבען! איהר האט מיט אייער בייז־וויליגקייט, אונוויסענהייט און נארישקייט — איהר, איהר מיט אייער העסליכער מאכטלאזיגקייט. רעכט! מאכט! זיי האר בען פערוואנדעלט די וועלט אין א שמוץ־גראבען, א מיסט־קאס־טען, א קללה, א תפיסה פאר שקלאפען. זיי דערגעהען איי־נער דעם אנדערען די יאהרען, זיי פייניגען איינער דעם אנ־דערען און זיי פרעגען נאך: ווער האט געהאט די העזה זיי צו כאפען פאר'ן גארגעל? איך! פערשטעהסט? איך!

ליפא. — אבער חרוב מאכען אלץ! זעה, וואס דו טהוסט!

סאווא. — וואס קען מען מיט זיי טהאן? דו וואלסט אויך אנדערש ניט געקענט. וואס, אפשר פרואווען איבערציי־גען די אקסען, אז זיי דארפען ניט טרעטען אויף זייער בהמה'שען שטייגער? וואס, אפשר חאפען יעדען פאר די הערנער? נו, וואלסטו, פיליכט, זיך אויסגעפוצט אין א פראק און געגאנגען זיי געבען א לעקציע? האבען זיי דען ניט געהאט גענוג פון וואס זיך צו לערנען? אזוי ווי ווערטער און געדאנקען קענען האבען א בעדייטונג פאר זיי. דער געדאנק, דער ריינער, אונ־גליקליכער געדאנק! זיי האבען איהם פערשמוצט! זיי האר בען איהם אויסגענוצט אויף פאלשקייט און נארעריי. זיי האבען פון געדאנק געמאכט א נאננבארע סחורה צו פערקויפען אויפ'ן מארק. ניין, שוועסטער! דאס לעבען איז קורץ און איך האב גאר ניט בדעה צו פערלירען מיין צייט מיט אקסען. דער איינציגער וועג מיט זיי דורכצוקומען איז פייער, און דאס ווילען זיי — פייער!

ליפא. — אבער וואס ווילסטו? וואס ווילסטו?

סאוואַ. — וואס איך וויל? איך וויל בעפרייען די ערד, בעפרייען די מענשהייט. דער היינטיגער מענש איז קלוג — ער איז שוין געקומען צום שכל. ער איז רייף פאר דער פריי־היים, אבער די פערגאנגענהייט פרעסט זיין נשמה ווי א בוים־ווארים די גרינע בלעטער. זי רינגעלט איהם ארום מיט דעם אייזערנעם קרייז פון לאנג אבגעלעבטע זאכען. איך וויל פערניכטען אלץ וואס איז הינטער דעם מענשען — מאכען הינטער זיין רוקען פוסט און לעער, אז ער זאל קיין זאך ניט קענען זעהען, ווען ער וועט זיך אומקערען. איך וויל איהם נעה־מען ביין קארק און אקסלען און א דרעה טהאן זיין פנים צו דער צוקונפט. —

פון גאריבאלדי׳ס רעדע צו חברים

1807—1882

קעמפפער פאר דער בעפרייאונג פון איטאליע און איינער פון איהרע גרינדער.

בעוואפענט זיך! אלע בעוואפענט זיך! און די הערשער און די אונטערדריקער וועלען זיך צושיטען ווי שטויב...

אויך איהר, פרויען! מיט אונז! מיט אונז! שליידערט צוריק די שרעקעדיגע פון אייערע צערטליכע ארעמס! זיי וועלען אייך געבען פחדנים פאר קינדער...

טעכטער פון שעהנהייט־לאנד! שטופט אב פון אייער ברוסט דיעזע ציטעריגע שקלאפען! און אנדער דור ערווארטען מיר פון אייך — קינדער, וואס זיינען העלדיש און נאבעל...

דער רעדנער פון די באַריקאַדען

פון וויקטאָר הוגאָ.

מיר לעבען איצט איבער, פריינד, אַ פינסטערע שעה, אָבער דאָס איז דער פרייז פון דער צוקונפט. די רעוואָלוציאָן איז אַן אריינגאַנג אין אַ נייע וועלט, אויף איהר שוועל צאָהלט מען מיט קרבנות. מיר מוזען בעפרייען די מענשהייט פון יאָך און זי אויפהויבען אויף אַ העכערע מדרגה. אויף דיעזער באַריקאַדע שווערען מיר טרייהייט דער מענשהייט. און פון וואַנען זאָל זיך לאָזען הערען דער יובעל־געשריי פון ליעבע, אויב ניט פון דיעזען באַרג, אויף וועלכען מיר זיינען זיך מקריב? אָה! מיינע ברידער, דאָ איז דער פּלאַטץ וואו עס פעראייניגען זיך די דיינקענדע און די ליידענדע. ניט פון שטיינער, ניט פון האָלץ און ניט פון אייזען איז געמאַכט דיעזע באַריקאַדע; פון צוויי פעלזען איז זי געבויט — פון אידעען און צער. דאָס עלענד זוכט און געפינט דאָ דעם אידעאַל. דער טאָג נעהמט דאָ ארום די נאַכט, שטאַרבט מיט איהר און וועט ווייטער געבאָרען ווערען מיט איהר. פון אונטער דעם דרוק פון צרות ברויזט דאָ ארויס דער גלויבען. די ליידען ברייננגען אהער די גסיסה, און די אידעען די אונשטערבליכקייט. דיעזע גסיסה און דיעזע אונשטערבליכקייט זיינען די עלעמענטען פון אונזער טוידט. ברידער! די וואָס שטאַרבען דאָ, געהען אוועק פון דער וועלט אין די שטראַהלען פון דער צוקונפט: זיי געהען אריין אין קבר, בעלויכטען מיט דער מאָרגענרויטער זון! —

אין קאַמפף פאַר נייע וועלטען

פון ה. דזש. וועלס

ענגלישער נאָוועליסט; געבאָרען אין 1866. פערפאסער פון א סעריע זאָנדערבארע ראָמאַנען מיט אַ פאַנטאַסטישען אינהאלט. פאַר די לעצטע צייט האָט ער אָנגעשריעבען א רייהע ווערק וועגען סאָציאלען אונרעכט און געזעלשאפטליכע צבועצסטווע.

יאָ, סאָציאַליזמוס איז פאַר מיר אַ גרויסע זאַך. סאָציאַליזמוס איז פאַר מיר די פאָרמע — די אויסערליכע און אויך די אינערליכע, — דער עצם פון מיין לעבען, מיין אידעאַל, מיין רעליגיאָן.

איך בין שוין געווען אַ סאָציאַליסט, קען מען זאָגען, אין דער מאַמע'ס בויך, און דער מזל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אַזוי פערבלייבען אויף תמיד. איך זעה איין, אַז איך מוז כסדר שרייבען און ריידען וועגען סאָציאַליזמוס, כסדר שאַפען און טהאָן ארום איהם. איך בין אַ רינג אין קייט, איינער פון אַ וואַקסענדער מאַסע, וואָס וועט פאָרטזעצען די אָנגעפאַנגענע זאַך. ס'האָט קיין בעדייטונג וויפיעל דורות וועלען אַרבייטען און עס צוזעהן. פאַר'ן ענדליכען אידעאַל איז ניט וויכטיג, צי מיר וועלען אינדיווידועל דערגרייכען אָדער האָבען אַן ערפאָלג; ס'איז ניט וויכטיג, וועלכע פעהלערן מיר וועלען בעגעהן און וועלכע שטערונגען מיר וועלען טרעפען אין וועג; ס'איז אויך ניט וויכטיג, וועלכע משוגעת'ן און פערזעהענישען וועלען פערדונקלען אונזערע פערזענליכע האָפנונגען און חלומות. מיר האָבען דאָס ליכט. מיר זיינען גרייט צו דעם, וואָס מיר וועלען אויסשטעהן. און מיר ווייסען אויך, אַז דאָס ליכט וואָס שימערט צו אונז אַזוי בלאַס, וועט מוזען סוף כל סוף פערטרייבען דעם חשך.

איך וויל...

פון יוסף יפה

געבארען אין די 70־ער יאהרען אין רוסלאנד. האט געדרוקט זיינע לידער מייסטענס אין „ארבייטער“, א זאמלונג פון זיינע לידער איז ערשיענען אין 1914.

איך וויל א ליעד אייך שמיעדען
פון שוועבעל, פעך און פלאם;
א בליץ — אין יעדער שורה,
א דונער — יעדער גראם.

מיין ליעד וועט פייער שפריצען
און זידען ווי דער תהום,
ביז טויט איז אל דאס אומרעכט,
ווי דאס פערשאלטענע סדום.

נ אָ ר אַ

פון הענריק איבסען

.1828—1906

בעריהמטער נאָרוועגישער דראַמאַטורג.

נאָראַ. — אין דער היים פלעגט מיט מיר מיין פאָטער פיעל מאָל ריידען פון זיינע בעגריפען וועגען לעבען, און איך האָב געמוזט קוקען אויף דער וועלט מיט זיינע אויגען. ווען איך פלעג זיך פאָנאַנדערגעהן מיט איהם אין מיינונגען, פלעג איך עס מוזען בעהאַלטען אין זיך, ווייל דער פאָטער וואָלט דאָס קיין מאָל ניט געדולדעט. ער פלעגט מיך רופען מיין ליאַל־קעלע און זיך שפיעלען מיט מיר אַזוי, ווי איך פלעג זיך שפיע־לען מיט מיינע ליאַלקעס אין די קינדער־יאָהרען. מיט אַזאַ ערצי־הונג בין איך אַריבער צו וואָהנען אין ד י י ן הויז.

העלמער. — מיט וואָס פאַר אַ שפּראַך דו רעדסט וועגען א ו נ ז ע ר היירּאַט!

נאָראַ (רוהיג). — איך מיין, איך בין אַריבער פון פאָ־טערס הענד אין דיין רשות. אַלץ האָסטו איינגעאָרדנעט נאָך דיין פערשטאַנד נאָך, און ביי מיר האָט זיך סוף כל סוף אויס־געבילדעט דער זעלבער געשמאַק, וואָס ביי דיר. מעגליך, אַז דאָס איז טאַקי געוועזען אַזוי, מעגליך אַז דאָס האָט זיך מיר נאָר געדאַכט. יעדענפאַלס, יעדען מאָל ווען איך הויב אָן זיך אַריינצוטראַכטען און ווען איך קוק אויף צוריק, זעה איך איצט, אַז איך האָב געלעבט ווי אַ בעטלער פון האַנט אין מויל. איך האָב פאַר דיר געשפּיעלט, טאָרוואַלד, ווי אַ קינד זיך בענומען מיט מיינע שטיפעריייען. אָבער דו האָסט עס ליעב געהאַט. דו און מיין פאָטער האָבען מיר אַ גרויסען אונרעכט געטהאָן. און דאָס איז אייער שולד, וואָס מיין לעבען איז ביז איצט אַזוי ווערטלאָז געוועזען.

העלמער. — פאַרוואָס, נאָראַ? זעה, ווי ניט לאָגיש און ניט דאַנקבאַר דו ביזט! ביזטו דען ניט גליקליך געווען?

נאָראַ. — ניין, איך בין נור לוסטיג געווען. אמת, אז דו ביזט שטענדיג געווען אזוי פריינדליך צו מיר, אָבער דיין היים איז געווען ניט מעהר ווי אַ קינדער־צימער וואו איך האָב געשפּיעלט די ראָלע פון אַ פרויען־ליאַלקע אַזוי ווי פריהער האָב איך געשפּיעלט די ראָלע פון אַ קינדער־ליאַלקע. מיינע קינדער גופא זיינען אויך געוואָרען ליאַלקעס פאַר מיר און ס'פלעגט מיר אויסקומען מערקווירדיג קאָמיש ווען דו פלעגסט שפּיעלען מיט מיר. איך פלעג מיך גלייך פיהלען אַ קינד, אַ פּיצעל, אָט פּונקט ווי עס פיהלען זיך מיינע קינדער בנוגע צו מיר. אַ הויז פון ליאַלקעס איז געווען אונזער פערהייראַטער לעבען, מיין טאָרוואלד! און דאָס איז די אורזאַכע פאַרוואָס איך פערלאָז דיך...

העלמער (שפּרינגט אויף). — האַ? וואָס מיינסט דו דערמיט?

נאָראַ. — איך מוז לעבען אליין, דערקענען זיך און די אַרומיגע וועלט. איך קען דעריבער ניט בלייבען מיט דיר.

העלמער. — נאָראַ! נאָראַ!

נאָראַ. — איך פערלאָז דיך זאָפאָרט! אויף דיעזע נאַכט וועט מיך צונעהמען קריסטינאַ.

העלמער. — דו ביזט משוגע! איך וועל עס ניט דערלאָזען! איך פערבאָט עס!

נאָראַ. — צו וואָס? דיין פערבאָטען וועט גאָר נישט העלפען. איך וועל מיטנעהמען מיינע זאַכען. פון דיר וועל איך קיין זאַך ניט נעהמען — ניט איצט, ניט שפּעטער.

העלמער. — פערלאָזען דיין היים, דיין מאַן, דיינע קינדער! דיך אַרט גאָר ניט, וואָס די וועלט וועט זאָגען?

נאָראַ. — מיך קימערט עס ניט. איך וויים נאָר, אז איך דאַרף עס טהאָן.

העלמער. — אָה! ס'איז שרעקליך! מיט אַזאַ גרינגע האַרץ קענסטו פערלאָזען די הייליגסטע פליכטען אין דער וועלט?

נאָרא. — וואָס רופסטו די היילינגסטע פליכטען ?

העלמער. — דו פרעגסט מיר נאָך וועגען דעם ? דיינע פליכטען צו דיין מאַן און צו דיינע קינדער.

נאָרא. — איך האָב אַנדערע פליכטען, וועלכע זיינען ניט וועניגער הייליג.

העלמער. — קען עס זיין ! וועגען וועלכע פליכטען רעדסטו ?

נאָרא. — מיינע פליכטען צו מיר אליין.

העלמער. — קודם כל דארפסטו זיין א פרוי און א מוטער.

נאָרא. — אין דעם גלויב איך מעהר ניט. איך דיינק אז פריהער פאַר אלץ דארף איך זיין א מענש, אזוי פיעל מענש ווי דו ביזט. צום וועניגסטען וועל איך שטרעבען צו דעם.



קאַרל מאַרקס צו אייבראַהאַם לינקאָלן.

.1818—1883

בעגרינדער פון וויסענשאַפטליכען סאָציאליזם.

אַז אָליגאַרכיע, אַ באַנדע פון דריי הונדערט טויזענד שקלאַפען־אייגענטהימער האָט צום ערשטען מאָל אין דער וועלט־געשיכטע געהאט די העזה אויפצוהויבען די פאָהן פון אַ בעוואַפענטען אויפשטאַנד אין דעם נאָמען פון שקלאַפעריי און אונטערדריקונג.

גענויע הונדערט יאָהר צוריק האָט אויף דער זעלבער ערד אויפגעבליהט די אידעע פון דער ערשטער גרויסער דעמאָקראַטישער רעפובליק. אויף דער זעלבער ערד איז דאָן פערעפענטליכט געוואָרען די ערשטע „דעקלאַראַציע פון דעם מענשענ׳ס רעכטע“. און אין דעם זעלבען לאַנד איז דאָן געגעבען געוואָרען דער ערשטער שטויס דער אייראָפּעאישער רעוואָלוציאָן פון 18־טען יאָהרהונדערט.

אַט ווען אויף דיעזער ערד האָט די קאָנטר־רעוואָלוציאָן אָהן בושה און חרפּה פערעפענטליכט פאַר דער וועלט, אַז לייב־אייגענטום און שקלאַפעריי איז דער ווינקעל־שטיין פון דיעזען נייעם בנין, האָט דער אַרבייטער־קלאַס אין אייראָפּאַ גלייך פערשטאַנען, אַז דער בונט פון אָט די שקלאַפען־אייגענטהימער איז דער קריגסרוף צו אַן אַלגעמיינער הייליגער מלחמה פון אייגענטום געגען אַרבייט. מיר, אַרבייטער, האָבען אויך פערשטאַנען, אַז אין דיעזען מורא׳דיגען צוזאַמענשטויס אויף יענער זייט אַטלאַנטיק זיינען איצט געשטעלט אין שפּיעל אַלע האָפענונגען אונזערע אין דער צוקונפט צוזאַמען מיט אַלע נצחונות אונזערע אין דער פערגאַנגענהייט.

די רעוואָלוציאָן און איהרע געגנער

פון ראָבעספיערס׳ם אַ רעדע

(1758—1794)

איינער פון די בעריהמטעסטע אָנפיהרער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן איז אומגעקומען אויפ׳ן עשאַפאָט.

די רעוואָלוציאָן איז א מלחמה פון דער פרייהייט געגען איהרע שונאים.

די רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג האָט אויף זיך אַ חוב צו פערטהיידיגען מיט אַלע קרעפטען פון דער נאציאָן די גוטע בירגער פון לאַנד. די רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג האָט אָבער אויך אַ חוב צו פערניכטען דורך טוידט די שונאים פון פאָלק.

די וועלכע רופען די רעוואָלוציאָנערע געזעצען טיראַניי אָדער ווילקיר זיינען לעכערליכע פלפול־מאַכער (סאָפיסטען) און מישען צוזאַמען פייער מיט וואַסער. זיי ווילען די זעלבע הערשאַפט פאַר קריעג און פריעדען, פאַר אַ געזונטען און אַ קראַנקען. אָדער בעסער געזאָגט: זיי ווילען דאָס אויפלעבען פון טיראַניי און דעם טויט פון דעם פאַטערלאַנד. זיי זיינען נור ניעדריגע מערדער, וועלכע ווילען דער׳הרג׳ענען די רעפובליק אין איהר ווינעלע.

אינ׳ם אויער גליהט...

יהואש.

אינ׳ם אויער גליהט דיין פלאמיג ווארט: —
„ווען ס׳וואלט א מלאך מיר געבראכט
דעם קעמפפער׳ס גורל אין איין האנד,
דעם קעמפפער׳ס נויט און טויט אין שלאכט,

און אין זיין צווייטער וואלט געווען
א וואונדערבארער שלאף־געטראנק,
און ס׳וואלט דער מלאך מיר געזאגט:
קלייב אויס, וואס ווילסטו צום געשאנק —

צי ווילסטו פאלען פעכטענדיג
פאר דורות ניט געבארען נאך,
דיין איצטער אבגעבען, כדי
די צוקונפט פריי זאל זיין פון יאך,

צי ווילסטו איינגעמען דעם טראנק
און דורכשלאפען דעם גרויסען קריג
און אויפשטעהן, ווען די נייע וועלט
געניסען וועט די פרוכט פון זיעג? —

איך וואלט זיך ניט צומאל בעקלערט,
איך וואלט דעם שלאף־טרונק ניט פערזוכט,
איך וואלט געזאגט: גיב מיר די שלאכט,
גיב אנדערע פון קאמפף די פרוכט.

דאַנטאָן

(1759—1794)

בעריהמטער פיהרער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. אומגעקומען אויפ׳ן עשאַפאָט אין 1794 צוזאמען מיט קאַמיל דעמולען און אַנדערע, לויט די בעשולדיגונג פון ראָבעספיער׳ן.

1

פון אַ רעדע געהאַלטען אינ׳ם קלוב פון די יאַקאָבינער.

שוין אַ צייט, ווי דאָס פאָלק באָדט זיך אין טרעהרען, דאָס זעלבע פאָלק וואָס האָט מיט זיין בלוט געקעמפפט פאַר דער פרייהייט און וואָס האָט כמעט גאָרניט געקראָגען דערפאַר.

די קרעמער און די רייכע האָבען געוואָלט די רעוואָלוציאָן, כדי זיך צו בענוצען מיט די פריווילעגיען פון דעם אדעל און נלחים און כדי צו פערכאַפען זייערע גיטער. אויף אַזאַ אופן האָבען זיי אָנגעראַבעוועט זעקס מיליאַרד. גוט! זאָלען זיי איצט וויסען, אז אויב זיי וועלען ניט בעצאָהלען דעם חוב פון לאַנד אויב זיי שפּארען זיך איין און ווילען ניט ארונטערלאָזען די שרעקליכע פרייזען אויף עסענווארג, אויב די „סאַנ־קיולאָטען" (די וואָס זיינען אָהן הויזען, די אָרימע) וועלען ניט האָבען זייער חלק אין דער רעוואָלוציע, וועלען מיר אָנהויבען פון דאָס ניי אַן אַנדערע רעוואָלוציאָן געגען די רייכע און די פינאַנסיסטען.

(שטורמישע אַפּלאָדיסמענטען אויף די טריבונען. די פּאַריזער מאסע שרייט: „עס לעבע דאַנטאָן!")

2

פון א רעדע אין קאָנוועגט דעם 27טען מערץ 1793.

מען דאַרף גלייך ערקלעהרען אין די פּראָווינצען, וואו ס'האָט זיך בעוויזען די קאָנטר־רעוואָלוציאָן, אַז יעדער איינער וועלכער וועט צו איהר צושטעהן וועט בלייבען אויסער דעם געזעץ. אין רוים האָט וואַלעריוס פּובליקאָלאַ געהאַט דעם מוטה צו פאָדערען טויט־שטראָף פאַר די אָנהענגער פון טיראַניי. אַזוי ווי אויף די גאַסען און די עפענטליכע פּלעצער הערען זיך קללות געגען די פּאַטריאָטען, אַזוי ווי אין די טעאַטערען אַפּלאָדירט מען ווערטער, וואָס האָבען א שייכות מיט דעם אומגליק פון דעם פאַטערלאַנד, ערקלער איך אַז איך וועל מיט מיין אייגענער האַנד דער'הרג'ענען די שונאים פון פרייהייט, אפילו איך זאָל וויסען, אַז איך דאַרף דערפאַר געהן אויפ'ן עשאַפאָט...

איך פאָדער, אַז אין דער גאַנצער רעפּובליק זאָל יעדער בירגער האָבען א פּיקע אויפ'ן חשבון פון פאָלק. איך פאָדער אַז דער אויסעראָרדענטליכער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל (געריכט) זאָל זיך נעהמען צו דער ארבייט; איך פאָדער, אַז דער קאָנוועגט זאָל ערקלערען דער פראַנצויזישער נאַציאָן, אייראָפּאַ, דער וועלט, אַז ער איז א רעוואָלוציאָנערע קערפּערשאַפט, אַז ער איז גרייט אויפצוהאַלטען די פרייהייט מיט יעדען פּרייז, אַז ער איז גרייט צו דערשטיקען די שלאַנגען, וואָס צורייסען די ברוסט פון דעם פאַטערלאַנד.

זייט רעוואָלוציאָנערען! זייט האָס פאָלק! און די פרייהייט איז אויסער געפאַהר.

וועגן בעשיידענהייט

פון לאַפקאַדיאָ הוירן

(1850—1904)

אַמעריקאַנער שרייבער, ליטעראַטור־קענער און ערפאָרשער פון יאַפּאַן.

איהר וועט מיר מוחל זיין, אויב איך וועל ארויסטרעטן געגען דעם בעריהמטען און פון אלע מען בעוואוסטען לאַטיינישען שפּריכוואָרט, „האָס זיכערסטע איז צו געהן אין מיטען“. ריידענדיג וועגען די צוויי פערשיעדענע טענדענצען אין ליטעראַטור האָט איהר געקענט ערוואַרטען, אַז איך וועל ראַטהען דעם סטודענט, ער זאָל אויסמיידען עקסטרעמען און אַז ער זאָל זעהן ניט צו זיין ניט צו פיעל ליבעראַל, ניט צו פיעל קאָנסערוואַטיוו. איך וואָלט אָבער קיינמאָל און אויף קיין אופן ניט געגעבען אזא עצה מיינע סטודענטען. אים געגענטהייל, איך דענק, אַז דער אויבענגעבראַכטער שפּריכוואָרט וועגען „גילדערנעם מיטען“ איז דער שעדליכסטער, וועלכען די וועלט האָט ווען עס איז געשאַפען. איך גראַדע האַלט זעהר שטאַרק פון עקסטרעמען — פון געוואַלד־עקסטרעמען און איך בין גאַנץ זיכער, אַז דער גאַנצער וועלט־פּראָגרעס אין רעליגיאָן, ליטעראַטור, וויסענשאַפט, פּאָליטיק, קונסט און ז. וו. נעהמט אָבער אין אנבעטראַכט, וואָס פון עקסטרעמיטעטען. נעהמט אָבער אין אַנבעטראַכט, וואָס איך זאָג — „מיט דער הילפע“. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מיט עקלטרעמען א ל י י ן קען מען דערגרייכען דעם ציעל. ס'מוז זיין געגענזעצליכקייט, היפּוכים, אַנטאַגאָניזם, אָבער אין דער זעלבער צייט דאַרף אויך עקזיסטירען דער קאָנסערוואַטיזמוס, די צוריקהאַלטונג, די סאָלידאַריטעט. דער טעות

אין שפּריכוואָרט וועגען געהן און זיצען אין מיטען איז א זעהר שלעכטע עצה פאר א יונגען מאַן. דאָס הייסט אייגענטליך איהם זאָגען, אז ער זאָל ניט טהאָן דאָס בעסטע, נאָר א העלפט פון דאָס בעסטע, אין אַנדערע ווערטער, ווערען א קאַלטער לונג־און־לעבער אין אַלע טהאַטען. דאָס פּאַסט פאר אַן אַלטען אויסגעוועבטען מאַן, אָבער ניט פאר א יונגען מענשען פול מיט קראַפט און ווילען. און אָט פארוואָס ניט די אַלטע, נאָר די יונגע זיינען דאָס געווען די גרויסע רעפאָרמאַטאָרען — די אַלטע זיינען צו פאָרזיכטיג, צו קלוג. רעפאָרמען זיינען דורכגעפיהרט מיט די געזונדטע, שטרעבענדע קראַפט פון די יונגע, מיט זייער דרייסטען קוראַזש, מיט די איבערצייגונג פון זעלבסט־אויפאָפּפערונג. זיי ווייסען נאָך ניט גענוג מורא צו האָבען און זיי פיהלען מעהר ווי זיי דענקען. אין דער אמת'ען, גרויסע רעפאָרמען זיינען דורכגעפיהרט ניט מיט'ן קאָפּ, נאָר מיט'ן האַרצען.

אין קאַמפּף

פון ד. עדעלשטאַט.

מיר ווערען געהאַסט און געטריבען,
מיר ווערען געשלאָגען, פערפאָלגט, —
און אַלעס דערפאַר, וואָס מיר ליעבען
דאָס אָרימע שמאַכטענדע פאָלק.

אָבער אונז וועט ניט דערשרעקען
געפענגעניש און טיראַניי;
מיר מוזען די מענשהייט דערוועקען,
און מאַכען זי גליקליך און פריי.

שמידט אונז אין אייזערנע קייטען,
ווי בלוטיגע חיות אונז רייסט;
איהר וועט אונזער קערפּער נור טויטען,
דעם קערפּער, — קיינמאָל ניט דעם גייסט!

אין פריהלינג

פון מ. אַלגין.

דער פריהלינג איז געגאנגען, געשאָטען מיט בלומען, געוועבט זונענשיין צווישען הימעל און ערד, געגלעט, געהאלובעט די וועלט מיט ווייכע שמעקעדיגע ווינטלעך — די וועלט איז ווידער געווארען יונג.

די ערד האָט זיך געדויכערט, ווי א מזבח. ווייכע וואָלקענדלעך פלעגען זיך הויבען פון איהר, שווימען אין בלויען רוים און צוגעהן — און דערפון פלעגט די לופט ווערען נאָך ריינער און קלאָרער. פאסען גאָלד האָבען זיך געצויגען פון איין וועלט ביז דעם צווייטען, און ביינאַכט פלעגען פלאַטערען חלומות אין דער לופטען און זינגען און ציהען דאָס הארץ.

דער פריהלינג־ווינט האָט אַריבערגעשפאַנט דעם הויכען פארקען מיט די שטעכיגע טשוועקעס, אריבערגעשוואומען דעם ברייטען גרויען הויף, אריין דורך די פערזשאַווערטע גראַטעס צו אונז אין די קעמערלעך און דערוואָרימט די פערגליווערטע שטילקייט. דאָס הארץ האָט אָנגעהויבען קלאַפען מיט נייעם כח.

מיר זיינען געוועןן יונג. אונזער הארץ האָט נאָך פריהלינג געלעכצט. דער געדאַנק האָט אַרומגענומען וועלטען. מיר האָבען געוואָלט אהין — אהין צו אונזערע ברידער, וואָס בויען דאָס לעבען...

אונרוהיג איז געוואָרען די טורמע. אין דער שטילקייט פלעגען זיך ציהען אונזיכטבארע פעדים פון איין קאמער צו דער צווייטער. עפּעס האָט פיבערהאַפט אַרומגעשוועבט אין דער לופטען. ביינאַכט פלעגט די פינסטערניש זיין פול מיט א שטילען, איינגעהאַלטענעם קלאַפּען. אַקוראַט ווי טויזענטער קליי־

ניגקע העמערלעך האָבען עפּעס געשמידט בסוד־סודות: טאָק־טאָק! טאָק־טאָק־טאָק!

דער ערשטער מאי איז געקומען אַלעמאָל נעהענטער. א ו נ־ז ע ר יום־טוב! דער טאָג פון פרייהייט און ליכט. מיר האָ־בען זיך געגרייט.

* * *

אין דער נאַכט פאַר דעם ערשטען מאי האָט יעקב געהאַל־טען זיין רעדע. מיר אַלע זיינען געשטאַנען נעבען די פענסטער־לעך און געהערט.

די נאַכט האָט פערגאָסען הימעל און ערד מיט איין טונקעלן ים. די שטילקייט האָט גערוהט אין אַלע ווינקעלעך און ס'האָבען זיך געוויגט אין איהר די קלאָרע, ריינע קלאַנגען, און געשוואו־מען ערגעץ ווייט.

יעקב האָט גערעדט. זיין סאַמעטענער קול איז געוועז טיעף און העל און געשפּרייט זיך איבער דעם פינסטערען הויף און ארומגענומען דעם בנין געגענאיבער. דאָרט, אויפ'ן אַנדערן עק הויף, איז געווען די פרויען־טורמע. קיין ליכט איז אין די פענ־סטער נישט געווען, קיין שאָרך איז נישט אריבערגעקומען צו אונז, נאָר מיר האָבען, דאַכט זיך, געהערט דעם איינגעהאַלטענעם אָטעם פון אונזערע געפאַנגענע שוועסטער, געזעהען, ווי עס בלי־צען אין דער פינסטער זייערע אויגען.

די שטערען האָבען געפינקעלט אויפ'ן טיעף־בלויען הימעל. די ווייכע נאַכט האָט ארומגענומען די טורמע און געהערט.

יעקב האָט גערעדט מיט זיין הארציגען קול. פון ליעבע, פון לעבען, פון ליכטיגער פרייהייט, פון אייביגען שלום האָט ער גערעדט אין דער פער־חלום'טער פריהלינג־נאַכט. מיר זיינען געשטאַנען יעדערער אין זיין שטייגעל, צוגעדריקט דעם שטערען צום קאַלטען אייזען פון די גראַטעס, און געדאַכט האָט זיך אונז: פערשוואונדען די גראַטעס, פערשוואונדען די טורמע. נישטאָ שוין קיין טורמעס, נישטאָ שוין קיין קייטען, קיין ליידען, קיין טרערען, קיין ביטערער יאוש, קיין פּיין; יונג איז די ערד און

ליכטיג און שיין, ווי אַ קינד אין פריה־מאָרגען. און די מענ־שען זיינען יונג און פול מיט לעבענס־קראַפט. אַ פרייד בליצט פון די אויגען, אַ פרייד אין די ליעבע געזאַנגען; אַ פרייד איז די אַרבייט, דאָס שאַפען, די רוה. און מענשען־ברידער שמידען ליכטיגע געדאַנקען און בויען פון זיי אַ לייטער און שטייגען צום הימעל אַרויף...

מיר האָבען אַלע געהערט. פאַר אונזערע אויגען זיינען וואונדער געשעהען. אינמיטען דעם פינסטערען הויף, אַט דאָ גלייך פאַר אונזער טורמע, האָט אַ פייערדיגע זייל זיך געהויבען, געוואַקסען, געוואָרען העכער, רויטער, גליהענדער, געשאָטען פונ־קען אין אַלע זייטען, געטריבען די נאַכט און געלעגט אַ פורפור־רויטען אָבגלאַנץ אויף די ווענט פון דער טורמע.

יעקב האָט גערעדט. דער גרויסער טאָג פון בעפרייאונג האָט געלויכטען אין זיינע קלינגענדיגע ווערטער.

— עס וועט קומען די גרויסע מלחמה. אין פייער און פלאַם וועט דער מענש פון אַרבייט בעשאַפען די נייע וועלט. אין פייער און פלאַם וועט אויסגעברענט ווערען דער זשאַווער, דער שימעל, דער שמוץ פון דעם לעבען. דער מענשליכער דור וועט אַראָבוואַרפען פון זיינע פליגעל די בלייערנע משא, און פריי און ריין וועט אַרויס פון דעם קערקער זיין שאַפענדער גייסט...

די נאַכט איז געלעגען פערטרוימט איבער אונז. ווי ליכטי־גע פאַסען האָבען זיך געצויגען אין דער פינסטער די רייד פון קאַמפף און בעפרייאונג.

* * *

און אויף מאָרגען, דעם ערשטען מאַי, איז דער הימעל גע־וועזן לויטער און די זון לאַכענדיג און די לופט ווי אָבגעוואַשען, און אויף די ווענט פון אונזערע קעמערלעך האָבען געשפּיעלט זיך, געשטיפט און געטאַנצט ליכטיגע קליינינקע זון־פלעקען. צעהן אַ זייגער זיינען מיר שוין אַלע געווען נעבען די פענסטער, געקוקט אין הויף אַריין און געוואַרט.

די הערצער האָבען געקלונגען מיט גרויסע גלעקער. דאָס

בלוט אין די אדערן האט גערוישט און געהאמערט, דער יום־טוב איז געקומען. היינט איז א ו נ ז ע ר טאג. היינט װעלען מיר װייזען, אז אייזערנע גראטעס און שטאהלענע שלעסער קע־נען נישט פערשמירען דעם מענשענ׳ס נשמה, װאס רייסט זיך צו לעבען און ארבייט.

צעהן א זייגער איז די פרויען־טורמע ארוים שפאצירען אין הויף. די פרויען פלעגען שפאצירען אלע צוזאמען — װייל די װעכטער האבען זיי נישט גערעכענט פאר אזוי געפעהרליך, װי אונז. זיי פלעגען אויך האבען מעהר פרייהייט אין די װענט פון דער תפיסה. געהענדיג שפאצירען אין דעם קלענערען הויף אריין, פלעגען זיי דורכגעהן יעדען טאג גאר נאהענט נעבען דעם טויער, װאו מיר זיינען געזעסען.

היינט האבען זיי זיך אלע מיט אמאל אבגעשטעלט פאר אונזערע פענסטער, װי ס׳איז געװען אבגערעדט פון פריהער. די צװיי װעכטער זיינען אויך געבליבען שטעהן, צומישט, אונ־ענטשלאסען. פון ערגעץ האט מען אויסגערופען: חברים! אין איין רגע איז א הייסער שטראם דורכגעלאפען איבער דער גאנ־צער טורמע און געמאכט אונז אלעמען פאר איינס. איין װיי־לען, איין געדאנק, איין הארץ־קלאפען אין הונדערט אבגעצוימטע שטייגלעך. איין קאכיגער, פיבערהאפטער ענטשלוס. אט הא־בען די פרויען שוין אויפגעהויבען א רויטע פאהן. פון יעקב׳ס קאמער האט זיך ארויסגערוקט אויף א לאנגען שטעקען א צװיי־טע. אונזער יום־טוב...

שטימען רופען... עמיצער א גרויסער רייסט ארוים פון די פיעלע פענסטערלעך א גאנצע מחנה געשרייען און שליידערט זיי האסטיג אין הויף אריין. און די געשרייען, אויסגעמישטע, פערפלאנטערטע, שפרינגען אויף, דערהויבען זיך צוריק און שטוי־סען זיך אן אן אונזערע װענט. עפעס האט געפלאצט א מחיצה, עפעס א טייך האט זיך ארויסגעריסען פון זיינע ברעגען מיט א רעש און א ברומען. און שוין הויבט זיך פון צװישען דער צו־

רודערטער מחנה געשרייען א ליעד, א גלאטס און א מוטיגס און א שיינענדיגס...

די טורמע זינגט. די גאנצע טורמע איז געווארען איין ריעזיגע הארפע. פון אלע פענסטערלעך גיסען זיך טענער, שליסען זיך צוזאמען, הויכע און נידעריגע, העלע און מאטע, נעהמען זיך ארום און פליהען ווייטער — אין דעם העלען רוים פון דעם פריהלינגס־פריהמארגען. א האפנונג גלאנצט און שימערט, ווי א רעגענבויגען, און ווי די וואלקען הינטער דעם רעגענבויגען פיהלט זיך הינטער די מוטיגע טענער בעהאלטען א שטילער אומעט, א לאנגאנענדיגער וועהטאג.

אונזער יום טוב אין תפיסה. אונזער פרייהייטס־ליעד אין די קראלען פונ׳ם שונא!

שוין רוקט ער זיך, דער שונא, פון אלע זייטען. א ראטע סאלדאטען איז אריין אין הויף און פערנומען איהם פון דריי עקען. אין קארידאר הינטער אונזערע פלייצעס הילכען שווערע, האסטיגע טריט פון א סך מענשען. ערגעץ שפיעלט א טרומייט א סיגנאל.

די מיידלעך אונטען שטעהען און זינגען. אין העלע יום־טוב־דיגע קליידער און מיט רויטע שלייפלעך אויף דער ברוסט זעהען זיי אויס ווי פערבלאנדזשעט אהער אין הויף אריין פון אנ׳אנדערער, א לעבעדיגער וועלט. די פאהן פלאטערט, די אויגען לייכטען. אונזער געזאנג וואקסט און ווערט הייסער. נאך איין מינוט, נאך איין קורצע מינוט.

מען געהט שוין. שווערע, אומדערבארעמדיגע טריט. הילכיגע, טרוקענע קאמאנדא־רופען. עס קומט שוין.

מיר זינגען. זאל זיין, וואס עס וויל. די מינוט געהערט נאך אונז. מיר פיהלען, מיר שטרייטען — ס׳זאל לעבען דער יום־טוב! ס׳זאל לעבען דער ליכטיגער פריהלינגס־פריהמארגען!

אין דער נעקסטער קאמער גרילצט שוין דער שלאס. דער שונא איז דא.

ס׳זאל לעבען דער יום־טוב!

ווי דאָס רוישען און דאָס ברומען פון אַ שטורעמדיגען ים

פון י. סלאָנים.

געבאָרען אין 1884, אין אַ שטעדטעל פון גראָדנער גוב. געבראַכט קיין אַמעריקע ווען צוויי יאָהר אַלט. דיכטער.

מיט געקלאַנגען און מיט שטורם,
מיט אַ מוטיגען : הורראה !
ווי דאָס רוישען און דאָס ברויזען פון אַ שטורעמדיגען ים,
ווי דאָס ברילען און דאָס קראַכען פון אַ שטאַרקער דונער־פּלאַם,
הערט זיך העלדיש דער געשריי !
שנעל !... עס נעהמט אַן ענד צום וועה !
שנעל מאַרשירען מיר, פערלאָזענדיג דעם גיהנם פון אַמאָל,
געהען קעמפּפען פאַר דער פרייהייט אין מיליאָנען מאסען צאָל.

ווי אַ שטורעם־ווינד אין מדבר,
ווי אַ הונגער־לייבינס קול
הערט אין לופט זיך אַ גערודער, הערט אין לופט זיך אַ געשריי,
און עס פלאַטערען נשמות פון דעם שטורמישען אַ וועה —
אַ, וועה אייך, טיראַנען אַלע, איהר די פיהרער פון דעם לאַנד :
דורות זיינען מיר ווי קנעכט געווען געשמידטע צו דער שאַנד,
דורות האָבען מיר געאַרבייט נור פאַר אייך און פאַר דעם טויט,
און געבוקט זיך מיט הכנעה פאַר אַ שטיקעל ווייסטען ברויט.
דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל !
איצטער קלינגט דער פרייהייט'ס קול,
און מיר זיינען פרייע קעמפּפער און מיר שפּרייזען איצט צום שלאַכט,

צו בעפרייען שקלאפען־מענשען און פערטאגען וויים די נאכט.
ווי די וועלען ניאגארא'ס,
ווי וועזוואווי'ס ווילדע מאכט,
הערט א קול זיך: יא, מיר שפרייזען צו דעם גרויסען וועלטען־
קאמפף,
מיר, וואס שמידען און וואס בויען און וואס ארבייטען מיט
דאמפף,
מיר, די שפינער און די וועבער און די שניטער און די זייהער,
מיר, די שאפער פון דעם לעבען נאך פון טויזענד יאהרען פריהער,
שפרייזען מוטיג יעצט ארויס
פון די וועלטען־ווינקלען גרויס
אום צו קעמפפען און צו פאלען און צו זיגען אין דער שלאכט
און בעפרייען גאר די מענשהייט און פערטרייבען וויים די נאכט.

דאָס לאַנד פון קולטור

פון פריעדריך ניעטשע.

צו ווייט בין איך פערלאָפען און דערשראָקען זיך, בין איך געלאָפען צוריק אהיים, צו אייך, איהר מענשען היינטיגע, אינ'ם לאַנד פון קולטור.

און א קוק געטהאָן האָב איך אויף אייך, ווי עס דאַרף צו זיין, מיט גוטע כונות: וואָהר־האַפטיג, מיט א טרויער אין הארצען בין איך געקומען צו אייך.

אָבער וואָס איז געשעהן מיט מיר? ווי שרעקליך עס איז ניט געוועזן, — האָב איך געמוזט צולאַכען זיך. קיינמאָל האָט נאָך ניט געזעהן מיין אויג עפּעס בונטערעס.

מיט פּנים'ער אָנגעפאַרבטע אין צעהנדליגער פאַרבען זייט איהר געזעסען, מענשען היינטיגע, און איך האָב זיך געוואונדערט אויף אייך.

און מיט צעהנדליגער שפּיגלען האָט איהר זיך ארומגערינגעלט, וואָס האָבען אייך גע'חנפ'עט און אייער פאַרבען־שפּיעל אימיטירט.

וואָהרהאַפטיג, ווען איהר ווילט פערמאַסקירען אייער פּנים, איהר מענשען היינטיגע, וואָלט איהר ניט געקענט זיך אויסקלייבען בעסערע מאַסקען, ווי אייערע אייגענע פּנים'ער! ווער קען אייך — דערקענען!

פערשריבען זיינען אייערע פּנים'ער מיט צייכענס פון דער פערגאַנגענהייט, און פערשמירט זיינען יענע מיט נייע צייכענס, אַזוי בעהאַלט איהר זיך פונ'ם פאַרשענדען אויג.

און איז איינער א פאָרשער, וואָס זעהט איינגעווייַדען, וואָס וועט ער זעהן?... ווער קען עס גלויבען, אַז איהר האָט איינ־

געווײדען? בעפארבטע זייט איהר און פון פאפירלעך צונויפ־געקלעבטע.

אלע פעלקער און צייטען קריכען ארויס פון אונטער אייערע געוואנדען: אלע זיטען און מיינונגען טאנצען ארום אין אייערע בעוועגונגען.

ווען עמיצער זאל אייך בעפרייען פון אייערע צודעקען, געוואנדען, פארבען און בעוועגונגען, וואלט איהר נאך אלץ גע־שראקען פויגלען.

וואהרהאפטיג, איך בין אליין א דערשראקענער פויגעל, וואס האט אמאל דערזעהן אייך נאקעטערהייט און ניט־געפארבט, און איך בין אוועקגעפלויגען, ווען דאס דאזיגע געשפענסט האט זיך מיר אנגעהויבען צו ערקלערען אין ליעבע.

און דאס פערביטערט מיינע אינגעווײדען, וואס איך קען ניט קוקען אויף אייך, סיי נאקעטערהייט, סיי אנגעטהאנענע, מענשען היינטיגע!

אלעס אונרוהיגע, אלעס צוקונפטיגע בערוהיגט מעהר די פערבלאנדזשעטע פעגעל, ווי אייער ווירקליכקייט.

אזוי זאגט איהר: מיר זיינען מענשען פון ווירקליכקייט אהן גלויבען און אבערגלויבען. — אזוי שטאלצירט איהר, ניט האבענדיג מיט וואס שטאלץ צו זיין.

מערדעריי

פון אויגוסט וואיאן.

פון זיין רעדע פאר דער פראנצויזישער קאמער 1894, איידער ער איז פעראורטיילט געווארען צום טוידט פאר א פאליטישען פערברעכען.

אה, מיינע הערען! ווען די הערשענדע קלאסען וואלטען געהאט דעם מוטה זיך ארײַבצולאזען צווישען די אונטערדריקטע! אבער ניין! זיי האלטען פאר בעסער, אז מען דארף פערשטאפען די אויערן, ווען עס הערען זיך די גערעכטע פאדערונגען פון די עקספלואטירטע. אפנים, אז זייער שיקזאל וועט זיין עהנליך צו דעם מזל פון די פראנצויזישע קעניגע, וועלכע זיינען אין 18טען יאהרהונדערט אריינגעווארפען געווארען אין אבגרונד פון פאלקס־כעס. ווייל וועה איז צו די, וועלכע בלייבען טויב צו די געשרייען פון די הונגעריגע! וועה איז צו די, וועלכע האלטען זיך פאר העכערע בעשעפענישען, וואס האבען כלומרשט די חזקה אויף צו עקספלואטירען די, וואס שטעהען אויף די ניעדריגע שטאפלען פון סאציאלען לייטער. ס'קומט א צייט, ווען דאס פאלק ווארפט אוועק דענקען און אורטיילען. ער הויבט זיך אויף ווי א שטורם־ווינד און מארשירט פארווערטס, ווי א שטראם. אה! דאן זעהען מיר פערבלוטיגטע קעפ ארויפגעזעצט אויף פלעקער...

די עקספלואטירטע, מיינע הערען, זיינען צוטיילט אויף צוויי גרופען. איינינע בעגרייפען ניט, וואס זיי זיינען און זיינען וויט פון פערשטעהן, וואס זיי וואלטען געקענט זיין. דאס לעבען נעהמען זיי אן, ווי א בעשערטע זאך. זיי גלויבען אז זיי

זיינען געבאָרענע שקלאַפען און שטעלען זיך צופרידען מיט דאָס ביסעלע, וואָס מען גיט זיי פאַר זייער אַרבייט. די אַנדערע, אין גאַנגענטהייל, דענקען, פרעגען, פאָרשען אויס און דעקען אויף סוף כל סוף אין זייער אומגעבונג די וואָרצלען פון דער סאָציאַ־לער אונגערעכטיגקייט.

זיינען זיי דען שולדיג, וואָס זיי זעהען און ליידען, זעהענ־דיג, ווי אַנדערע ברידער זייערע ליידען?

בלייבט פאַר זיי דער קאַמפף, אין וועלכען זיי וואַרפען זיך אריין מיט האַרץ און זעלע, ווערענדיג די פאָהנען־טרעגער פון די פערלאַנגען פון פאָלק.

איהר וועט, פערשטעהט זיך, זאָגען, אַז איך האָב געדאַרפט בעגרענעצען זיך מיט ריינוואַשען די פאָדערונגען פון פאָלק, אַז איך האָב ניט געדאַרפט אַרויסטרעטען מיט בעשולדיגונגען? גאַנץ גוט! אָבער וואָס קען מען מאַכען, ווען נור געשרייען קענען מאַכען די טויבע הערענדיג.

צו לאַנג האָט מען אונז געענטפערט מיט געפענגנים, הייג־גען און שיסען. האָט ניט קיין טעות! מיין אויפגעריסענע באָמבע איז ניט נאָר דער געשריי פון וואַיאַן דעם רעוואָלו־ציאָנער, נאָר דער בת־קול פון אַ גאַנצען שטאַנד, וועלכער וויל פערטהיידיגען זיינע רעכטע, און וועלכער וועט אין גיכען צו־געבען טהאַטען צו זיינע ווערטער. אומזיסט וועט מען געגען אונז געזעצען מאַכען. אידעען פון דענקער שטאַרבען ניט!

ס'וועט זיין ליכטיג...

פון ה. רויזענבלאט.

שוועבט א וואָלקען,
זאָל ער שוועבען;
וועבט ער בליצען,
זאָל ער וועבען.
ס'וועט זיין ליכטיג אויף די וועגען,
מען וועט קיינעם דארפען פרעגען,
וועלכען וועג מיר זאָלען געהן.

קנאַלט דער דונער,
זאָל ער קנאַלען;
פאַלט א מבול,
זאָל ער פאַלען.
אָ! ווי לוסטיג ס'איז דער וואנדער,
ווען דו הערסט, ווי ס'פאַלט פונאנדער
איבער דיר א דונער־קנאַל...

זאָלען שווארצע נעבלען ציהען,
זאָלען בליצען פלאַמען, גליהען,
זאָלען בייזע דונערס קנאַלען,
זאָלען מבול־רעגענס פאַלען,
ליכטיג, אָפען, אונז אנטקעגען
ליגען נייע, פרייע וועגען.

דער לעצטער מענש

פון פריעדריך ניעטשע.

און קוקענדיג אויפ'ן פאלק ארום איהם, האט זאראטוסטרא געטראכט אין הארצען:

מיט וואס רייסט מען אויף זייערע אויערען, זיי זאלען אויסלערנען זיך הערען מיט די אויגען? זיי האבען עפעס, מיט וואס זיי זיינען שטאלץ. וואס איז דאס אבער, וואס מאכט זיי אזוי שטאלץ אין זייערע אויגען? זיי גיבען עס א נאמען קולטור.

זיי האבען ניט ליעב צו הערען רעדענדיג וועגען פעראכטונג, וועל איך רעדען צו זייער שטאלץ.

און וועל דערצעהלען זיי פון דעם מיאוס'טען, וואס רופט ארוים עקעל און פעראכטונג, איך וועל זיי דערצעהלען וועגען דעם ל ע צ ט ע ן מ ע נ ש ע ן.

און געווענדט האט זיך זאראטוסטרא צום פאלק מיט אזעלכע רייד:

וועה אייך! עס קומט אן די צייט, ווען דער מענש וועט זיך שטעלען א לעצטען ציעל און ניט לאזען וועט ער די פייל פון זיינע פערלאנגען העכער פון'ם מענש.

איך זאג אייך: חאאס דארפט איהר אין אייער הארצען אויסטראגען, כדי צו געבירען דעם טאנצענדיגען שטערען. איך זאג אייך: נאך האט איהר חאאס אין זיך.

אבער וועה! עס קומט אן די צייט, ווען דער מענש וועט ניט געבירען מעהר קיין שטערען. וועה! עס קומט אן די צייט פון'ם ארימסטען מענש, וועלכער קען שוין ניט פעראכטען אפילו זיך אליין.

זעהט! איך דערצעהל אייך פון'ם ל ע צ ט ע ן מ ע נ ש ע ן.

דער לעצטער מענש פרעגט: וואס איז ליעבע? ציעל? און וואס איז שעפפערישע קראפט און א שטערען? אזוי פרעגט ער און פינטעלט מיט די אויגלעך.

קליין איז די ערד געווארען, און אויף איהר שפרינגט ארום דער לעצטער מענש, וואס מאכט אלעס קליין: זיין געשלעכט איז ניט אויסצוראטען, ווי די ערדישע לייז; דער לעצטער מענש האט מעהר יאהרען פון אלע.

— מיר האבען דאס גליק אין האנד, זאגען די לעצטע מענשען און פינטלען מיט אויגען.

זיי אנטלויפען פון קאלטע לענדער: זיי ווילען, עס זאל זיי זיין ווארם. זיי האבען ליעב איינער דעם אנדערען. רוקען זיך איינער צום אנדערען; זיי ווילען עס זאל זיין ווארם.

פון צייט צו צייט נעהמען זיי איין אביסעל גיפט; דאס איז גוט צום שלאף און רופט ארויס אנגענעהמע חלומות, און ענדליך נעמען זיי איין אביסעל מעהר גיפט, עס זאל זיין לייכט און אנגענעהם צו שיידען זיך פון דער וועלט.

אלע זיינען קלוג און ווייסען אלעס! שמייכלען זיי זיך צו; זיי צוקריגען זיך אמאל, אבער ווערען גיך שלום — זיי ווילען ניט פערדערבען זייער מאגען.

זיי האבען זיך זייער קליינע טאג־פערגניגען און זייערע קליינע נאכט־פערגעניגען, אבער געזונדהייט איז העכער פון אלע־מען אין דער וועלט.

— מיר האבען דאס גליק אין האנד — זאגען די לעצטע מענשען און פינטלען מיט די אויגען.

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא.

אַ טאָג צווישען טעראָריסטען

פונ'ם ראָמאַן: „דער רויטער און ווייסער טעראָר" (אין ענגליש)

פון אַב. קאַהאַן.

בעוואוסטער זשורנאַליסט און בעלעטריסט. געבאָרען 1860 אין פּאָדבער־
רעזע, ווילנער גוב. געקומען קיין אַמעריקא אין 1882; האָט אָנ־
געהויבען צו שרייבען אין 1884 און האָט פערעפענטליכט
זיין ערשטע ערצעהלונג אין ענגליש אין 1896.

וין א וואָך צייט איז פערגאַנגען, זייט פּאוועל האָט זיך דערוואוסט פון צייטונגען וועגען דעם טויט פון מאַלינקא, מיידאַנסקי און דראָביאזקין. ער האָט ניט געקענט פער־זענליך די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערען, און דאָך האָט ער ניט געקענט קומען צו זיך פון'ם אהנמעכטיגען צאָרן, וועלכער האָט געשטיקט זיין זעעל.

פּאוועל איז ארומגעגאַנגען איבער'ן צימער אַן אויפגערעג־טער; ער האָט געטראַכט וועגען נקמה. געוואוסט האָט ער, אַז אַן אַטענטאַט אויפ'ן קייזער ווערט אָרגאַניזירט און איהם איז פיבעריש גוט געוואָרען אויפ'ן הארצען פון'ם געדאַנק, אַז ער האָט אין די טאַשען פון זיין פּאַלטאָ עפּעס אַזוינס, וואָס קען צוניץ קומען די טעראָריסטען.

פּאוועל האָט בעשלאָסען צו געהן; אין'ם דינאַמיט ווערק־שטאַט האָט מען געוואַרט אויף איהם. די אַרבייט אין'ם ווערק־שטאַט האָבען געטהון צוויי מענשען, וואָס האָבען זיך פערשריי־

בען אלס מאַן און ווייב. זי איז געווען אַ גלח'ס אַ טאָכטער, אָבער זי האָט אויסגעזעהן, ווי אַ פרוי פון פאָלק און האָט זיך געקליידט איינפאַך, ווי איינע פון פאָלק — דאָס איז געווען אַ העל־בלאָנדע, נידריגע, דיקע פרוי מיט אַ רויהען אָבער אנגע־נעהמען געזיכט. אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזען האָט זי גע־הייסען באַסקאַ. איהר כלומרשט'יגער מאַן איז געווען איינער פון די בעסטע כעמיקער פון דער טעראָריסטישער פאַרטיי; גערופען האָבען איהם חברים גרישאַ.

— גוט מאָרגען, פּאַוועל, — האָט באַסקאַ אויסגערופען מיט פרייד, הארציג דריקענדיג פּאַוועל'ן די האַנד, האַלטענדיג אין דער אַנדערער האַנד אַן אָנגעצונדענע סיגאַרעט. — גוט, וואָס איהר זייט געקומען! איך האָב פיינד צו פריהשטיקען אליין. גרישאַ האָט ווייטער שווערע קאָפּשמערצען, דער אָרימער יונג. אָבער, איך זעה, איהר האָט אויך אַ פערקלאָגט פּנים. וואָס איז מיט אייך?

פּאַוועל האָט איהר איבערגעגעבען דאָס דינאַמיט־פּעקעל און דערביי געשמייכעלט טרויריג. ער האָט ניט געהאַט קיין מוט צו פערדערבען איהר גוטע שטימונג, און זי האָט געהאַלטען אין איין לאַכען און שפּרינגען.

פּלוצלינג איז אריינגעגאַנגען גרישאַ, אַ קרענקליכער, אַן אויסגעדאַרטער. פון זיינע הענד איז די הויט אָבגעקראָכען, שרעקליכע קאָפּ־שמערצען האָבען איהם אָפּט געמאַטערט, און ער האָט זיך ווידער געטהון זיין געפעהרליכע ארבייט, איינגע־אָטעמט דעם גיפטיגען ניטראָ־גליצערין און „געקנאַטען" די־נאַמיט מיט הוילע הענד.

גרישע האָט געפּרואווט שמייכלען.

באַסקאַ האָט דערצעהלט וועגען זייערע נייעס: ערשט נעכ־טען האָט דעם הויז־וועכטער'ס ווייב איהר געגעבען אַ זאַלב, איהר „מאַן" זאָל זיך דערמיט שמירען די הענד. שרעק האָבען זיי געהאַט אויך די טעג: פּלוצלינג האָט זיך דער ניטראָ־גלי־

צערין אויפגעריסען און דאס גאנצע הויז איז אנגעפילט געוואָ־רען מיט רויך.

פאוועל'ן האט אויפגערעגט באסקא'ס פרעהליכקייט. וואס מעהר ער האט געקוקט אויף איהר, ווי זי טרינקט זיך געמיטליך טעע און עסט די זעמעל און פלאפעלט פרעהליך, האט זיך איהם אלץ שטארקער געגלוסט פערשטערען איהר די פרייד. איהם האט שאקירט, וואס זי איז אזוי פרעהליך, ווערהענד די געשטאל־טען פון די דריי אויפגעהאנגענע חברים האבען איהם ניט גע־לאזט רוהען.

— איהר ווייסט, ווייזט אוים, ניט, וואס ס'טהוט זיך אויף דער וועלט, — האט ער צורייצט געזאגט. — מאלינקא, מיי־דאנסקי און דראביאזקין זיינען אויפגעהאנגען געוואָרען.

— אויפגעהאנגען? — האט באסקא איבערגעפרעגט, ווע־רענדיג בלייכער און בלייכער.

פאוועל האט געלעזען דעם קורצען צייטונגס־בעריכט, זי האט געהערט און איהר קאפ איז געפאלען אהנמעכטיג אויפ'ן טיש. איהר שטארקער קערפער האט קאנוואולסיוו געציטערט.

— בערוהיגט זיך, בערוהיגט זיך, — האט גרישא געבעּ־טען, דערלאנגענדיג איהר א גלאז וואסער.

באסקא'ן איז ניט לייכט געווען איינצוגעוועהנען זיך מיט'ן געדאנק, אז די גוטע חברים, וועלכע זי האט פערזענליך געקענט, זיינען מעהר נישטא צווישען די לעבעדיגע.

* * *

זאכאר האט גענומען א טראמוואי, וואס פיהרט אין דער נאכבארשאפט פון'ם ווינטער־פאלאץ; א פערטעל שעה איז ער געווען אין וועג, איז אביסעל ארומגעגאנגען איבער די גאסען, וואס זיינען בעגאסען געווען מיט'ן שיין פון דער לבנה. איהם איז געגאנגען אנטקעגען א הויכער מענש, וואס איז געווען גע־קליידט, ווי א בעל־מלאכה. ער האט געהאט אן אויסדרוקספולען

קרענקליכען געזיכט, וועלכען דער ווייסער לבנחשיין האט צו־געגעבען א געשפענסטערהאפטען אויסזעהן.

— ווי איז דיין געזונד? — האט זאכאר געפרעגט.

— שלעכט, — האט געענטפערט דער קרענקליכער מענש, אויסשטרעקענדיג זיין האנד, אין וועלכער זאכאר האט אריינ־געלעגט א פעקעל טאבאק, בעמערקענדיג:

— אביסעל צו שווער פאר א פערטעל פונט, הא?

— יא, אבער ס'וועט דורכגעהן, — האט דער אנדערער געענטפערט, אריינלעגענדיג אין'ם פאלטא דאס פעקעל, אין וועלכען ס'איז געווען בעהאלטען צווישען טאבאק אביסעל די־נאמיט.

— שלעכט, וואס דו פיהלסט זיך ניט גוט.

— מיינע נערוועז זיינען שוואך; דאס ערגסטע איז וואס איך מוז בעהאלטען עס אונטער'ן קישען ביי נאכט: דערפון הויבט אן שרעקליך וועה טהון דער קאפ.

— קענסטו ניט געפינען אן אנדער ארט, וואו צו בעהאל־טען דאס?

— ביי נאכט ניט. איך בין ניט זיכער, אז זיי וועלען ניט דורכזוכען מיין קופערט. יעדע מינוט ערוואַרט איך א זוכונג. דאס רואינירט אינגאנצען מיינע צורייצטע נערוועז.

מיט ליעבע האט זאכאר געקוקט דעם מוטיגען כאלטורינ'ען, מיט וועלכען ער האט עס געפיהרט דעם שמועס, אין זיין מיד געזיכט. כאלטורין האט שוין עטליכע חדשים געארבייט אין'ם קעניגליכען פאלאץ אלס פארבער, אריינשמוגלענדיג יעדען אבענד דינאמיט אין'ם פאלאץ, מיט'ן צוועק אויפצורייסען דעם פאלאץ און אלעקסאנדער דעם צווייטען מיט איהם.

— וואס טהוט דער אלטער זשאנדארם? — האט לאכענ־דיג געפרעגט זאכאר. — זאגט דיר נאך אלץ מוסר?

— יא, — האט געשמייכעלט כאלטורין. — ער לאזט מיך ניט צורוה. דערביי האט ער א גוטע כונה. ער האט, פער־

שטעהסט דו טיף, א מיידעל אין די יאהרען, וויל ער מיך שטארק פערקנס'ען פאר איהר.

— הא־הא־הא! — איז צופלאצט געווארען לאכענדיג זא־כאר, געזעגענענדיג זיך מיט'ן מוטיגען ארבייטער, וועלכער האט זיך און דעם שונא פעראורטיילט צום שרעקליכען טויט אין די אינטערעסען פון גערעכטיגקייט און ארימען, אונטערדריקטען פאלק.

דאָס נייע ליעד

פון יהואש.

די צייט קלאַפּט אָן אין יעדער טיר:
„שטעהט אויף, אבלים שוואכע,
פערזיצט ניט אויף דער שבעה־באַנק
די לוסט פון קאמפף און ראכע...

ניט לאָזט אן איינציג ווייבער־טרער
דעם מענער־וועהטאָג מינדערן,
ניט לאָזט דאָס הויכען פון א זיפץ
די פיין די הייסע לינדערן.

נור קרעפטיג גורט די לענדען זיך
מיט וואפען און געוועהר אָן,
און לאָזען אלע, קינד און מאַן,
און יונג און אלט, זיך שווערען:

ניט זינגען מעהר קיין אבל־ליעד,
ניט צעהלען די קרבנות,
ניט טראָגען שווארצע פלאַגען מעהר
נור בלוטיג־רויטע פאָהנעס,

פאָרויס! — אין ערשטער רייה פון שלאַכט,
דאָרט וואו דער פרייהייט'ס ריעזען
אונז האָבען צו דעם גבור־טויט
דעם שטאָלצען וועג געוויזען.

דאָרט וואו דאָס שוואכע גוסס־וואָרט
פון דעם, וואָס פאַלט אנידער,
מיט לעצטער מאַכט טרייבט זיי אין שלאַכט,
די לעבעדיגע ברידער.

דארט איז דער פלאץ פאר איטליכען —
ניטא קיין צייט צו קלערען,
עס איז קיין צייט פון בויען איצט,
די צייט איז פון צושטערען.

דאס אלטע, דאס פערפעסטיגע,
דאס פוילע אבצושאפען,
מיט וואס מען קען און ווי מען קען,
ניט קלייבענדיג קיין וואפען.

דער נביא

פון י. לערמאנטאוו.

.1814—1841

איינער פון די גרעסטע רוסישע דיכטער.

אידיש: י. קיסין

זון זינט עס האט אלוויסענד מיך
געמאכט דער אלערהעכסטער ריכטער,
נור זינד און בעזקייט לייען איך
אויף אלע מענשליכע געזיכטער.
כ'האב פרעדיגען גענומען היים
לעהרען פון ליעבע, וואהרהייט רייגער,
געענטפערט האט מיין פאלק מיר בעז
און האט פערווארפען מיך מיט שטיינער.
איך האב בעדעקט מיט אש מיין קאפ,
בערויבט, געלאפען פון פאלק'ס צארן,

געשפּייזט ווי פויגלען פון גאָט'ס גנאָב,
בין איך א מדבר מענש געוואָרען.
דאָ, אכטענדיג גאָט'ס בונד און רייד,
די חיות מיר געהאָרכזאם ווערען,
און מיט א שטראַהלענדיגער פרייד
אין הימעל הערען מיך די שטערען.
און ווען איך אייל מיך דורך די שטאָדט,
ווען ס'קען דער וועג ניט זיין פערמידען,
דאָרט ווייזען זקנים אָן מיט שפּאָט
אויף מיר און שמייכלען זעלבסטצופרידען.
„זעהט, קינדער, יענעם שטאָלצען נאַר!
האָט זיך געוואָלט פון אונז אָבשיידען,
האָט אונז געזאָגט אז גאָט דער האַר
צו מענשען מיט זיין מויל טהוט רעדען.
איצט לויפט ער ווי א בעטלער אום,
פאַר אייך א ביישפּיעל איבערצייגענד!
ווי האַר, ווי בלייך ער איז, ווי שווייגענד,
און ווי פעראכטעט אומעטום".

ארייגעפאלען

פון ב. באטווייניק.

געבארען אין 1885 אין ראקאוו, מינסקער גוב. געקומען אין אמעריקא אין 1906, אבגעדרוקט זיין ערשטע ערצעהלונג אין 1909.

אליהו גוטעס און יאשקע צירעס זיינען געוועזן א גאנצען זומער אין דער גובערניע, האבען זיי זיך דארט בעקענט מיט דער חברה „ארבייטער“.

קומען זיי אויף ווינטער אין שטעדטעל און גרינדען אויך אן ארגאניזאציע..

בעשווערט מען מיך, אז איך זאל זיין „קאנספי“... פערקוועטש איך מיט די ליפען און בין מסכים, ס'הייסט איך וועל זיין געטריי, און האלטען מויל... אונזער שכן מאיוסקי, וועלכער איז דער „סאטקי“ אין „סטאן“, וועט אפילו א כפרה איינגעהמען, וועט ער ביי מיר גארניט וויסען...

צאהלען מיר יעדערער „וואכער“, צו צעהן קאפיקעס א חודש. באלד ווי עס האט זיך אויפגעקליבען די ערשטע דריי רובעל, האבען מיר אוועקגעשיקט א שליח אין דער גובערניע, ער זאל ברייננגען „ליטעראטור“...

איך האב מיר מיט גרויס נייגעריגקייט געווארט צו זעהן ווער איז דאס דער „ליטעראטור“.

געבראכט האט מען קלייניקע ביכלאך, איינגעבונדען אין שווארצע, ווייכע טאוולען, און דאס האט מען גערופען „ליטעראטור“.

שושקעט מען זיך לאנג, וואו זאל מען עס בעהאלטען, אז קיינער זאל זיך ניט דערוויסען.

זאג איך: אז ביי אונז אין שפייכלער קען מען עס בעהאלטען. קיינער וועט ניט דערגעהן.

בעשווערט מען מיך, אז איך זאָל זיין „קאָנספּי..״, אז קיי־נער זאָל ניט וויסען, אפילו די חברים, וועלכע גיבען מיר די ביכלאך, זאָלען אויך ניט וויסען אויף וועלכען אָרט דאָס וועט ליגען.

— קיינער וועט ביי מיר ניט וויסען — גיב איך א זאָג, און קוועטש אויף מיינע ליפּען, אז זיי זאָלען זעהן ווי איך בין „קאָנספּי....״

כאַפּ איך די שווארצע ביכלאך און לויף מיט שמחה אהיים. א קליינינגקייט! מען געטרויט מיר די „ליטעראטור״ אליין!...

קום איך אהיים, שלאָג צו א דעקעל צו אן אלטע לעדיגע קעסטעל פון טשוועקעס, לייג אריין אהין די ביכלאך און געה אין שפּייכלער אריין.

א חבר האָט פּערשלאָסען פון דרויסען די שפּייכלער טויער. איך נעהם זיך גראָבען א גרוב ערגעץ אין א ווינקעל פון שפּייכ־לער, דאָרט, וואו אמאָהל איז געשטאנען אונזער בהמה, איידער מען האָט איהר פּערקויפט צו יאָשע דעם קצב.

שטעה איך אזוי אין גרוב און גראָב אלץ טיעפער, טיעפער. א גרויסע געלע קופּע זאמד, פון איין זייט. די קעסטעל מיט די ביכלאך פון צווייטען זייט. און שוויים קאַפּעט פון מיין שטע־רען גלייך אין גרוב אריין.

מען שליסט דעם שפּייכלער...

בלייב איך שטעהן דערשראָקען...

די מאמע בעוויזט זיך... זעהט זי מיר ניט אין דעם טונ־קעלען ווינקעל.

שטעה איך מיט אָפענע אויגען און ווארט ביז די מאמע וועט דאָ ענטדעקען מיין געהיימע ארבייט...

דערזעהט מיר מיין מאמע און ווערט בלייך ווי קאלך.

— אוי! — גיט די מאמע א געשריי, דערזעהענדיג די גרוב מיט דער קופּע געלע זאמד, — אָה, בעריל, וואָס טהוסטו דאָס?

— גאָרניט, — ענטפער איך צו דער מאמען. און איך דערמאָן זיך אויף „קאָנספּי...“

— בעריל, וואָס איז דאָס פאר א גרוב? — וויינט איבער מיר די מאמע, — בעריל, צו וואָס דארפסטו די גרוב? וואָס ווילסטו טהאָן, וועה איז מיר.

— גאָרניט, מאמע, גאָר ניט, — ענטפער איך געלאסען, און האלט אין זינען דעם „קאָנספּי...“

— צו וואָס האָסטו זיך פערשלאָסען? — וויינט ווידער די מאמע, — וועה איז מיר, ווער האָט דיר פערשלאָסען? וואָס איז דאָס פאר א גרוב?...

איך שווייג.

— בעריל, איך וועל פון דאנען ניט אוועקגעהן. זאָג מיר מיין קינד, וואָס האָסטו געוואָלט טהאָן? וועה איז מיר, וועה איז מיר!

איך שווייג.

— עפּעס אזוי ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, — איך זאָל געהן אין שפּייכלער... אין דרויסען איז טאקע אזא ווינד... עס קעהרט וועלטען...

איך זעה אז די מאמע שרעקט זיך עפּעס גאָר וועגען אַן אנדער זאך. קריג איך רחמנות אויף מיין צושראָקענער מאמען, אָבער דעם „קאָנספּי“ פערגעס איך אויך ניט.

— וואָס ביזטו עפּעס אזוי צושראָקען? — פרעג איך דער מאמען, און שמייכעל. דערשרעקט זיך די מאמע, פאר מיין מאָדנעם צוויי־דייטיגען שמייכעל און זי צו־וויינט זיך ווידער.

— וועה איז מיר, וועה איז מיר, וואָס איז דאָס פאר א גרוב, צו דען אז דער טאטע האָט דיר היינט אביסעל אויסגע־מוסר'ט דארף מען שוין איך וויים... זאָל גאָט אויסהיטען... וועה איז מיר, בעריל, זאָג וואָס האָסטו געוואָלט טהאָן?

— מאמע — זאָג איך איהר — ס'איז גאָרניט מיט גאָרניט, כ'האָב געוואָלט עפּעס בעהאלטען.

— וואָס האָסטו געוואָלט בעהאַלטען? — פרעגט די מאַמע, שוין פרעהליכער.

— דו׳סט ניט אויסזאָגען דעם טאַטען? —

— ניין.

— שווער זיך.

— גלויב מיר אויפ׳ן וואָרט — זאָגט ערנסט די מאַמע.

— ניין, שווער זיך ווי דו ביזט א אידיש קינד.

— נו, ווי איך בין א אידיש קינד.

— אז וואָס? — פרעג איך איהר ווידער.

— אז איך וועל ניט אויסזאָגען דעם טאַטען, — גיט מיר די מאַמע נאָך.

— ס׳איז גאָרניט מאַמע... קענסט געהן אין שטוב, איך קום באַלד אריין, וועל איך דיר דאָרטען אויסזאָגען — וויל איך דערווייל אַרויס׳פּטר׳ן איהר פון שפייכלער.

— ניין — זאָגט די מאַמע — איך געה ניט אָהן דיר.

קען איך דאָך ניט לאָזען די ביכלאָך אזוי שטעהן. און אין דער מאַמעס רייד פיהלט זיך אַן איינגעשפּאַרטקייט.

— מאַמע, ס׳איז גאָרניט, איך האָב געוואָלט בעהאַלטען ביכלאָך...

— ס׳אַ ליגען — שרייט אויס די מאַמע — ביכלאָך בעהאַלט מען ניט אין א גרוב, דו נאַרסט מיך.

— פערשטעהסט, מאַמע, דאָס איז פון די שוואַרצינקע ביכלאָך, וואָס מען מוז זיי בעהאַלטען, מען טהאָר זיי ניט לעזען.... פערשטעהסטו?

— טפוי, צו מיינע שונאים׳ס קעפּ — ווערט פרעהליך די מאַמע. — הם, סט׳געזעהן אביסעל ווי מיר האָט זיך דאָס איינגעריסען אין הארצען!

זי געהט ארויס פון שפייכלער פרעהליך און בערוהיגט.

— זאָלסט ניט אויסזאָגען דעם טאַטען! — שריי איך איהר נאָך.

— איך וועל ניט אויסזאָגען — ענטפערט מיר די מאמע — נאָר בעסער וואָלט געווען, אז מען זאָל דאָס בעהאַלטען ביי אנאנדערען אין א שפּייכלער....

איך בין געבליבען שטעהן ביי דער אויסגעגראָבענער גרוב און האָב בעקלעהרט אז דאָ טויג שוין ניט צו פערגראָבען די קעסטעל מיט די ביכלאך, די מאמע האָט זיך שוין דערוואוסט...

מיט גרויס הארץ־וועהטאג האָב איך מיטגעטהיילט מיינע חברים, אז די „ליטעראטור“ איז שוין פּראָוואליעט (אריינגעפאלען).

— ווי אזוי? — פרעגען מיך אלע ערשטוינט און צו־שראָקען.

— מיין מאמע האָט זיך דערוואוסט — ענטפער איך טרויעריג.

אלע זיינען געבליבען שטעהן ווי פערשטיינערטע און אלע־מענס ליפּען האָבען שטיל און צושראָקען געשעפּצעט:

— אריינגעפאלען, אריינגעפאלען...

מיר ברעכען...

פון א. רייזען.

די אויגען — פול צארן, פערגאסען מיט בלוט,
די הערצער—זיי שלאגען מיט קראפט און מיט מוט;
מיר שטעהען ביי א הויכער, געמויערטער וואנד,
מיט העק און מיט האמערס און אייזענס אין האנד —
מיר ברעכען די וואנד!

די וואנד איז געמויערט גאר פעסט און גאר דיק,
פערצוימט אונז די וועגען צום לעבען, צום גליק;
פערשטעלט אונז די ליכטיגע זון, און זי מאכט
פון פרעהליכען טאג אונז א פינסטערע נאכט —
מיר ברעכען די וואנד!

און פאלט פון דער שטיינערנער וואנד ווען אראב
א שטיין, צי א ציגעל, טרעפט ווען אין קאפ, —
די איבריגע בלייבען זיך שטעהן גאר אהן שרעק
און האמערען ווייטער, מען לויפט ניט אוועק —
מיר ברעכען די וואנד!

די ארבייט דארף דויערן, די ארבייט איז שווער —
פערזאמעלט זיך, ברידער, קומט אלע אהער.
זאל יעדערער צולייגען פעסטער זיין האנד,
מיר וועלען די הויכע, די פינסטערע וואנד
צוברעכען, צוברעכען!

מאַרטירער און מאַרטירערטום



פראָמעטעאוס. ע. מילער.

פון פרעדעריק האררישאָן

ענגלישער פילאָזאָף. געבאָרען אין 1831.

די געזעלשאַפט קען זיך מאַכען ניט זעהענדיג, ווען ס'האַנדעלט זיך ווענען מערדעריי, זנות און גנבה. אָבער די געזעלשאַפט וועט קיין מאָל ניט פערצייהען די פריידיגער פון א נייער תורה.

אויף די סיבירער וועגן

פון ל. האלפער.

נעהט מען זיך לאנג,
בינדט מען די לענדען ארום מיט א שטריק;
קלאפען די שיך —
נעהט מען זיך לאנגזאם, מען קוקט ניט צוריק.

איז מען געשמידט,
קען ניט צוקלאפען די קייט אן א שטיין, —
וואס זאל מען טהון?
טראגט מען די קייטען, נור געהן דארף מען, געהן...

ניט מען אונז רוה, —
איינגעמידט ווערט אויך די האנד, וועלכע שטראפט.
ווערט ביי אונז שטיל,
ליינט מען זיך שטיל אויף דער ערד, און מען שלאפט.

* * *

וואלט עמיץ ווער געקומען
אונז אנטקעגען
זאגען „פריד צו אייך"
פון יוצא וועגען.

גלאט אזוי א שאטען
זעהן פון וועמען,
זאגען: „פריד צו דיר"
און זיך פערשעמען.

זאָל זיך פאר אונז ווער
כאַטש איבערשרעקען,
שליידערן אין פנים
אונז א שטעקען...

קומט ניט, קומט ניט קיינער
אונז אנטקעגען;
פעלדער — ווילד־פערוואקסען,
טויטע וועגען.

דזשימי היגגינס

פון בען הענפאָרד.

א ביו יאָרקער שריפטזעצער, וועלכער האָט אוועקגעגעבען זיין לעבען פאַר דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. ער איז געשטאָרבען פון שווינדזוכט. די סאָציאַליסטישע פארטיי האָט אין 1904, אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור אַלס וויצע־פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען.

דזשימי היגגינס איז ניט קיין גרויסער פארשוין און ניט קיין גבור. די ברוסט איז ביי איהם איינגעפאלען, די אקסלען שמאָל, דאָס געזיכט בלאָס...

אין אלגעמיין איז עס א קליינינקע, דארינקע, שוואכינקע בעשעפעניש... אָבער מיט אלע דיעזע פיזישע פעהלערען האָט ער געגוג מוטה אוועקצוגעבען צעהן יאָהר פון זיין לעבען אויף סאָציאַליסטישע טהעטיגקייט — א טהעטיגקייט, אין וועלכער קיינער האָט איהם נאָך ניט אריבערגעשטיעגען, און פאר וועלכער קיינער האָט איהם נאָך ניט בעדאַנקט.

וואָס האָט ער געטהאָן ? אויף דעם קען מען ענטפערען :

אַלץ אין דער וועלט. און אין דיעזער הינזיכט קען מען זאָגען, אָהן אַ גוזמא, אַז ער האָט געהאַלטען מעהר סאָציאַליסטישע רע־דעס, ווי אירגענד אַנדערער מענש אין אַמעריקאַ. אמת טאַקי, אַז פאַר׳ן עולם האָט ער ניט געהאַלטען דיעזע רעדעס, ווייל קיין רעדנער איז ער ניט געווען, אָבער דערפאַר פלעגט ער אָבטאָן די גאַנצע אונבעמערקבאַרע און ניט־דאַנקבאַרע אַרבייט, אָהן וועל־כער אַ רעדע איז כמעט אַן אונמעגליכע זאַך. נו, דהיינו, ווי בריינגען די פּלאַטפאָרמע אויף זיינע איינגעבויגענע אַקסלען צו אַ געוויסען אָרט, וואו די גענאָסען, בעשטימטע פאַר דיעזען ציעל, האָבען, איבער אַן אורזאַכע, אָדער אָהן אַ אורזאַכע, פערפעהלט צו קומען.

אַז די פּלאַטפאָרמע פלעגט שוין זיין אויפ׳ן פּלאַטץ, פלעגט ער געהן זוכען אַ גלאָז וואַסער פאַר׳ן רעדנער. דעם זעלבען טאָג האָט איהר איהם אויך געקענט זעהען, ווי ער פערשפּרייט פלוג־בלעטלעך, וואָס רופען צום מיטינג.

און נאָך פריהער וואָלט איהר איהם געקענט זעהען, ווי ער זוכט פאַר זיין „ברענטש“ אַ בעקוועמען, פּאַסענדען ווינקעל־גאַס, וואו אַ מיטינג זאָל קענען ציהען אַ גרויסען עולם. און ווייטער, האָט איהר איהם אַלץ געקענט זעהען פאַרטהאָן און פאַרשמאַיעט: דאָ פאַנאַנדערטיילענדיג בראָשורען, דאָ קלייבענדיג בעלנים אויף אויסצושרייבען די סאָציאַליסטישע צייטונגען.

יעדען טאָג האָט דזשימי געהאַט די זעלביגע אַרבייט. אַזוי איז עס געגאַנגען וואָך איין און וואָך אויס, ביז די ענדע פון דעם קאַמפּיין, און ביי דעם צווייטען קאַמפּיין פלעגט זיך ווידער־האָלען דאָס איינענע.

עס פלעגט פּאַסירען זעהר זעלטען, אַז ער זאָל האָבען אַר־בייט, ווייל קיין צו גוטער אַרבייטער איז ער קיינמאָל ניט גע־ווען און האָט מען געוואָלט עמיצען אַרויסוואַרפען איז ער געווען די ערשטע כפרה. אָבער, אַז ער פלעגט שוין יאָ מיט צרות און מיט נסים קריגען ערגיץ וואו אַ פּלאַטץ, פלעגט ער אין מיטאָג־

צייט פּאַנאַנדערטיילען סאָציאַליסטישע ציימונגען צווישען זיי־נע חברים, אָדער לויפען צו אַן אַנדער פעקטאָרי און געבען סאָ־ציאַליסטישע פלוג־בלעטלעך די בעאַמטע, וואָס פלעגען דאַן געהן מיטאָג עסען.

וואָס האָט דזשימי געטהאָן? ער האָט געטהאָן וואָס איהר ווילט נאָר אויף דער וועלט. אַלץ, וואָס האָט געדאַרפט געטהאָן ווערען, איז געווען זיין אַרבייט. און נאָך מעהר, ער פלעגט אויף זיך נעהמען די פליכטען פון די, וועלכע זיינען געוואָרען מיער אָדער נאַכלעסיג. דזשימי האָט ניט געקענט זינגען, טאַנ־צען, אָדער דערצעהלען געשיכטעס; דערפאַר אָבער האָט ער געקענט טהאָן דאָס, וואָס האָט געדאַרפט געטהאָן ווערען.

ווי גרוים איהר, לעזער, זאָלט ניט זיין, ווערט איהר פערהעלט־ניסמעסיג ניט בריינגען מעהר נוטצען, ווי ער. דזשימי איז גע־ווען ווייט פון צו זיין רייך, אָבער פון זיין דלות פלעגט ער תמיד געבען דאָס לעצטע און אַלץ, וואָס ער האָט פערמאָגט. ווי רייך און פריינגיביג איהר, לעזער, זאָלט ניט זיין, קען דאָס ניט פערגלייכט ווערען מיט די אָפּפער וואָס דזשימי האָט געבראַכט.

דזשימי האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין פּלאַטץ אויבען־אָן אויף דער פּלאַטפאָרמע; ער האָט קיין מאָל ניט געפיהלט דעם תמצית פון אַפּלאָדיסמענטען אָדער דער בעגייסטערונג, וואָס פער־שאַפט אַ געגנערשאַפט פון אַ אָפּאָזיציאָן. איהם האָט מען קיין מאָל ניט געקענט זעהן אויפ'ן ערשטען פּלאַן פון בילד.

אָבער ער פלעגט עס זיין דער בויער פון דער פּלאַטפאָרמע, און דער שאַפער פון בילד גופא, נעמליך, אין זיין שווערער, אונדאַנקבאַרער, אונאַנגענעהמער אַרבייט פלעגט זיך עפּעס פיה־לען, אַז די פרייהייט גליהט ערגיץ וואו אין די טיעפענישען, און אַז זאַכען ווערען געטהאָן.

דזשימי היגגינס... ווי וועלען מיר בעצאָהלען? ווי ווע־לען מיר בעדאַנקען דיעזען מאַן? וועלכען נאָלד, וועלכע לאָר־בער־קראַנצען וועלען מיר איהם צוטראָגען?

דאָ עקזיסטירט נור איין וועג, ליעבער לעזער, ווי איהר און

איך קענען בעצאַהלען דזשימי׳ס חוב און די חובות פון נאָך אזעל־כע ווי ער. דיזער וועג איז — איהם נאָכפאָלגען, איהם האַל־טען פאַר אַ מוסטער פון גרויסער אָפפערוויליגקייט און אי־בערגעבענהייט. בעטראַכט זיך, ווי גרויס זיין ארבייט איז אין פערגלייך מיט זיין שוואַכקייט. און ווי קליין אונזערע טהאטען זיינען אין פערגלייך מיט אונזער מאַכט.

איך קען גרויסע מענער און גרויסע פרויען אין דער סאָ־ציאַליסטישער בעוועגונג.

אָבער, וואָס איז שייך זעלבסט־אָפפערונג, טרייהייט און ערנסטקייט, וועל איך דוכט מיר קיין מאָל ניט טרעפען אַ מענ־שען וואָס איז גרעסער, ווי דזשימי הינגינס.

הינטער׳ן שלאָס

פון לייוויק האַלפּער.

פלוצלינג אויף דעם וועכטער פאַלט אַן אימה
און ער קען די אימה ניט פערטראָגען, —
רייסט ער אויף די טירען פון מיין קאמער,
און ער נעהמט זיך אָן אַ זין מיך שלאָגען.

שטעה איך אַ פערגליווערטער און שריי ניט,
קוק איהם גלייך אריין אין זיינע אויגען;
ווערט ער פון מיין שווייגען אויפגערעגטער,
הייסט מיר אויף דער הוילער ערד זיך לייגען.

לייג איך זיך און ליג ווי אָהן אַן אָטעם,
האַלט איין ברעם פון אויג אביסעל אָפען,
און דער וועכטער טרעט אויף מיר און שלאָגט מיך,
ביז די ברעם ווערט לאַנגזאם איינגעשלאָפען.

לינגארד און קא.

פון היאלמאר בערגסטרעם

מאדערנער דענישער דראמאטורג, געבארען אין 1868. אין דיעזער דראמא ווערט געשילדערט, ווי פרוי לינגארד, וואס איז די פרוי פון א גרויסען פאבריקאנט איז נאך א סטרייק געפאלען א קרבן פון מעלאנכאליע.

פרוי לינגארד (פערטיעפט אין איהרע עראינערונגען):

איך וועל קיין מאל ניט פערגעסען דעם טאג, ווען די ארבייטער זיינען געקומען צוריק צו דער ארבייט. איך האב זיי בעאבאכטעט פון מיין שלאף־צימער. זיי האבען געהונגערט פיער מאנאטען נאכאנאנד. פערשטעהט איהר מיך, געהונגערט אלע, פון גרויס ביז קליין! דאס איז געווען אין א ווינטער פארטאג. זיי זיינען געווען האלב־נאקעט, און זיי האבען געציטערט פון שלאפקייט און קעלט. די געזיכטער ביי זיי זיינען געווען פערוואקסען מיט בערד, וואס האט זיי אין גאנצען פאר אנדערע מענשען געמאכט. זיי האבען געוואכט א לאנגע צייט, א זעהר לאנגע צייט... ענדליך האט זיך היימאן (דער פערוואלטער) בעוויזען אין די טויערען פון פאבריק מיט א פאפיער, וועלכען ער האט זיי געגומען פארלעזען. דאס זיינען וואהרשיינליך געווען די בעדינגונגען, אויף וועלכע זיי האבען זיך אונטערגעשריבען. אלע זיינען געשטאנען מיט די קעפ אראבגעלאזען צו דער ערד. דאן, אז זיי האבען געגומען געהן אין פאבריק אריין, האט היימאן מיט'ן האנד א צייכען געמאכט, אז זיי זאלען זיך אבשטעלען. ער האט זיי עפעס געזאגט, וואס — האב איך ניט געהערט. אבער אין א ווייל ארום האב איך געזעהען, ווי די גאנצע מאסע האט זיך צונויפגערוקט ארום אלסענ'ען — דעם אנפיהרער פון סטרייק. (דערמאנענדיג זיך דאס, דערלאנגט זי א ציטער). איך האב אמאל געזעהען א בילד, וואס האט געשילדערט א הינריכטונג... יא, עפעס עהנליכעס... ס'האט

נאָר געדויערט אַ פּאָר סעקונדען, אַלסען האָט געזאָגט איניגע ווערטער צו זיינע חברים און איז אַוועק, ווייס ווי קאַלך... דער עולם האָט געמאַכט אַ וועג פאַר איהם און איהם דורכגעלאָזען. נאָכדעם זיינען זיי אַלע געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט, עפּעס אַזוי מאָדנע נידערגעשלאָגען און גיט וויסענדיג וואָס צו טהאָן. ענדליך האָבען זיי זיך גענומען רוקען אין פאַבריק. איינער נאָך דעם אַנדערען זיינען זיי געגאַנגען, איינגעבויגענע און צובראָכענע.

מיקקעלסען —

מען האָט ניט צוגעלאָזען אַלסענ׳ען צו דער ארבייט?

פרוי לינגאַרד —

ער איז געווען זייער פיהרער און שולדיג וואָס דער סטרייק האָט אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג. אַלסען האָט אָנגעפאַנגען זוכען אַרבייט אַנדערשוואו, אָבער קיין פאַבריק האָט ניט געוואָלט האָבען צו טהאָן מיט איהם.

מיקקעלסען —

מלחמה איז מלחמה.

פרוי לינגאַרד —

אַ פּאָר מינוטען שפּעטער, ווען איך האָב אַזוי שפּאַציערט, האָט מיך אַלסענ׳ס פרוי אָבגעשטעלט אויפ׳ן גאַס. זי איז געווען אַזוי צומישט און צוטראָגען, אַז דאָס הארץ האָט מיר פערקלעמט. איהר מאַן איז געווען אין גאַנצען געבראָכען, האָט זי מיר דערצעהלט, און צו אַלע צרות האָט ער זיך גענומען צום טרינקען. אַלץ, וואָס זי און איהרע קינדער האָבען געקענט צוזאַמענגראַבלען, האָט ער אויסגעגעבען אויף בראַנפען. זי אַליין איז געווען אין אַנדערע אומשטענדען מיט איהר אַכטען קינד, אַז ס׳איז שוין צייט געווען זי זאָל אָוועקוואַרפען אַרבייטען... דאַן בין איך געגאַנגען צו מיין מאַן און געבעטען איהם רחמים, ער זאָל צונעהמען צוריק אַלסענ׳ען און שטעלען איהם

צוריק אויף די פיס. צום ערשטען מאָל זייט מיר האָבען חתונה געהאַט האָב איך איהם געזעהען אין אזא וואַהנזיניגען צו־שטאַנד — אזוי איז ער געווען אויסער זיך. זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אזא ווילדען צאָרן, אז איך וואָלט עס בע־סער וועלען פערגעסען. פערשטעהט זיך, איך האָב געוואוסט, פאַרוואָס ער איז אזוי אויפגערעגט געוואָרען. דאַן האָב איך זיך ערניעדריגט, ווי איך האָב זיך קיין מאָל אין מיין לעבען נים ערניעדריגט, נעמליך: איך בין געהיים געגאַנגען צו היי־מאַנ'ען און געבעטען ביי איהם פאַר דעם ארויסגעטריבענעם ארבייטער.

מיקקעלסען —

וואָס האָט היימאַן געזאָגט?

פרוי לינגאַרד —

פון יענעם מאָמענט האָס איך היימאַנען. איך האָב זיך ערנידריגט פאַר איהם, און ער האָט מיר אָבגעמאָסטען מיט זיינע קאַלטע אויגען, זאָגענדיג: „כל זמן איך בין אויף דעם פּלאַטץ, מוז איך אייך בעטען, מאַדאַם, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אז קיינער זאָל זיך ניט אריינמישען אין דער פערוואַלטונג פון דער אונטערנעהמונג."

מיקקעלסען —

איך זעה ניט איין, ווי ער האָט געקענט טהאָן אנדערש.

פרוי לינגאַרד —

וואָס איך קען זיך ניט פערצייהען איז דאָס, וואָס איך האָב זיך געלאָזען פיהרען פאַר'ן נאָז פון דיעזען מאַן. איך האָב גע־האַנדעלט ווי א פייגע פרוי, איך האָב גלייך געדאַרפט געהן צו מיין מאַן און איהם זאָגען: „דאָס און דאָס איז געשעהן; אָדער איך, אָדער היימאַן". אָבער איך האָב אויף אזוי פיעל קיין מוטה ניט געהאַט, אז איך האָב מיין מאַן אפילו גאָרניט דער־צעהלט וועגען דעם.

מיקקעלסען —

פון אייער זייט איז עס ניט שעהן געווען, וואָס איהר האָט עס געטהאָן בסוד, הינטער דעם רוקען פון אייער מאַן.

פרוי לינגאַרד (מיט דעם אויסדרוק פון שרעק אין איהר אָנגע־שטרענגטען בליק) —

א ביסעל שפּעטער איז עס געשעהן. ס'איז געווען איינער פון די ערשטע וואַרימע זומער טעג און איך האָב מיט יאַקאָב'ען געשפּאַצירט אין גאָרטען. דאָן איז א פּראַכטפולער קאַשטאַ־נען־בוים געוואַקסען אין א ווינקעל, און דאָרטען, צווישען גרינע בלעטער און זינגענדיגע פויגלעך איז געהאַנגען אַלסען'ס קאַלטער, פערגליווערטער קערפּער. און פליעגען זיינען ארומ־געקראָכען איבער זיין געזיכט... (זי שווידערט).

מיקקעלסען —

יאָ, דאָס לעבען איז גרויזאם.

פרוי לינגאַרד —

און דאָ האָב איך בעמערקט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען ווי שרעקליך עלענד ס'קען ווערען א מענשליכע בעשע־פעניש. קיין מאָל נאָך איז מיר ניט אויסגעקומען צו זעהען אַזעלכע יאָמערליכע און קלעגליכע אומשטענדען. צווישען זיין קאַמזעלקע און די הויזען האָט ארויסגעקוקט דאָס נאַקעטע לייב, און כאָטש איך קען זיך ניט אָבגעבען קיין קלאָהרען רעכנונג, נאָר דאָס האָט אויף מיר געמאַכט א שווערערען איינדרוק, ווי דאָס הענגען זיך גופא... פון יענעם טאָג אָן האָב איך פערגעסען אָן גליק...

דאָס לעצטע וואָרט

פון יהואש.

איך מיש די בלעטער און איך מיש,
מיך נעהמט ארום אַ שרעק, אַ גרויל.
זאָגט: פינסטערע, פערגליווערטע,
מיט אויגען האלב פערשלאָסענע,
מיט ווילד־צושפּרייטען מויל,

וואָס איז געווען דאָס לעצטע וואָרט,
וואָס האָט אויף אייער צונג געברענט?
וואָס איז געווען דער לעצטער ווונש,
וואָס איהר האָט אויסדריקען געוואָלט
און האָט ניט מעהר געקענט?

צי ליגט אַ קללה ניט דערשטיקט
אין אייערע פערקריצטע צייהן!
צי האָט איהר פון אַ צוקונפטס־דור
נקמה, האַרחלענדיג, פערלאַנגט,
קדושים, טויט־געביין?

איך מיש די בלעטער און איך מיש,
און פּלוצלינג דוכט מיר, ווי איך הער:

דאָס וואָרט — דאָס ניט דערערדטע וואָרט —
געוועזען איז אַ שלאַכט־געשריי:
ניט לאָזט די ארבייט אין דער העלפט,
ניט לאָזט די פאָהן אליין און קליין,
נור קעמפפט און פאלט ווי זיי.

די לעצטע מינוטען פון'ם אירלענדישען רעוואָלוציאָנער קאָנאָלי

דערצעהלט פון זיין טאָכטער נאָרא.

דזשיימס קאָנאָלי איז געווען זיין גאַנצען לעבען פערבונדען מיט דער אַרבייטער און רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג פון דובלין, אירלאַנד'ס הויפּט־שטאָדט. פאַר זיין אנטיילנעהמען אין דעם אויפשטאַנד געגען ענגלאַנד אין פריהלינג פון 1916 איז ער דערשאָסען געוואָרען אין דעם עלטער פון עטליכע און פיערציג יאָהר.

ענדליך האָב איך דערזעהן מיין פאָטער אין דובלינער געפענגניש. ער איז געלעגען אין בעט מיט א פערוואונדעטען פוס און האָט זיך ניט געקענט ריהרען. ער איז געווען בלאַס, שוואַך און האָט גערעדט זעהר שטיל. צוזאַמען מיט אונז איז אין קאַמער די גאַנצע צייט געזעסען א וועכטער. איך האָב געפרעגט דעם פאָטער, צי ליידט ער שטאַרק. ער האָט געענטפערט: ניין, ער איז נאָר אָבגעשוואַכט, ווייל ניט לאַנג זיינען די ריכטער געקומען צו איהם אין קאַמער, האָבען איהם געהייסען אונטערשפּארען און גע'משפט איהם אַ פערוואונדעטען. הערענדיג דאס, האָט מיר דאָס הארץ אָנגעהויבען וועה טהון.

ער האָט גע'חלומ'ט ליגענדיג אין בעט וועגען דער צוקונפט און איז געווען גאַנץ פרעהליך. ער האָט מיין מוטער געבעטען איבערגעבען סקעפינגטאָנ'ען א צעטעל, אין וועלכען ער בעט איהם זעהן, אז אייניגע פון זיינע לידער זאָלען ווערען געדרוקט; מיין מוטער האָט געמוזט שווייגען, זי האָט ניט געטאָרט דערצעהלען, אז זיין גוטער פריינד און קאַמעראַד איז שוין ניט צווישען די לעבעדיגע, ווייל זעהן דעם פאָטער האָט מען אונז ערלויבט מיט דער בעדינגונג, אז מיר זאָלען איהם

ניט איבערגעבען קיין נייעס. דאך האב איך געפרואווט איהם עפעס דערצעהלען פון די לעצטע געשעהענישען. איך האב איהם איבערגעגעבען, אז קאפיטאן מעלאוס איז נאך מיט זיינע מענשען אין די גאלוויי בערג; דער פאטער האט געשמייכעלט, זאגענדיג: זיי זיינען שטענדיג געווען גוטע יונגען. איך האב איהם דערצעהלט, אז לארענס גינעל פערטיידיגט די אירלאנדישע רעוואלוציאנערען אינ'ם פארלאמענט. „א וואוילער יונג, לארי!" — האט ער בעמערקט. — „אויף איהם קען מען זיך שטענדיג פערלאזען."

דער פאטער איז געווען שטאלץ מיט זיינע מענשען. זיי האבען זיך גוט געשלאגען, האט ער געזאגט. „די זאך פון אירלאנדס פרייהייט קען ניט אויסשטארבען". ער האט זעהר געליבט די מוטיגע פרויען און מיידלעך. „וויפיעל מען זאל זיי ניט ליבען, קען מען ניט זאגען גענוג זיי צו לויב און עהרע". האט ער בעמערקט.

ער האט מיר דערצעהלט וועגען א קליינעם אינגעל, וואס האט איהם געטראגען א פערוואונדעטען אינ'ם קראנקען־בעטעל, ווען די רעוואלוציאנערען האבען געפרואווט אבצוטרעטען פונ'ם ברענענדיגען פאסטאמט. ס'איז געווען א גרויסע געפאהר. קוילען זיינען געפלויגען איבער דער גאס אין אלע ריכטונגען. ווי נור א קויל האט זיך געטראגען אין דער נאהענטקייט פונ'ם פערוואונדעטען קאנאלי, האט דאס אינגעל מיט זיין קערפער פערשטעלט דעם עלטערען מענש. „ווי אלט ביסטו?" — האט געפרעגט דאס אינגעל דער געריהרטער קאנאלי. — „פערצעהן יאהר, מיין הערר" — איז געווען עניטפער. דערצעהלענדיג דאס, האבען זיך דעם פאטער'ס אויגען אנגעצונדען. ענדליך, ווען מיר האבען געהאלטען אין אוועקגעהן, האט ער געזאגט: „מיר קענען ניט בעזיעגט ווערען, די דאזיגע יונגע קינדער וועלען קיינמאל ניט פערגעסען".

נאך אמאל האב איך געזעהן מיין פאטער צוועלף א זייגער ביינאכט, דאנערשטאג, מאי דעם עלפטען. א מאטאר איז צו־

געקומען צו אונזער הויז; אַ געפּענגניש־וועכטער איז געקומען אונז אָנזאָגן, אז דער פּאָטער איז זעהר שוואַך און וויל זעהן זיין ווייב און עלטערע טאָכטער. די מוטער האָט געגלויבט טאַקי, אז ער איז נור קראַנק, ניט מעהר און דאָך האָט זי זיך גע־שראָקען. זי האָט געפּסעגט דעם וועכטער צו געהען זיי נישט שי־סען איהם. ער האָט געענטפערט, אז ער ווייס גאָרנישט.

אונז האָט זיך געדאַכט, אז שטונדען לאַנגע האָט געדויערט, ביז מיר זיינען געקומען אינ׳ם דובלינער שלאָס. די וואַך האָט אונז אָבגעשטעלט עטליכע מאָל, ענדליך האָט מען אונז אריינגע־לאָזט צום פּאָטער. אונז האָט זעהר געוואונדערט, וואס ארום דעם צימער זיינען געשטאַנען ארום צוועלף סאָלדאַטען בעוואַ־פענטע, אין פאָלשטענדיגער אַמוניציאָן. זעקס האָבען געהיט דאָס אריינגאַנג צו דעם קאָרידאָר, און אין דעם קליינעם צימע־רעל, וואָס פיהרט צום פּאָטער׳ס קאַמער, זיינען געווען צו זעהן דריי זעלנער. אלע מיט ביקסען אין דער האַנד.

מיר זיינען אריינגעגאַנגען אין צימער: מיין פּאָטער האָט אונז שוין ערוואַרט, זיין קאָפּ איז געווען געקעהרט צו דער טיר. דערזעהענדיג אונז, האָט ער באַלד געזאָגט: האַ, לילי, איך רע־כען, אז איהר פערשטעהט, וואָס דאָס אַלץ בעטייט.

מיין מוטער האָט ציטערנדיג אויסגעשריען:

— „אָ, דזשיימס, עס קען ניט זיין, עס קען ניט זיין!“

— יאָ, לילי, איך בין אנטשלאָפען געוואָרען היינט ביי נאַכט דאָס ערשטע מאָל, האָבען זיי מיך פּלוצלונג אויפגעוועקט עלף אזייגער און אָנגעזאָגט, אז היינט פריהמאָרגען ווערט דער טויט־אורטייל אויסגעפיהרט.

פון די ווערטער איז מיין מוטער דערשלאָגען געוואָרען, זי האָט געלעגט איהר קאָפּ אויפ׳ן בעט און גענומען קלאָגען, אז דאָס הארץ האָט געקענט צוריסען ווערען.

מיין פּאָטער האָט איהר געגלעט איבער׳ן קאָפּ און געזאָגט: „וויין ניט, לילי, דו נעהמסט ביי מיר צו דעם מוט.“

מיין מוטער האָט אַלץ געזיפצט, זאָגענדיג: אָבער דיין שעהן

לעבען זאָל פערשניטען ווערען, דזשיימס, דיין שעהן לעבען.

„גוט, לילי, — האָט ער געענטפערט, — אָבער איז דען מיין לעבען ניט געווען אינהאַלטסרייך און איז דען דאָס ניט א גוטער סוף?"

איך האָב אָנגעהויבען אויך צו וויינען. ער האָט זיך געווענדעט צו מיר און געזאָגט: וויין ניט, קאַרא, וואָס איז דאָ צו וויינען?

„איך וועל ניט וויינען מעהר" — האָב איך געענטפערט.

ער האָט געגלעט מיין האנד און האָט געזאָגט: מיין מוטיג מיידעל! דערנאָך האָט ער מיר שטיל איינגערוימט אין אויער, אז איך זאָל ארייגלייגען מיין האנד אונטער'ן דעק. „בעהאַלט עס", האָט ער געזאָגט. איך האָב גענומען א שטיקעל פּאַפּיר אין האנד. „דאָס זיינען מיינע לעצטע ווערטער", האָט ער בעמערקט.

די מוטער איז געזעסען אויף דער אנדערער זייט פון בעט און איהר געזיכט איז פון מינוט צו מינוט געוואָרען עלטער און גרויער. „הער, לילי," האָט דער פאָטער געזאָגט צו איהר, „דו מיט די מיידלעך פאָהרט אוועק אין די שטאַאטען און דעם זוהן לאָזט אין דערהיים, אין אירלאנד. ער איז געווען שטענדיג א וואוילער און אין בין שטאָלץ מיט איהם."

מיין מוטער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דער פאָטער האָט איהר געוואלט אביסעל בערוהיגען, האָט ער איהר דערצעהלט, ווי אין די רעוואָלוציאנס-טעג איז איינער ארייגגעקומען אין'ם פּאָסטאָמט, וועלכען די רעוואָלוציאָנערען האָבען פערנומען, און האָט געבעטען א פּעני-מאַרקע, און איז געווען עמפּערט, ווען מען האָט איהם געזאָגט, אז ער קען ניט קריגען קיין מארקען איצט. דערנאָך האָט זיך דער פאָטער געווענדעט צו מיר און געזאָגט: „איך האָב געהערט, אז דער ארימער סקעפינגטאָן איז דערשאָסען געוואָרען". איך האָב געענטפערט: „יא." ער האָט געשוויגען. איך האָב איהם געזאָגט, אז אין די צייטונגען שטעהט, אז די רע-

גיערונג האָט צוגעזאָגט דעם פּאַרלאַמענט, אז מעהר וועט ניט זיין קיין טויט־אורטיילען. „ענגלאנד'ס פערשפּרעכענס!" האָט ער געענטפערט.

דער בעאַמטער זאָגט אונז, אז מיר האָבען נאָך פינף מינוט צייט; די מוטער האָט כמעט גע'חלש'ט, מיר האָבען איהר גע־געבען וואסער צו טרינקען. דער פאָטער האָט געפּרואווט ארומ־נעהמען זי, אָבער ער האָט קוים אויפגעהויבען זיין קאָפּ און ארעמס. „צייט צו געהן", האָט געזאָגט דער וועכטער, מיין פאָטער האָט זיך געווענדעט צו מיר, זאָגענדיג: אַדיע. איך האָב ניט געקענט עפנען דאָס מויל. ער האָט געזאָגט: געה צו דער מוטער.

איך האָב געפּרואווט אוועקפיהרען די מוטער, איך האָב ניט געקענט איהר ריהרען. זי האָט זיך ווי פערוואַנדעלט אין שטיין. די קראנקענשוועסטער איז צוגעגאַנגען און גענומען איהר פאַר דער האנד. איך בין צוגעלאָפען ווידער צום בעט און האָב געקושט דעם פאָטער. די טיר האָט מען פערקלאַפּט הינטער אונז און מיר האָבען דעם פאָטער שוין מעהר נים געזעהן.

אויף מאָרגען זיינען מיר געגאנגען אין דובלינער שלאָס בעטען דעם פאָטער'ס קערפּער; זיי האָבען ניט געוואָלט איהם געבען אונז. א גוטע קראַנקען־שוועסטער האָט בעהאַלטען פאַר אונז א לאָק פון'ם פאָטער'ס האָר און געגעבען עס דער מוטער.

דאָס איז אַלץ, וואָס איז אונז געבליבען פון איהם.

אין אַנטיוכוס'עס צייטען

פון מדרש.

אין דער צייט פון'ם גריכישען קעניג אנטיוכוס איז געשעהן דאָס: געפאַנגען געוואָרען איז א אידישע מוטער מיט איהרע זיבען זיהן און געזעסען אין געפענגניש איז יעדער בעזונדער, כדי איינער זאָל דעם אנדערען ניט קענען שטאַרקען און צוגעבען מוט. געוואָלט האָט דער בייזער, שלעכטער קעניג אנטיוכוס, אז די געפאַנגענע זאָלען לייקענען אין דעם איינעם און איינציגען אידישען גאָט און בויגען זיך פאַר'ן אָבגאָט.

ארויסגעפיהרט האָבען די וועכטער פריהער דעם עלטסטען פון די זיהן. הייסט איהם דער קייזער אליין מיט זיין אייגען מויל:

— בוק זיך צום אָבגאָט!

ענטפערט דער עלטסטער:

— אין דער הייליגער תורה שטעהט: איך בין גאָט, דיין גאָט!

איז דער עלטסטער באַלד אויפ'ן אָרט געטויט געוואָרען.

פיהרען זיי ארויס דעם צווייטען.

הייסען איהם די געצענדינער זיך בוקען פאַר'ן אָבגאָט. ענטפערט ער:

— עס שטעהט געשריבען אין דער תורה: זאָלסט ניט האָבען קיינע אנדערע געטער, אויסער מיר.

זאָגען זיי דעם דריטען:

— בוק זיך!

ענטפערט ער:

— פערזאָגט האָט די תורה אונז — ניט בוק זיך צו קיין אַנדער גאָט!

און אַזוי האָבען די געצענדינערישע גריכען אַרויסגעפיהרט אַלע זעקס זיהן, אויסער דעם קלענסטען, דעם אינגסטען, און זיי אַלע געהייסען טהון אומווירדיגקייט און יענע האָבען ווידערשפּעניגט, און אויסגעקוילעט זיינען זיי געוואָרען איינציגווייז, איינער נאָכ'ן אַנדערען.

פיהרט מען אַריין דעם קלענסטען, דעם זיבעטען.

זאָגט צו איהם דער קיסר מיט גוטען:

— קינד מיינס, פאָלג מיך און בוק זיך צום בילד.

ענטפערט דער קלענסטער:

— איך קען דיך ניט פאָלגען, מעכטיגער קיסר.

— פאַר וואָס?

— אַזוי שטעהט אין אונזער הייליגער תורה: „גרויס גאָט דעם איינציגען און ער וועט דיך גרויס מאַכען“.

זאָגט דער קיסר:

— דו ווייסט, וואָס דיינע ברידער איז געטהון געוואָרען, אָבער זיי זיינען געווען אין די יאָהרען, זיי האָבען געלעבט אויף דער וועלט און געהאַט הנאה פון איהר, אָבער דו ביסט נאָך אַזוי יונג; דו האָסט נאָך ניט געפּרובט דעם טעם פון גוטען — בוק זיך צום בילד און דו וועסט בלייבען לעבען.

ענטפערט דער אינגסטער:

— גרויס איז גאָט און פון זיין מאַכט קען ניט געמינערט ווערען, אָבער פון אייך אַלע וועט קיין זכר ניט בלייבען.

בעט זיך ביי איהם דער מעכטיגער קיסר:

— איך וועל אַראָבוואַרפען מיין רינג און דו בויג זיך נור איין, הויב אויף, און זאָלען לייט מיינען, אז דו האָסט זיך געבוקט צום בילד.

ענטפערט דאָס קינד:

— וועה איז דיר, קעניג, ווילסט לייט נאַרען, אבי דיין נאַ־

רישען ווילען אויספיהרען. אָבער ווי טייער דארף מיר זיין דער ווילען פון'ם מעכטיגסטען פון די מעכטיגע.

זעהט דער קעניג אַנטיוכוס, אַז ער קען ניט איבעררעדען דאָס קינד, רופט ער אריין צו זיך אין דער קעניגליכער קאַמער די מוטער און זאָגט איהר:

— דו קענסט נאָך רעטען דיין לעצט קינד. רעד איהם איין ער זאָל מיך פאָלגען, און זאָל ער בלייבען לעבען.

פיהרט די מוטער אַוועק דאָס קינד אָן א זייט, הויבט איהם אָן קושען און האַלזען און זאָגט איהם די דאָזיגע ווערטער: זוהן מיינער, איצט איז געקומען די צייט דו זאָלסט בעצאָהלען דער מוטער דיינער פאַר אַלע צרות און יסורים, וואָס זי האָט אויס־געשטאַנען פון דיר, ביז זי האָט דיך דערצויגען. האַלט זיך פעסט אָן אונזער גאָט, פאָלג ניט דעם רשע און גיב זיך מוטיג איבער דעם טויט אין די הענד, ווי די זעקס כשר'ע ברידער דיינע.

און אַז מ'האָט דאָס קינד אַרויסגעפיהרט צום טויט, בעט זיך די מוטער ביי'ם קיסר: האָב רחמנות און טויט מיך פריהער און שפּעטער — איהם.

קיינער האָט ניט געוואָלט הערען אפילו דעם מוטער'ס גע־בעט. איז זי צוגעפאַלען אין דער לעצטער מינוט צום קינד, גע־האַלזט און געקושט איהם און ניט געוואָלט זיך פון איהם אָב־רייסען.

און פון אונטער דער מוטער'ס הענד האָט מען דעם אינגסטען פון איהרע זיהן ארויסגעריסען און געקוילעט פאַר איהר אין די אויגען.

האָט זיך די מוטער ניט געקענט טרייסטען אין איהר גרוי־סען אומגליק און אויסגעגאַנגען פון בענקעניש נאָך איהרע זיהן. האָט זי געטראַכט זיך: איך וועל געהן זעהען זיך מיט מיינע קינדער. וואָס זאָל איך ווארטען ? און איז אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט.

די למד-וואָוו

פון יהואָש.

ווער ווייס ווי זיי זיינען און וואַנלען ארום,
די הייליגע לייט זעקס און דרייסיג,
געפייניגט פון נויט און פון הונגער געפּלאָגט,
גאָט׳ס ווילען ערפילענדיג פלייסיג!

אין שמאַטעס געקליידט, אויף די לענדען א שטריק,
ניט בעטענדיג מיטלייד און שוינונג,
פערשלינגענדיג שפּאָט און בעגריסענדיג פּיין,
און אָהן דעם מאַרטירער׳ס בעלוינונג.

ביי׳ם אָל און אין וואַרשטאַט, ביי׳ם רידעל און האַק,
אין חורבות פערפעסטיגט פון שימעל —
געפינט זיי דער מלאך, וואָס קומט יעדען טאָג
זיי איבערצוצעהלען פון הימעל...

ווער ווייס, וואו זיי וואָגלען די הייליגע לייט,
און טראָגען געדולדיג גאָט׳ס קייטען,
זיין ווילען ערפילענדיג יעדער פאַר זיך,
ניט ווייסענדיג איינער פון צווייטען.

די זיעבען געהאנגענע

פון לעאָניד אַנדרעיעוו

ווערנער איז געווען שוין גוט אויסגעמאַטערט פון לעבענס־קאַמפף. ער האָט ליידענשאַפטליך ליעב געהאַט דאָס לעבען, טהעאַטער, געזעלשאַפט, קונסט און ליטעראַטור... בעגאַבט מיט אַן אויסער־ערגעוועהנליכען זכרון, האָט ער פריי גערעדט אויף פיעלע שפּראַכען. ער איז געווען שעהן גע־קליידט און געהאַט עלעגאַנטע מאַניערען. פון דער גאַנצער טרו־פּע טעראָריסטען איז ער געווען דער איינציגער, וועלכער וואָלט געקענט קומען אין דער געזעלשאַפט, ניט אַרויסגעבענדיג זיין טעראָריסטישען פּנים.

שוין אַ לאַנגע צייט זינט ער האָט־זיך דורכגעדרונגען מיט אַ טיעפער פעראַכטונג צו מענשען. זייענדיג מעהר אַ מאַ־טהעמאַטיקער, ווי אַ פּאָעט, איז ער געווען ווייט פון התלהבות און בעגייסטערונג; צייטענווייז האָט ער אויף זיך געקוקט, ווי אויף אַ משוגענעם, וואָס צייכענט געאָמעטרישע פיגורען אין אַ ים פון מענשליכע בלוט. פאַר דעם שונא, געגען וועלכען ער האָט געקעמפּפט, האָט ער ניט געקענט האָבען קיין שום אָבשיי, ווייל פאַר איהם איז ער געווען ניט קיין בעוואוסטזיניגער געגנער, זאָנדערן אַ פערפּלאָנטערטער נעטץ פון נאַרישקייט, פעררּאַט, פאַלשקייט און געמיינע שאַרלאַטאַנעריי...

ווערנער האָט פערשטאַנען, אַז איהם שטעהט פאָר ניט נאָר שטאַרבען, זאָנדערן עפּעס מעהר ווי שטאַרבען. יעדענ־פאַלס, איז ער געווען בעשלאָסען צו קוקען קאַלט דעם טוידט

אין פּנים און צו לעבען רוהיג ביז׳ן סוף, אזוי ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט. נאָר אויף אַזאַ אופן האָט ער געקענט שטילען די טיעפּסטע פּעראַכטונג, וואָס ער האָט געפיהלט צו דעם גאַנ־צען פּראָצעס פון היגריכטונג. און נאָר אויף דיעזער אַרט האָט ער געקענט אויפהאַלטען די פרייהייט פון זיין געדאַנק וועגען דער אַרומיגער וועלט... הגם זיינע חברים האָבען געוואוסט וועגען זיין קאַלטער און שטאָלצער אונערשראָקענהייט, דאָך וואָלטען זיי ניט געגלויבט זייערע אייגענע אויגען... אויף אַזוי פיעל קאַלטבלוטיג און גלייכגילטיג האָט זיך ווערנער געהאַלטען אין געריכט. זיינע געדאַנקען האָבען זיך בעת מעשה געדרעהט אַרום אַ שווערע אינטערעסאַנטע שאַכמאַט־פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך בולט און לעבעדיג־קלאָר פּאַנאַנדערגעוויקעלט אין זיין קאָפּ, און וועלכער ער האָט אוועקגעגעבען זיין גאַנצע רוהיגע און טיעפּע אויפמערקזאַמקייט. זייענדיג אַן אויסעראָרדענטליכער שאַך־שפּיעלער, האָט ער אָנגעהויבען די פּאַרטיי גלייך נאָך זיין אַרעסט און פון דאַן אָן האָט ער געשפּיעלט זי די גאַנצע צייט. די פּאַרטיי האָט איהם פערחאַפּט אַזוי שטאַרק, אַז אפילו דער טוידט־אורטייל האָט קיין איין פיגור ניט געקענט אוועקנעהמען פון דעם אונזיכטבאַרען שאַך־ברעטעל...

איצט האָט ער געקוועטשט מיט זיינע אַקסלען. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט שטאַרק, אָבער רוהיג און רעגעלמעסיג. ווי אַ נייַ־לינג, וואָס איז צום ערשטען מאָל אריינגעפאַלען אין טורמע, האָט ער מיט אויפמערקזאַמקייט אַרומגעקוקט זיין בעזונדער קאַמער, די ריגלען אויף די טהירען און דאָס בעט, וואָס איז געווען צוגע־שרויפט צו דער ערד.

„פאַר וואָס פיהל איך זיך אַזוי לוסטיג און פריי?״ — האָט ער אָנגעהויבען טראַכטען. — „יא, פריי, פריי... איך דענק וועגען דער מאָרגענדיגער היגריכטונג און עס דוכט זיך מיר, אַז דאָס עקזיסטירט ניט. איך קוק אויף די ווענט און עס דוכט זיך מיר, אַז אויך זיי עקזיסטירען ניט. און בכלל פיהל איך מיך איצט אַזוי פריי, אַזוי ווי איך וואָלט גאָר אין קיין תפיסה ניט

געווען, אזוי ווי איך וואָלט איצט בעפריים געוואָרען פון א חדר מיוחד, און וועלכען איך האָב כלומרשט א גאַנצען לעבען פערבראַכט.

ווערנער'ס הענד האָבען עפּעס אָנגעהויבען צו ציטערען — א זאַך, פון וועלכער ער האָט קיין מאָל ניט געוואוסט. זיינע געדאַנקען האָבען אָנגעהויבען אַלץ מעהר און מעהר זיך צו בע־וועגען. ס'האָט זיך איהם געדוכט, אז פייערדיגע זיילען דרעהען זיך אין קאָפּ, זוכען א וועג ווי צו אַנטלויפען פון זיין מאַרך, זוכען ווי צו וואַרפען ליכט אויף די פינסטערניש ארום... סוף כל סוף האָט זיך די פלאַם דורכגעריסען און דער האָריזאָנט האָט זיך אָנגעצונדען מיט א בלענדענדען גלאַנץ.

די אונערקלערבארע פערמאַטערטקייט, וואָס האָט געפּיי־ניגט ווערנער'ן אין פערלויף פון די לעצטע צוויי יאָהר, איז פערשוואונדען געוואָרען אין אָנגעזיכט פון טוידט. זיין שעהנע יוגענד איז געקומען צוריק. ס'איז געקומען עפּעס נאָך שעה־נערעס, ווי זיין פראַכטפאָלע יוגענד. מיט דער וואונדערבאַ־רער קלאָרקייט פון גייסט, וואָס הויבט אמאָל אויף א מענשען אויף דער העכסטער מדרגה פון קאָנצענטרירטען דענקען, האָט ווערנער פלוצים דערזעהען דאָס לעבען און דעם טוידט, מיט אמאָל... און די גרויסאַרטיגקייט פון דיזען נייעם בילד האָט אויף איהם א שטאַרקען איינדרוק געמאַכט. ס'האָט זיך איהם געדוכט, אזוי ווי ער וואָלט געגאַנגען איבער די העכסטע און שפּיציגסטע בערג, אויפ'ן שאַרף פון א חלף... פון איין זייט האָט ער געזעהען לעבען ; פון דער אַנדער זייט — טויט ; און זיי האָבען אויסגעזעהען, ווי צוויי ים'ען, שעהנע און פינקעלדיגע ים'ען, וואָס גיסען זיךביידע צוזאַמען אויפ'ן האָריזאָנט אין איין גרענצלאָזען אויסגוס...

„וואָס זשע איז דאָס?" האָט ער געטראַכט. „וואָס פאַר א געטליכער ספּעקטאַקעל? — האָט ער זיך שטיל און לאַנג־זאַם געזאָגט.

פלוצים האָט ער זיך אויפגעהויבען, אויסגעשטרעקט און

שלאַנק געמאַכט זיין קערפּער, אַזוי ווי פּאַר איהם וואָלט גע־ווען די געטליכקייט אַליין. און פערניכטענדיג אין זיין געדאַנק די ווענט, די שטרעקע און די צייט, האָט ער מיט דער קראַפט פון זיין דורכנעהמענדיגען בליק אַריינגעוואָרפען זיינע אויגען אין די טיפעניזשען פון דעם לעבען, וועלכעס ער האָט פערלאָזען.

און דאָס לעבען האָט אַן אַנדער אויסזעהן געקראָגען. ער האָט שוין מעהר ניט געפּרובט, אַזוי ווי אַמאָל, צו איבערזעצען דאָס וועזען אין ווערטער; נאָכמעהר, אין דעם גאַנצען אוצר פון דער מענשליכער שפּראַך, וועלכע איז אַלץ אַזוי אָרים און עלענד־קארג, האָט ער ניט געקענט געפינען די פּאַסענדע אויס־דרוקען. די נידערטרעכטיגע, שמוציגע און שלעכטע ערשיינונגען, וואָס פלעגען ביי איהם אַרויסרופען אַן עקעל און אַ פעראַכטונג צו מענשען זיינען אין גאַנצען פערשוואונדען. פּונקט אַזוי, ווי פון אַ לופט־פליהער, וואָס הויבט זיך העכער, אַנטלויפען די שמוציגע, קויטיגע, שמאָלע געסלעך, וואָס ווערען פערוואַנדעלט אין ווייטע, שעהנע, אונזיכטבאַרע בילדער...

ניט ווילענדיג איז ווערנער צוגעגאַנגען צום טיש און האָט זיך אויף איהם אָנגעשפּאַרט מיט זיין רעכטער האנד. ווער־נער'ן האָט קיין מאָל ניט אויסגעפעהלט דאָס וואגען און די אויטאָריטעט, אָבער זיין האַלטונג איז קיין מאָל ניט געווען אַזוי שטאָלץ, אַזוי פריי און אַזוי הערשעריש, ווי איצט. מען האָט נאָך קיין מאָל ניט געזעהען אויף זיין געזיכט אַזאַ מין קוק און ער האָט קיין מאָל ניט געהאַלטען זיין קאָפּ אַזוי הויך פערריסען. ווייל ער איז קיין מאָל ניט געווען אַזוי פריי און אַזוי שטאַרק, ווי ער איז איצט, ערב דער הינריכטונג, אויפ'ן שוועל פון טוידט...

אין זיינע העל־בעלויכטענדע אויגען האָבען מענשען אַן אַנ־דער אויסזעהן בעקומען — עפּעס זיינען זיי געוואָרען אַזוינע שעהנע און צויבערנדע. ער האָט געשוועבט איבער דער צייט און דער מענשהייט, וועלכע האָט נאָך נעכטען געבילט ווי אַ וויל־דע חיה,—אָט דיזע מענשהייט איז נאָך קיין מאָל אַזוי יונג און

צוויבערהאפט ניט געווען. דאס, וואס ביז איצט איז געווען שרעקליך אונפערצייהליך און נידריג, איז מיט איין מאל גע־ווארען ריהרענד און נאאיוו. אזא מין ליעבע פיהלט מען צו קינדער, וועלכע מיר האלזען און קושען אפילו ווען זיי פאלגען נים און פלאפלען ניט־געשטויגענע זאכען; אזא מין ליעבע פיהלט מען צו קינדער, בעת זיי מאכען א לעכערליכען פעהלער און א פאלשען שריט, אדער בעת זיי פערקייכען זיך פון א שמערצליכען קלאפ.

„מיינע טייערע פריינד!“ — האט ער געפלאפעלט.

וואו ס׳איז געלעגען דער געהיימניספולער וועג, וועלכער האט איהם געפיהרט פון געפיהל פון אונבעגרענצטער און שטאל־צער פרייהייט צו דיעזען ליידענשאפטליכען און ריהרענדען רחמנות — האט ער ניט געהאט קיין שום ידיעה. האט ער טאקי מיטלייד געהאט מיט זיינע חברים? אדער אין זיינע טרערען איז אפשר בעהאלטען געווען עפעס אזוינס, וואס איז מעהר ליידענשאפטליך, עפעס אזוינס, וואס איז מעהר גרויס? זיין הארץ, וואס איז פלוצים תחית המתים אויפגעשטאנען און אויפגעבליהט, האט איהם קיין ענטפער ניט געקענט געבען אויף זיינע פראגען. ווערנער האט זיך צוואויינט און שטיל גע׳סוד׳עט: „מיינע טייערע פריינד! מיינע טייערע פריינד!“

און קיינער ניט — ניט די ריכטער, ניט זיינע חברים, ניט ער אליין—וואלטען געקענט דערקענען אין דיעזען מאן, וואס האט געהליפעט און געשמייכעלט דורך טרערען, דעם קאלטען, שטאלצען, סקעפטישען און חוצפה׳דיגען ווערנער׳ן.

די לעצטע קויל

פון מ. אַלגין.

געבאָרען אין 1874, אין רוסלאַנד. בעלעטריסט און פובליציסט.

און די ווינקלען הויבט זיך לאַנגזאַם א פינסטער־ניש — א טיעפע מרה־שחורה. אויף די שוואַרצע אומעט־פליגעל שוועבען לאַנגע, וויי־כע שאָטענס, און צוויי אויגען, שוואַרצע, טיע־פע, ברייט־געעפענטע, ברענען אין א פיעבער־פלאַם, קוקען גלייך אין מיין נשמה... און די שטים קלינגט:

„... ס'איז שוין נאַכט געווען. מיר זיינען צוויי אין שטוב געוועזען: מיין יונגע שוועסטער און איך. ווייט פון מענ[illegible], ויי[illegible]; א מדבר, אליין — איך און זי. אין מיין רע־וואָלווער אי[illegible] איין איינציגע קויל נאָך געבליבען...

נאַכט. אָהן א ליכט. שטיקער פינסטערניש, קאַלטע, האַרט־פערגליווערטע, רוקען זיך פון אַלע זייטען, קומען נעהענ־טער און דריקען. און די שטילקייט לויערט. און דאָס בלוט פריהרט אין הארצען, און עס קלאַפט אין קאָפּ, ווי שטיינער. וואָס קלינגט דאָס? וואָס בליצט?

שטיל. א ים פון שוואַרצען טויטען־פינסטערניש קוקט אריין אין שטוב. מחנות שוואַרצע פויגלען פלאַטערען מיט זייערע פליגעל, שוועבען אום אין אַלע זייטען, קלאַפּען אין מיין פענסטער. וואָס ווילען זיי? אינמיטען גרויסען הויף א קליין לאַמטערנדיל — פון גאָט און לייט פערגעסען. און עס וויינט מיט קורצע שטראַהלען־טרערען און גיסט זיי אין דעם פייכטען ים פון דער נאַכט.

וואס איז דאס? ווער האט אויסגעשפּרייט א דינעם רויטען שלייער אין דעם נעבעל פון דער נאכט? האט דער גיהנם דאס א הויך געטהאן? האט מען בלוט אריינגעגאסען אין דעם שווארצען פעך? קוקט זיך איין: רויטע שטראהלען שניידען דורך די געדיכטע נאכט. רויטע כוואליעס וויעגען זיך און פליסען אין דעם שווארצען ים.

עס ברענט די שטאדט... אין מיין צימער ליעגט א רויטער שימער אויף דער וואנט, און איך זעה מיין שוועסטער... קינד מיינס! שטילע טרוימען פון מיין הארצען, העלער זונען־שטראהל! צוויי גרויסע טרערען־פעריל האבען לאנגזאם זיך געקייקעלט איבער איהר געזיכט און א שטומע פראגע האט מיט אנגסט געשריען פון די גרויסע אויגען. און דער פנים איז געוועזען וויים ווי קרייד... קינד מיינס, קינד מיינס!..

... שטילער! עס געהט שוין. שטילער, רידער זיך נישט פון ארט! אט איז דאס. עס ברומט פון דער וויטענס. עס רוישט און רוקט זיך אלץ ווייטער, און די ערד קרעכצט. די נאכט איז רויט, די נאכט טוט גליהען אין א העליש פייער. און א שטראם פון קולות גיסט זיך, וואקסט און פלאמט און ווערט פערפלאכטען מיט די פייער־צונגען. נעהנטער אלע ווייל.

דאס זיינען זיי. פון דער ערד ביז דעם שטומען, ווייטען הימעל — א געשריי. און זיי לאכען, צייהנער קריצען, טויטע ביינער קלאפען; זיפצען שטילע גליטשען זיך איינזאם אויף דער נאסער ערד, און פון וועהטאג יאמער־קלאנגען, שארפע, בלאנקע, ווי די מעסערס, שטעכען דורך די רויטע לופט. דאס זיינען זיי. אין א שדים־טאנץ א ווילדען דרעהען, ווארפען זיך געשרייען, רויטע, שכור׳ע, פערבלוטיגטע; טאנצען, שפּרינגען, ווערען ברייטער, ווערען גרעסער, העכער, שארפער, פילען אן דעם גאנצען הימעל, פילען אן די וועלט!...

און שוין נאהענט, אונזער הויז בעלאגערט. עפעס קלאפט מען, עפעס הילכט און ציטערט. קינד מיינס!

פול דער הויף. רויטע פאקעלן ברענען. פאסען רויך

וויעגען זיך איבער די קעפּ. מען געהט, עפּעס ברומט. איין לאַנגער אנגסט־געשריי האָט דורכגעלעכערט דאָס הויז ערגעץ דאָ, ערגעץ נאָהענט, און פערשטאַרבען באלד. און זיי געהען וויי־טער, ווייטער, שוועסטער מיינע! קוק נישט, מאַך נישט וויין מיין הארץ מיט דיינע גרויסע רחמנות־אויגען!

זיי געהען, אַט דאָ, א שלאַנג, א לאַנגע, א שווערע, רוקט זיך אויף די טרעפּ. ס'קרעכצט דאָס האַלץ, ס'קנאַקט און קנאַלט, און ס'ציטערען די ווענט. ס'ברויזען חוואַליעס, ס'רוישט א שטורם. ניין! דאָס געהען זיי. און דאָס גאַנצע הויז — עס ליעגט פערציטערט, ס'ליעגט פערשטאַרבען, אין א טויטער אנגסט. און אין מיין רעוואָלווער איז געבליבען איין איינציגע קויל...

טראַך!... עס פּלאַצט און שאַקעלט זיך די טהיר. טראַך! נאָך איין קורצער אויגענבליק. נישטאָ קיין צייט! שוועסטער; האָסט זיך אָנגעקלאַמערט אָן מיין רעכטער האנד, און דו ציטעהסט, און דו פרעגסט ביי מיר אָהן ווערטער, און דו וואַרטסט פון מיר אַן ענטפער. און די אויגען זיינען טרוקען, און עס פלאַמט אין זיי דיין יונגע צאַרטע זעעל. איך, — דיין ברודער, דיין בעשיצער, איך. גלויבסט אין מיר? האָפסט נאָך? גלויב נישט; האָף נישט; קיינער וועט דיך שוין נישט שיצען! קיי־נער... קינד מיינס! יונגע צאַרטע בלום...

אַט שטעהען זיי פאר דיר. אין די אויגען בלוט און פייער; אויף די ליפּען שאַנד. זיי לאַכען. ווילדע תאוה רייסט ארויס פון הארצען ווילדע קולות. זייער הייסער אָטעם ריהרט שוין דיינע ווייכע לאָקען, פלעקט דעם ווייסען ריינעם שטערן. און עס ציהען זיך די הענד צו דיר... שטעהט....

„אין רעוואָלווער איז ביי מיר איין קויל געבליבען. זי האָט דיך, מיין שוועסטער, אויסגעלעזט. נישט געציטערט האָט מיין רעכטע האנד... ווי א בלימעל האָסטו זאַנפט דיין קאָפּ געבויגען. און א העלער טראָפּען בלוט איז אויף דער זייד פון דיינע האָר געפאַלען. און דיין זיפץ איז אויף מיין ברוסט פערשטאָרבען“.

װעגען נײע און אַלטע געבאָטען

פון פריעדריך ניעטשע

(1844—1900)

בעריהמטער דײטשער דיכטער און פילאָזאָף.

ברידער מײנע, אַלע ערשט געבאָרענע װערען פון שטענדיג אָן געבראכט פאר א קרבן — און מיר זײנען ערשט געבאָרענע.

מיר אַלע װערען נאָך געאָפּפערט צו די אַלטע געצען און פערבלוטיגט אויף געהײמע, בע־האַלטענע מזבחות.

אונזער פלײש אין צארט, אונזער הויט — די הויט פון א לעמעל; — װי זאָלען מיר ניט צורײצען די פריסטער פון די אַלטע געצען!

אין אונז אַלײן זיצט ער נאָך, דער פריסטער פון'ם אַלטען, אונזער בעסטעס אין אונז פרעסט ער נאָך אויף. אָ, ברידער מײנע, װי זאָלען די ערשט געבאָרענע ניט זײן אָפּפער?

אָבער דאָס װילען די ערשטגעבאָרענע און איך האָב ליעב יענע, װאָס היטען ניט זײער הויט.

* * *

אָ, ברידער מײנע, פון נײעם אדעל זאָלט איהר מיר זײן. — די זײהער פון צוקונפט, ערציהער און שאפענדע.

אָבער ניט פון יענעם אדעל, װאָס איהר קענט זיך אײנ־קויפען מיט הענדלער־גאָלד: װאָס פאר א װערט האָט דאָס, װאָס האָט א מארק־װערט...

ניט מיט דעם, פון װאָס איהר שטאמט, זאָלט איהר שטאָלץ זײן, נור מיט דעם, װאוהין איהר געהט! אײער װילען און די טריט אײערע, װאָס געהען װײטער פון אײך, — דערין זעהט אײער נײע עהרע!

וואַהרהאַפטיג ניט דערין, וואָס איהר האָט א פירשט גע־דינט — וואָס זיינען איצט פירשטען! — אָדער וואָס איהר האָט בעשיצט דאָס, וואָס שטעהט, עס זאָל פעסטער שטעהען.

און ניט דערין איז די עהרע אייערע, וואָס אייערע געשלעכ־טער זיינען אין קייזערליכע הויפען היימיש געווען און האָבען זיך אויסגעלערענט, ווי בונטע פלאַמינגאָס, שעה'ווייז שטעהן אין קליינע טייכלעך.

און ניט דאָס אויך, וואָס דער גייסט, זייער הייליגער גייסט, האָט געפיהרט אייערע אורעלטערען אין די געבענשטע לענדער, וואָס זיינען מיר ניט צום הארצען; ווי קען איך לויבען ערד, וואָס האָט געבוירען דעם קרייץ?

אָ, ברידער מיינע, ניט צוריק זאָל קוקען אייער אָדעל, נור פאָראויס! פערטריבענע פון דעם לאַנד פון אייערע פאַטערס דאַרפט איהר זיין!

דאָס לאַנד פון אייערע קינדער זאָלט איהר ליעב האָבען; די נייע ליעבע אדעלט אייך, — די ליעבע צום לאַנד, וואָס ליגט אין די ווייטסטע וואַסערען, צום נאָך־ניט־ענטדעקטען לאַנד: זוכען זאָלען איהם אייערע שיפען!

אין אייערע קינדער דאַרפט איהר אויסלעזען דאָס, וואָס איהר זייט קינדער פון אייערע פאַטערס: אַלעם פערגאַנגענע דאַרפט איהר רעכטפערטיגען און אויסלעזען! דאָס דאָזיגע נייע געבאָט הענג איך אויף איבער אייך!

* * *

אָ, ברידער מיינע, בין איך דען אונדערבאַרעמדיג? אָבער איך זאָג: דאָס, וואָס פאַלט, דאַרף מען נאָך א שטויס געבען!

אַלעס היינטיגע, איצטיגע פאַלט און צופאַלט! ווער עס גלוסט זיך עס איינהאַלטען! אָבער איך — איך וויל עס שטוי־סען און צושטויסען!

ווייסט איהר, ווי גוט עס איז אַראָבצוקאָלעזען שטיינער אין די שטילע טיפעניש׳ען? די דאָזיגע היינטיגע מענשען — טהוט א קוק, ווי זיי גליטשען זיך אַראָב אין מיינע טיפענישען.

פון דער טיעפעניש פון הארץ

איך בין נור א פארשפיל, א ברידער מיינע! און בעסערע שפילער וועלען קומען. א ביישפיל! טהוט נאך מיין ביישפיל. קענט איהר עמיצען ניט אויסלערנען פליהען, לערענט איהם אויס — שנעלער פאלען.

מאַרטירער

פון מדרש.

די רוימישע רעגירונג, די מרשעת, האָט ארויסגע־לאָזט א גזרה אומצוברענגען פון דער וועלט די גרעסטע אידישע תלמידי חכמים. כאַפּט מען ר׳ שמעון בן גמליאל׳ן און ר׳ ישמאל׳ן דעם כהן גדול, און מען פיהרט זיי ארויס צום טויט.

האָט זיך ר׳ שמעון צואווייִנט.

זאָגט איהם ר׳ ישמאל:

— יונגער פירשט! נאָך א פּאָר שריט — און דו געהסט איבער אין׳ם שוים פון די צדיקים, און דו וויינסט נאָך!

זאָגט ר׳ שמעון א פערטרויערטער:

— ווי זאָל ניט אויסגעהן מיר מיין הארץ, אז איך וויים ניט אַפילו פאר וואס איך קום אַב? איך האָב דאָך דעם גזר נאָך ניט פערדינט.

ענטפערט איהם ר׳ ישמאל:

— ווי קענסטו וויסען, צי דו האָסט די שטראָף פערדינט צי ניט? מעגליך, אז אימיצער איז צו דיר אמאָל געקומען פרעגען עפּעס א וויכטיגע שאלה אָדער א דין־תורה און דו האָסט זיך ניט געאיילט און געלאָזט דעם אָרימען מענשען ווארטען, ביז דו וועסט זיך אָנטהון די שיך אָדער איינהילען אין דיין קלייד — און אזוי האָסטו מצער געווען א מענשען, צי מעהר, צי וועניגער — קומט דיר טויט־שטראָף פאר אזא זינד.

— רבי, דו האָסט מיך געטרייסט, — האָט שטיל געענטפערט ר׳ שמעון.

און נאָך דערצעהלט מען וועגען די הייליגע מענשען, אז זיי ביידע — ר׳ שמעון און ר׳ ישמאל — האָבען זיך געבעטען, אז ס׳איז געקומען זייער לעצטע שעה, ביי׳ם תלין. איינער זאָגט:

איך בין א כהן גדול, דער זוהן פון א כהן גדול, טויט מיך פריי־ הער, איך זאָל ניט זעהען דעם טויט פון מיין חבר. און דער אנדערער בעט זיך: איך בין א פירשט, פון דוד המלך׳ס איי־ ניקלעך, טויט דו **מ י ך** פריהער איך זאָל ניט זעהען דעם טויט פון מיין חבר.

זאָגט דער תלין: ווארפט צווישען זיך גורל.

איז געפאַלען דער גורל אויף ר׳ שמעון בן גמליאל.

נעהמט דער תלין דעם שווערד און קעפּט איהם. הויבט ר׳ ישמאל אויף דעם אָבגעהאַקטען קאָפּ, דריקט איהם צו צו דער ברוסט, וויינט און שרייט: אָ, היילינע לעפּצען, אָ וואָהרהאפטיגע לעפּצען! אָ לעפּצען, וואָס פּערל האָבען זיך פון זיי געשאָטען, וואָס וועט איצט זיין מיט אייך? אָך און וועה!

אזוי האָט געיאָמערט דער צדיק.

האָט דערזעהען דעם קיסר׳ס טאָכטער פון׳ם פענסטער דעם היילינען מענשען און איז געבליבען פערגאַפט פון זיין שענקייט. בעט זי דעם פאָטער: שענק איהם דאָס לעבען. ענטפערט דער פאָטער, אז ער קען איהר ניט טהון צוליעב. אויב אזוי, — בעט זי איהם, — טהו מיר א קלענער געפאַלען, בעפויל מען זאָל אָב־ שינדען גאַנצערהייט די הויט פון זיין קאָפּ, וועל איך זיך אין איהר שפּינלען. האָט דער קיסר צוליעב געטהון זיין געליעבטער טאָכטער.

ווי מען האָט גענומען שינדען ר׳ ישמאל׳ן דעם קאָפּ, האָט ער פּלוצלינג ארויסגעלאָזט א שרעקליכען ביטערען געשריי, אז הימעל און ערד זיינען פערציטערט געוואָרען, און פון׳ם צווייטען — האָט זיך גאָט׳ס שטוהל פון אָרט גערוהרט.

לאָזט זיך הערען א בת קול: וועט ר׳ ישמאל ארויסלאָזען נאָך איין געשריי, וועט זיך איבערקעהרען די גאַנצע וועלט. ווי ר׳ ישמאל האָט דאָס דערהערט, איז ער אנטשווינען געוואָרען. שטיל איז אויסגעגאַנגען זיין ליכטיגע נשמה.

אין געפענגניש

פון ל. האַלפּער.

קעפּ אָבגעשאָרענע,
קליידער צוריסענע,
אויגען פאַרלאָשענע,
לייבער פאַרשמיסענע.

ביבער געלעזטע לאַנג,
בריעף אָנגעשריבענע,
אָרימעס טאָגבוך־העפט!
שורות — צוריבענע.

הערצער צוטראָטענע,
רייד צוגעגעסענע, —
אַ. איהר געפענגניש־טעג,
האַלב שוין פאַרגעסענע!

[illegible] אַ [illegible]

א טרוים.

ארטור דייוויס.

פון דער טיעפעניש פון האַרץ

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט דאָס לאַנד, דאָס פערבאָטענע;
זילבריג בלאָהען די בערג,
נאָך פון קיינעם געטראָטענע.
ערגעץ טיעף, ערגעץ טיעף
אין דער ערד איינגעקנאָטענע,
וואַרטען אוצרות אויף אונז,
זוניג־העלע, פערשאָטענע.

ל. האַלפּער.

נייע הימלען און נייע ערד

גיט איהר, שטאַרקע, לויב צו גאָט, גיט איהם אָב עהרע.

גאָט'ס שטימע הערט זיך איבער די וואַסערען, זיין שטימע דונערט איבער די גרויסע וואַסערען.

מעכטיג איז זיין שטימע און פול מאַיעסטעט.

זיין שטימע צוברעכט די צעדער־בוימער, די מעכטיגע צעדערען פון לבנון.

ער טהוט זיך א ריהר און זיי טאַנצען, ווי לוסטיגע קעלבלעך.

גאָט'ס שטימע צורייסט די פייער־פלאַמען און שיידט זיי אָב.

פון זיין שטימע ציטערען אויף די וויסטעענישען, און געציטערט האָט די מדבר קדש.

גאָט'ס שטימע ריהרט די הינדען, אנטבלויזט די וועלדער און אלעס ארום זינגט, לויבט איהם.

תהלים כ"ט.

נייע הימלען

פון זשאן זשארעס.

1859—1914

בעריהמטער פיהרער פון די פראנצויזישע **סאציאליסטען.** איינער פון די גרעסטע רעדנער פון דער מאדערנער צייט.

ערב די גרויסע געשעהעניש‍ען, וואס האבען געבראכט צום וועלט־קריעג, האט זשארעס אין ברייססעל אויף די זיצונגען פון אינטער־נאציאנאלען ביורא אין די לעצטע טעג פון יולי 1914 און נאכ־דעם אין פאריז מאביליזירט אלע קרעפטען פון סאציאליזמוס און דע־מאקראטיע געגען דעם מלחמה־געשפענסט.

ער איז געפאלען א קרבן פון זיינע איבערמענשליכע אנשטרענ־גונגען פאר פריעדען.

א פאנאטישער מאנארכיסט, אן אגענט פון די ראיאליסטען און רע־אקציאנערען, האט מיט א רעוואלווער־שאס איבערגעריסען דאס לעבען פון דעם גרויסען מענשען, וואס איז געפאלען דער ערשטער מארטירער פון דער בלוטיגסטער מלחמה אין דער געשיכטע פון פעלקער.

ווען סאציאליזם וועט זיעגען און טריאומפירען, ווען דער גייסט פון פריעדען וועט בעזייטיגען דעם ליארם פון שלאכט, ווען אלע מענשען וועלען הא־בען זייער טייל אייגענטום אין ריעזיגען מענשלי־כען קאפיטאל, ווען זיי וועלען האבען זייער טייל דעה אין דער ריעזיגער מענשליכער טהעטיגקייט — דאן וועלען אלע מענשען וויסען, וואס הייסט גליק און זעלבסט ווירדע; דאן וועלען זיי זיך אלע פיהלען מיטארבייטער אין דער אלוועלטליכער ציוויליזאציאן, און זיי וועלען זיך אזוי פיהלען ווען ס׳וועט זיך האנדלען זאגאר וועגען דער גראבסטער און קלענס־טער האנד־ארבייט. די גאנצע פראדוקציע בכלל וועט זיין נא־בעלער, הערליכער און ברידערליכער. זי וועט זיין אזוי רעגולירט אז די ארבייטער וועלען אימער האבען פרייע צייט אויף צו דענ־

קען און פאָלקאָמענע מעגליכקייט צו פערברייטערען זייער וועלט אנשויאונג.

זיי וועלען בעסער פערשטעהן די פערבאָרגענע בעדייטונג פון לעבען, וועלכעס ציעלט צו הארמאָניזירען, צו צוזאַמענגיסען אַלעמענס נשמות, אַלעמענס קרעפטען, אַלעמענס פרייהייטען. זיי וועלען בעסער פערשטעהען די געשיכטע פון דער מענשהייט. און זיי וועלען איהר ליעבען, ווייל דאָס וועט זיין זייער געשיכטע, און ווייל זיי וועלען זיין די יורשים פון דער גאַנצער מענשליכער ראַסע. ענדליך וועלען זיי בעסער פערשטעהן דעם אוניווערסיום. זעהענדיג, ווי דער גייסט און דאָס בעוואוסטזיין זיעגען אין דער מענשהייט, וועלען זיי גיך פערשטעהן, אז דער אוניווערסום, פון וועמענס שוים די מענשהייט איז ענטשטאַנען, קען ניט זיין געמיין און בלינד. זיי וועלען דאַן פערשטעהען, אז דער גייסט איז איבעראַל, אז די נשמה איז איבעראל און אז דער אוניווערסום, די וועלט — איז, איינפאַך, א ריעזיגע צוזאַמענשטראָמענדע שטרעבונג צו אָרדנונג, צו שענהיים, צו פרייהייט און צו גוטסקייט.

זייער שטאַנדפונקט, פון וועלכען זיי וועלען קוקען אויף זאַכען און ערשיינונגען, וועט זיין אַן אַנדערער. זיי וועלען קוקען מיט נייע אויגען ניט נאָר אויף זייערע ברידער און פריינד, נור אויך אויף דער ערד און אויפ'ן הימעל, אויף די פעלזען אויף די בוימער, אויף די חיות, אויף די בלומען און אויף די שטערען.

משיח

פון דוד איינהאָרן.

געבאָרען אין 1886, אין קאָרעליטש, מינסקער גוב. זיין ערשט
ליעד איז געווען געדרוקט אין 1904.

עס קלינגען די קייטען ביים טויער פון רוים —
דאָרט זיצט ער מיט אָפענע וואונדען.
זיי וועהטאָגען, קינד מיינס, מיט אונזערע לייד,
און ווערען נישט קיינמאָל פערבונדען.

און טויזענדער יאָהרען פערגעהען אזוי
אין שטילע יסורים ביים טויער.
און טיעף אין איהם קלייבט זיך דער אייביגער וועה,
און ס'וואקסט אלץ דער אויביגער טרויער.

נאָר תשעה באב, ווען עס קומט האלבע נאכט,
און פול ווערט מיט רחמים דער הימעל,
דאַן פאלען צוויי שטערען אראָב, און ער ווערט
פערוויגט אין א הייליגען דרימעל.

דאַן נידערט די שכינה אראָב אויף זיין קאָפּ
און קושט איהם מיט ליעבע אין שטערן,
און טרייסט איהם און וויזט איהר די גאולה אין טרוים,
און וויינט מיט בעהאלטענע טרעהרען.

וועגען רחמנות

פון פ. ניטשע.

וואהרהאפטיג, איך האָב ניט ליעב די גוטע מענשען, וואָס האָבען רחמנות אויף אנדערע און דאָס רחמנות זייערס מאַכט זיי גליקליך: זיי האָבען אַזוי וועניג בושה.

דער עדלער מענש פערזאָגט זיך ניט פערשעמען קיינעם: בושה האָט ער און שעהמט זיך פאַר יעדען, וואָס ליידעט.

אויב איך מוז שוין רחמנות האָבען, וויל איך דאָך ניט, מען זאָל זאָגען: ער איז אַ בעל־רחמים; און בין איך גוט צום ליידענדען, וויל איך גוט זיין פון דערווייטענס.

איך האָב ליעב צו בעהאַלטען מיין געזיכט פונ'ם ליידענדען און אַנטלויפען, איידער ער וועט דערקענען מיך; טהוט אַזוי, איהר פריינד מיינע.

זאָל מיין שיקזאַל מיך פיהרען אין די וועגען פון יענע, וואָס ווייסען פון קיין ליידען ניט, איך זאָל קענען טיילען מיט זיי מיין האָפנונג, מיין האָניג און ברויט!

וואַרהאַפטיג, איך האָב געטהאָן אָפט טובות אומגליקליכע וואָס ליידען; אָבער מיר דוכט זיך, אַז אַן אמת'ע טובה טהו איך זיי, לערנענדיג זיי זיין פרעהליכער.

אַלע זיינע יאָהרען האָט דער מענש זיך צו וועניג געפרעהט: דאָס איז, ברידער מיינע, אונזער זינד!

און וועלען מיר זיך אויסלערנען מעהר פרעהען זיך, וועלען מיר שעהמען זיך טהאָן שלעכטס יענעם.

דעריבער וואַש איך די האַנד, וואָס כ'האָב אויסגע־שטרעקט דעם אומגליקליכען, און דערצו וויש איך נאָך אָב די זעעל פון אומריינקייט.

ווייל ווען איך האָב געזעהן דעם אומגליקליכען אין זיין אומגליק, האָב איך זיך געשעהמט מיט זיין שאַנדע; און ווען איך האָב איהם אויסגעהאָלפען, האָב איך אָהן רחמנות געטראָ־טען זיין שטאָלץ.

איך בין פון יענע, וואָס האָבען ליעב צו שענקען! איך וויל אָבער מיינע מתנות געבען מיינע פריינד, ווי אַ פריינד, אַ גלייכער, און זאָלען פרעמדע און אָרימע אַליין אראָברייסען זיך פרוכטען פונ'ם גאָרטען מיינעם; דאָס וועט זיי וועניגער פערשעהמען.

און בעטלער דאַרפען אויסגעראָטעט ווערען! וואָהרהאַפ־טיג, דו ווערסט אין כעס, וואָס דו גיסט זיי אַ נדבה, און ביסט אין כעס, אויב דו גיסט זיי גאָרנישט.

וועה די ליבענדע הערצער, וואָס קענען ניט דערהויבען זיך איבער רחמנות.

איך וואָרען אייך אַנטקעגען גוטהארציגקייט און רחמנות, פון יענער זייט דערנעהנטערען זיך שווערע וואָלקען;

געדענק די דאָזיגע ווערטער: יעדע גרויסע ליעבע איז העכער פון רחמנות. ווייל דאָס וואָס זי האָט ליעב, וויל זי נאָך — בעשאַפען.

— זיך אַליין וועל איך אָפּפערען דער ליעבע מיינער, און מיין נאָהענטען, אַזוי ווי זיך, — אַזוי רעדען אַלע שאַפענדע.

און אַלע שאַפענדע זיינען האַרט

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטרא.

אַהין, אַהין...

פון א. ליעסין.

אהין ערהויבט זיך ווייט מיין זעלע,
ארויף אין יענעם־שעהנעם לאַנד,
וואו ריין און מעכטיג שלאָגט די קוועלע
פון לויטער וואָרהייט און פערשטאַנד.

וואו ריין און מונטער געהט דאָס לעבען,
און פריי און שטרעבענד איבעראַל,
און שטאָלץ די הויכע גייסטער שוועבען
אנטקעגען שיין פון אידעאַל.

וואו אימער פריהלינג בליהט די יוגענד,
און אימער מאָרגען שטעהט די צייט,
ערפילט מיט העלדענמוט און טוגענד,
ערפילט מיט ליעבע און מיט שטרייט.

וואו טיעף און הייליג איז דאָס פיהלען,
און גליקליך איז זאָגאָר דער שמערץ,
און ס'ווייס פון גרענצען ניט דער ווילען,
און ס'ווייס פון אומעט ניט דאָס הארץ.

דאָס דריידעל

פון שלום עליכם.

„דער אַלמנה'ס אינגעל" — קיין אַנדער נאָמען האָב איך נישט געהאַט אין חדר. וואָס עפּעס „דער אַלמנה'ס אינגעל"? מחמת מיין מאַמע איז געווען אַ אידענע אַן אַלמנה, זיך דורכגעשלאָגען אַליין מיט איהר אייגענער האָרעוואַניע, געהאַלטען אַ באַקאַליינע קלייט, וואָס מעהר פון אַלסדינג איז דאָרטען געווען, ווערליג איך געדענק, קרייד און באָקסערן — די צוויי מינים, וואָס האָבען אַ שאַרפען אָבגאַנג ביי אונז אין מאַזעפּעווקע: קרייד בעדאַרף מען האָבען אויף שמירען די שטיבער, און באָקסערן איז אַ נאַשעריי, וואָס איז אי זיס, אי עס געהט אַ סך אויף דער וואָג, אי עס קאָסט וואָלוועל. חדר־אינגלעך ברענגען אוים דערויף דאָס גאַנצע געלד פון די אָנבייסענס מיט די מיטאָגס, און די קרעמער ביי אונז ציהען דערפון שעהן פּרנסה. בשום אופן האָב איך נישט געקענט פערשטעהן, פאַר וואָס די מאַמע קלאָגט זיך שטענדיג, זאָגט, אַז עס טראָגט איהר קוים־קוים אויף קלייט־געלד און אויף שכר־למוד? וואו זיינען די איבריגע זאַכען, וואָס אַ מענש בעדאַרף האָבען: למשל עסען, אַ קלייד, אַ שוך וכדומה? דער גאַנצער קאָפּ איהרער איז געלעגען אין'ם שכר־למוד: „אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט — זאָגט זי — און האָט צוגענומען ביי מיר מיין מאַן, אַזאַ מאַן, און מיך געלאָזט איין אַלמנה, אַ יוגענד, איינע אַליין, וויל איך כאָטש, אַז מיין זוהן זאָל קאָנען גוט לערנען". וואָס זאָגט איהר אויף דעם משל? איהר מיינט אפשר, אַז זי איז נישט געגאַנגען אַלע מאָל אין חדר אַריין געוואָהר ווערען ווי אַזוי איך לערן? פון דאַוונען שמועסט מען נישט, אַז זי האָט אַכטונג געגעבען אויף מיר, איך זאָל דאַוונען אַלע טאָג. זי האָט מיר נאָר גע־

וואָלט איינרעדען, איך זאָל זיין כאָטש האַלב ווי מיין טאַטע, עליו השלום, איז געווען. און אַלע מאָל, ווען זי האָט זיך גוט צוגעקוקט צו מיר, פלעגט זי זאָגען, אַז איך בין אין־גאַנצען „ער", מיר צו לאַנגע יאָהר. און בשעת מעשה זיינען ביי איהר די אויגען געווען ווי בענעצט. און מאָדנע פערזאָרגט איז געווען דאָס פנים איהרס, בעצויגען מיט אַ שוואַרצען טרויער.

לאָז ער מיר מוחל זיין, דער טאַטע מיינער, אויף יענער וועלט, איך האָב איהם נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס איז ער געווען פאַר אַ מענש, וואָס, ווערליג די מאַמע דערצעהלט זיך אָן פון איהם פלעגט ער כסדר אָדער לערנען, אָדער דאַוונען? שוין זשע האָט איהם קיין מאָל נישט געצויגען ווי מיך אין דרויסען אַרויס זומער אין דער פריה, בשעת די זון ברענט נאָך נישט אַזוי שטאַרק, הויבט ערשט אָן אַרויסטרעטען אויפ'ן גרויסען הימעל, שפּאַציערט מיט אַ גרויס איילעניש ווי אַ פייערדיגער מלאך אין אַ פייערדיגער קאַרעטע מיט פייערדיגע פערד, וואָס איז אונמעגליך צו קוקען זיי אין זייערע שטאַרק לויטערע, ברענענדיגע, גין־גאָלדענע פנים'ער? וואָס פאַר אַ טעם, פרעג איך אייך, האָט אין אַזאַ געטליכען פריה־מאָרגען דאָס וואָכעדיגע דאַוונען? וואָס פאַר אַ טעם האָט נאָכדעם דאָס זיצען און לערנען אין'ם ענגען ווייסטען חדר, בשעת די גין־גאָלדענע זון האַלט אין רעכטען סמאַליען, אָנגעגליהט די ערד ווי איין אייזערנע סקאָווערעדע? דעמאָלט ציהט דאָס אייך גאָר אַהין אַראָב באַרג צום טייך, צו יענעם שעהנעם טייך, וואָס איז בעדעקט פון אויבען מיט גרינעס, און אַ מאָדנער ריח, אַ ריח פון שוויצבאָד לאָזט זיך הערען פון דער ווייטען; דעמאָלט גלוסט זיך אייך אויסטהון אויף דער גיך און אריינשפּרינגען העכער האַלב אין דעם אָנגעוואַרעמטען וואַסער, וואָס אונטען אויפ'ן דעק איז דאָס קיהללעך און מאָדנע גליטשיג און ווייך־בלאָטיג, און פערשיעדענע בעשעפענישען, וואָס ווידמען זיך אין די אָבגרונטען פון'ם טייך, האַלב פישלעך, האַלב זשאַבקעלעך, שוועבען, שוועבען אַהן אַ שעור פאַר די אויגען, און מאָדנע פליגען, קאָמאַרעס

מיט די לאנגע פיס גליטשען זיך, שליטלען זיך איבער׳ן וואסער פון אויבען; דעמאלט גלוסט זיך אייך אריבערשווימען אויף יענער זייט, אהין וואו די ברייטע, קיילעכיגע, גרינע בלעטער וואקסען און סע שעמערירט פון זיי ארוים ווייסע און געלע צוויקלעך, און סע קוקט אויף אייך א גרינע, פרישע ווערבע מיט ווייכע, פרישע צווייגען. און איהר טהוט זיך א לאז און פאלט אריין מיט די הענד אין בלאטע און פאליאסקעט־חאליאסקעט מיט די פיס פון יענער זייט, מען זאל מיינען, אז איהר שווימט. וואס פאר א טעם, פרעג איך אייך נאך אמאל, האט דאס זיצען אין שטוב אדער אין חדר זומער פאר נאכט, בשעת דער גרויסער, רויטער הימעל־קוגעל לאזט זיך אראב פון יענער זייט שטאדט אויף דער ערד, צינדט אן דעם שפיץ קלויסטער און בעלייכט אויף דעם רויטען שינדעל־דאך פון דער באד און, להבדיל, די גרויסע אלטע פענסטער פון דער גרויסער קאלטער שוהל, און פון דארטען פון אונטער׳ן שטאדט געהט די טשערעדע, ציגען לויפען, שעפעלעך מעקען, דער שטויב וואקסט, געהט ביז׳ן הי־מעל, און זשאבעס קוואקען, זשאבעס גרעגערן, סע רעשט, סע גרילצט — א טארעראם, א יריד, א הארמידער! ווער האט אין זינען איצטער דאוונען? ועמען קריכט אין קאפ אריין איצטער לערנען? געהט־זשע רעדט אבער מיט מיין מאמען, — וועט זי אייך זאגען, אז ער, עליו השלום, האט נישט אזוי געטהון, ער, עליו השלום, איז געווען גאר איין אנדער מענש. וואס פאר א מענש איז ער געוועז, זאל ער מיר מוחל זיין, וויים איך נישט; איך ווייס נאר, אז מיר דערקוטשעט די מאמע זעהר שטארק, דערמאהנט מיר אלע מאל, אז איך האב געהאט א טא־טען און ווארפט מיר אוים צעהן מאל א טאג דאס שכור־למוד, וואס זי צאהלט פאר מיר, און פערלאנגט פון מיר נאר צוויי זאכען, זאגט זי: גוט לערנען און ווענען דאווענען.

פון תהלים

פון דעם שטראהלענדען כסא הכבוד האָט ער געווענדעט זיין טיעפען אלץ־זעהענדען קוק אראָב צו, כדי צו הערען די זיפצען אין תפיסה און בעפרייען די פער׳משפט׳ע צום טויט.

וואָס ווילען מיר ?

פון אַ רעדע, וואָס ראָבעספּיער האָט געהאַלטען אין נאַציאָנאַלען קאָנווענט, דעם 6־טען פעברואַר, 1794.

מיר ווילען אַזאַ אָרדנונג, אין וועלכער אַלע ניעדריגע און גרויזאַמע ליידענשאַפטען זאָלען געשמיעדט ווערען אין קייטען. מיר ווילען אַזאַ אָרדנונג, אין וועלכער אַלע וואוילטהעטיגע און גרויסמוטהיגע ליידענשאַפטען זאָלען אויפגעוועקט ווערען פון געזעץ.

מיר ווילען, אַז אנשטאַט פערזענליכען עהרגייץ זאָל הערשען די ליעבע צום פאַטערלאַנד און אַז בעסערע און ערגערע זאָלען געפינען זייער מוטער אין דער גלייכהייט.

מיר ווילען, אַז דער בירגער זאָל אונטעראָרדנען זיך דער רעגירונג, די רעגירונג זאָל זיך אונטערוואַרפען דעם פאָלק און דאָס פאָלק זאָל זיך בויגען פאַר דעם יושר.

מיר ווילען אַז דאָס פאַטערלאַנד זאָל פערזיכערן דעם וואוילשטאַנד און דאָס גליק פון יעדען איינציגען בירגער און אַז יעדער איינציגער בירגער זאָל מיט שטאָלץ נעמען אַנטהייל אין דער ערליכקייט פון פאַטערלאַנד.

מיר ווילען, אַז די קונסט זאָל קרוינען די נאָבעלע פרייהייט און אַז די אינדוסטריע זאָל ווערען אַ קוואַל פון געזעלשאַפטליכען אייגענטום, אנשטאַט צו ליעגען אין די הענד פון איינציגע מענשען.

מיר ווילען מאָראַל אנשטאַט עגאָאיזם, עהרליכקייט אנשטאַט כבוד, פּרינציפּען אנשטאַט מנהגים און פליכטען אנשטאַט מצוות.

מיר ווילען די מאַכט פון פערנופט אנשטאַט די טיראַניי פון דער מאָדע; מענשענווירדע אנשטאַדט העזה, די גרויס־

קייט פון גייסט אנשטאט דער קליינליכקייט פון בענעהר.

מיר ווילען די ליעבע פון גלאָריע, אנשטאדט די ליעבע צו געלד, א גוטע הארץ, אנשטאט א גוטען שותף, פערדיענסטען אנשטאט אינטריגעס.

מיר ווילען געניאוס אנשטאט שפאס, דעם אמת אנשטאט גלאנץ, דעם צויבער פון גליק אנשטאט די ערנערנישען פון לייד־ענשאפט.

מיר ווילען די גרויסקייט פון מענשען אנשטאט דער קליינ־ליכקייט פון גדולים. מיר ווילען זעהען דאָס פאָלק גרויסמוטהיג, מעכטיג און גליקליך, אנשטאט איהם צו זעהען פערצערטעלט, לייכטזיניג און פערביטערט.

דאָס הייסט, אז מיר ווילען אלע גוטע מדות פון דער רע־פובליק אויף דעם פלאץ פון אלע פערברעכענס און לעבערליכקיי־טען פון דער טיראניי.

די פרייע אַרבייט

פון שאַרל פוריע.

ביז דער לעצטער צייט האָט נאָך דער שטאאטס־מאן און דער פילאָזאָף ניט א טראכט געטהון אפילו ווי אזוי קען שווערע ארבייט ווערען אָנציהענד.

כדי צוצובינדען דעם מענשען צו דער אַרבייט, האָבען זיי, אויסער שקלאפעריי, ניט געפונען קיין אנדער מיטעל ווי שרעק פאר הונגער און נויט.

אויב אָבער אונז איז שוין יאָ בעשערט אזא מזל, אויב דער גרויסער שעפפער האָט שוין אזוי בעוואָרענט, אז מענשען זאָלען דארפען אַרבייטען, — דאן פרעגט זיך א קשיא, פאַרוואָס ער זאָל אונז דארפען צו דעם נויטען מיט געוואלד. פארוואָס, וויע־דער, זאָל ער ניט זיין אימשטאנד אונז צוציהען מיט העכערע מאָטיווען, און מיט ערהאבענערע מיטלען? דאן וואלט דאָך די אַרבייט אין א פערגניגען פערוואַנדעלט געוואָרען.

די וועלט — שפּעטער

פון קאַרל קאַוטסקי.

בעריהמטער סאָציאַליסטישער טהעאָרעטיקער, גייסטיגער פיהרער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער בעוועגונג. געבאָרען 1854.

בעפרייען די ערציהונג און די וויסענשאַפטליכע פאָרשונג פון די קייטען פון דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט; בעפרייען דעם אינדיווידואום, די פּערזענליכקייט פון דער שווערער, אויסצערענדער פיזישער אַרבייט; פערוואַנדלען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן אין אַ פרייע, בעוואוסטזיניגע קאָאָפּעראַציאָן פון פרייע פערבאַנדען — איבער דיעזען וועג געהען די שטרעבונגען פון פּראָלעטאַרישען רעזשים...

די רעגולירונג פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען — די איינאָרדנונג פון סאָציאַלען תהו ובהו פון איין זייט און די בעפרייאונג פון דער פּערזענליכקייט פון דער אַנדערער זייט — דאָס זיינען די צוויי היסטאָרישע אויפגאַבען, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דער געזעלשאַפט.

עס קען זיך אויסדוכטען, אַז דיביידע פּראָבלעמען שטעהען אין אַ טיפען ווידערשפּרוך, אָבער אין אמת'ען איז דאָס ניט אַזוי און זיי קענען געלעזט ווערען אין דער זעלבער צייט, ווייל זיי וואַקסען אויס צו צוויי פערשידענע ספערען פון לעבען.

קאָמוניזם אין דער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן, אַנאַרכיזם אין אינטעלעקטועלען, גייסטיגען שאַפען — דאָס איז דער טיפּ פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, וועלכע וועט געשאַפען ווערען פון דער פּראָלעטאַרישער האַנד.

פון יודזשין וו. דעבס' אַ רעדע

די געזעצען פון ענטוויקלונג האָבען בעשטימט אז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט מוז פאַלען. א געהיימניספולע האנד שרייבט עס אויפ'ן וואנד מיט ווערטער פון פייער. די טראַסטען מאַכען אַן איבערקעהרעניש אין דער אינדוסטרי, און באַלד וועט דאָס פאָלק מאַכען אַן איבערקעהרעניש אין'ם לעבען, נעמענדיג אריין אין זיינע הענד די טראָסטען. סאָציאַליזם איז אונפערמיידליך. די נייע וועלט וואָס ווערט געבויט אויף די חרבות פון דער אַלטער וועלט איז א סאָציאַליסטישע וועלט.

די צוקונפטיגע אָרדנונג וועט זיין געגרינדעט אויף דעם געזעלשאַפטליכען בעזיץ פון לעבענס־מיטלען און פּראָדוקציאָן, און זיין וועט דאָס אַן אָרדנונג, אין וועלכער פרידען וועט הערשען און אין וועלכער עס וועט זיין פאַר אַלעמען אַלעס גענוג. דער ברוטאַלער קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ וועט מעהר ניט זיין, און מיליאָנען אומגליקליכע וועלען זיין ארויסגעריסען פון דעם צוואַנג פון אָרימקייט און הונגער. פּראָסטיטוציאָן און דער ווייסער־שקלאַפען האַנדעל, וועלכע זיינען אויפגעהאַלטען און בעשיצט געוואָרען אין דער אַלטער אָרדנונג, וועלען זיין א שרעק פון דער פערגאַנגענהייט.

עס וועלען הערשען נאָר דאָס געזעלשאַפטליכע געוויסען און דער געזעלשאַפטליכער גייסט. די גאַנצע געזעלשאַפט וועט זיין ווי ניי געבאָרען, די גאַנצע ראַסע — ווי אונטער אַ נייעם הימעל. עס וועט זיין ארבייט פאַר אַלעמען, רוה פאַר אַלעמען און לעבענסגליק פאַר אַלעמען.

פון דער טיעפעניש פון הארץ

עס וועט זיין א קאנקורענץ, אבער ניט ארום א שטיקעל ברויט. מען וועט קאנקורירען איבער דעם ווער עס זאל מאכען א בעסער שטיקעל ארבייט, ווער עס זאל בעסער דינען דער געזעלשאפט. יעדעס קינד וועט האבען די מעגליכקייט אויפצוּוואקסען געזונד אין קערפער און גייסט און אויפצוהויבען זיך צו די העכסטע שטאפּעלען פון ערפאלג אין לעבען.



וואס גיב איך אייך?

פון וואלט וויטמאן.

וואס גיב איך אייך און וואס זיינען מיינע וואונדער?
רעאליטעט גיב איך אייך—מיינע וואונדער. נעמט זיי צו
מיט א ברייטער האנד,
נעהמט זיי אהן א סוף — איך שיט זיי אוים אויף אייער וועג,
וואוהין אייערע פים קענען אייך פיהרען אדער די אויגען גרייכען.

הערט! וואס רעדט איהר אזוי פיעל פון א וואונדער?
פרעגט איהר מיך, ווייס איך נור פון וואונדער און וואונדער.

צי איך געה איבער די גאסען פון מאנהעטען,
אדער וועגד מיין קוק איבער די דעכער פון הייזער צום הימעל,
אדער געה מיט נאקעטע פים איבער'ן ברעג, ארום דעם ראנד
פון וואסער,
אדער שטעה אונטער די בוימער אינ'ם געדיכטען וואלד,
אדער רעד ביי טאג מיט איינעם אדער איינער, וועלכע איך האב
ליעב, אדער שלאף ביי נאכט מיט יענעם אדער יענער, וואס
איך האב ליעב,
אדער זיץ ביים טיש צו מיטאג מיט מיין מוטער,
אדער קוק אויף פרעמדע מענשען אנטקעגען מיר אין טראם,
אדער זעה די ביהנען האסטיג זיך בעוועגענדיג ארום דעם
ביהנען־שטאק אין א זומער־טאג,
אדער בהמות, וואס פיטערען זיך אין פעלד,
צי פויגעל, צי וואונדערבארע אינזעקטען אין דער לופטען,
אדער דעם וואונדערבארען זונען־אויפגאנג, די שטערען, וואס
שיינען אזוי רוהיג און העל;
אדער צי איך געה ארום צווישען יענע, וואס זיינען מיר ליעב.

מייסטענס און פייסטענס האבען מיך ליעב — די שיפער,
בעלי־מלאכות און ערד־ארבייטס־לייט,
אדער צווישען געלעהרטע — אויף אן אבענד אדער אין אפערא,
אדער צי איך שטעה א צייט, קוקענדיג אויף די בעוועגונגען
פון די מאשינען,
אדער בעטראכט די קינדער, פערטהוענע אין שפיעל,
אדער דעם פאלקאמענעם אלטען מענש און אלטע פרוי,
אדער די קראנקע אין האספיטעלער, און די טויטע, וואס
ווערען געפיהרט צו דער קבורה,
אדער זיך אליין, מיינע אייגענע אויגען און געשטאלט אין
שפיגעל, —

זיי אלע און די איבעריגע, אלעס צוזאמען, איז וואונדער ביי מיר,
אלעס אין־איינעם און יעדעס בעזונדער אין זיין ארט.
יעדער טראט רוים א וואונדער,
יעדער קוואדראט־יארד אויבערפלאך פון ערד איז מיר
פערזעהט מיט וואונדער,
יעדער קוביק פוס פון דער ערד'ס אינגעוויד שוויבעלט מיט
וואונדער;
יעדעס גרעזעל, די גלידער פון מאן און ווייב און אלעס,
וואס האט מיט זיי צו טהאן,—
זיי אלע, אלע זיינען וואונדער אונענדליכע.

די נייע געזעלשאַפט

פון ראָבערט אָוען.

(1771‑1858.)

**איינער פון די פּאָטערס פון דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק און סאָ־
ציאַליסטישער טעטיגקייט.**

די פערגאַנגענהייט האָט גמעוזט אונפערמיידליך שאַפען די געגענוואַרט; אַזוי ווי די געגענ־וואַרט איז אַ נויטווענדיגער גליד פון דער צו־קונפט.

די פערגאַנגענהייט האָט געבראַכט אויף דער וועלט אַן אַבשטויסענדע, אונאָרגאַ־ניזירטע, אונוויסענדע און, מעהרסטענטיילס, אַן אונ־גליקליכע געזעלשאַפט. די געגענוואַרט, אָבער, ענטוויי־קעלט פון זיך אַלע עלעמענטען, וואָס מען דאַרף צו שאַפען אַן אַנציהענדע, אָרגאַניזירטע, אויפגעקלערטע און גליק־ליכע צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענשליכער ראַסע, און פאַר אַלע טיילען פון דעם ערד־קוגעל.

די, וואָס האָבען וועגען דעם אַ בעגריעף, ווייסען, אַז דער מאַטעריאַל איז פאָלקאָם צוגעגרייט אויף צו שאַפען דיעזע גליק־ליכע צייט. אָבער, כדי צו עררייכען מיט ערפאָלג דעם ענדגיל־טיגען רעזולטאַט, מוזען די מאַטעריאַלען ווערען אויף אַ קלוגען אופן, אויסגענוצט. דאַן ערשט וועט מען זיין אימשטאַנד צו אָרגאַניזירען די נייע געזעלשאַפט אויף אַ וויסענשאַפטליכען באַ־דען; נעמליך: זיך גרינדענדיג אויף דער פּינקטליכער וויסענ־שאַפט פון דער מענשליכער נאַטור. דארום דאַרף מען איצט אַריינציהען דאָס פאָלק אין דער אויספאָרשונג פון דיעזער נאַ־טור — פון דיעזער וויכטיגער ערשיינונג אין לעבען, וועלכע איז פונקט דער געגענזאַץ פון די פאַלשע אידעען און פּאַראורטיי־לען, וואָס זיינען פון קינדווייז אָן אַריינגעקלאַפּט געוואָרען אין די מוחות און אין די מנהגים פון פאָלק.

די צוקונפט פון קונסט

פון עמיל וואַנדערוועלדע

אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פיהרער, מיטגליעד פון בעלגישען מיניסטאָרען־קאַבינעט זינט דעם אָנפאַנג פון וועלט קריעג.

ס'איז פיעל מאָל געזאָגט געוואָרען, אַז די קונסט, אין איהרע פערשיעדענע פאָרמען, איז דער טרייער שפיעגעל פון דער געזעלשאַפט.

ביי היינטיגען טאָג, שפיעגעלט די קונסט אָב די ענטווישונג פון דער אָבשטאַרבענדער בורזשואַזיע פון איין זייט, און פון דער אַנדער זייט די ליידען, די שרעקען און די האָפנונגען פון פראָלעטאַריאַט.

אין דעם מאָרגען פון צוקונפט וועט די קונסט אָבשפיעגלען דעם רוהיגען פריעדען פון גליקליכע דורות, וועלכע וועלען זיין פטור פון אָרעמקייט און וועלכע וועלען מיט זייערע אייגענע אָנ־שטרענגונגען גרינדען דאָס קעניגרייך פון ארבייט און די רעגירונג פון ברידערליכקייט.

איך וויל, אַז דאָס לעבען זאָל זיין, ווי אַ טאַנץ

פון ברוך נ. טשאַרני.

כ׳וויל, אַז דאָס לעבען זאָל זיין, ווי אַ טאַנץ!
ס׳דרעהען זיך פּאָרען אַהן אויפהער ארום, ווי פער׳כשופ׳ט ארום,
שמייכלענדיג ערנסט און ריידענדיג שטום,
און ס׳צינדען זיך אויגען,
עס בינדען די הענד
אַ לעבעדיג־אָטמענדען קראַנץ —
כ׳וויל, אַז דאָס לעבען זאָל זיין, ווי אַ טאַנץ!

כ׳וויל, אַז דאָס לעבען זאָל זיין, ווי אַ טאַנץ...
ס׳טוליען זיך, פלעכטען זיך, הוידען זיך קערפּער אין טאַקט דער מוזיק,
ס׳טרוימט זיך פון נאַכטיגעם זודיגעם גליק,
און ס׳פלאַמען די ליפּען
צוזאַמענגעפּרעסט,
די באַקען — מיט רויטליכען גלאַנץ —
כ׳וויל, אַז דאָס לעבען זאָל זיין, ווי אַ טאַנץ!

כ׳וויל, אַז דאָס לעבען זאָל זיין, ווי אַ טאַנץ!..
צווייפלען און וועהען און וואונדען פערשווינדען, פערוועהען אין לופט,
ס׳אָטעמט מיט ליידענשאַפט, ליכט און פערגניגען די ברוסט,
און ס׳וואַכט אויף די ליעבע
און לאַכט אַזוי זאַנפט,
זיס איז דער וויין און דער בעכער איז גאַנץ —
כ׳וויל, אַז דאָס לעבען זאָל זיין, ווי אַ טאַנץ.

„און זיי וועלען צושטויסען זייערע שווערדען אויף
אקעראייזען“.   דזשוליוס בוטינסקי.

פון דער פינסטערניש

פון העלען קעלער

די בעריהמטע בלינדע מיידעל אין אמעריקא, געבארען אין 1880. געבארען בלינד, טויב און שטום, איז זי דאך דערגאנגען צו די העכסטע שטופען פון וויסען און אינטעליגענץ דורך אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען און גרויסער ווילענסקראפט.

טריט ביי טריט האט מיך מיין בלינדע זוכעניש געבראכט אין דער אינדוסטריעלער וועלט, און וואס פאר אן ענטוישונג! פנים אל פנים בין איך אוועקגעשטעלט געווארען געגען דער וועלט — א וועלט פון פערדארבענהייט און אונגליק, פון בלינדקייט, שלעכטס און זינד, א וועלט וואס קעמפפט געגען די קרעפטען פון דער נאטור, געגען דער אונבעוואוסטזיניגקייט, געגען זיך אליין. ווי זשע זאל איך צוזאמענפארען אט דיזע ווירקליכע וועלט מיט דער שעהנער וועלט, וואס איך שטעל זיך פאר אין מיין אידעאל? אין מיין חשך איז אריינגעדרונגען א שטראהל פון ליכט, איך האב זיך געלאזט געהן, האב אבער געפונען שטרויכלונגען אין וועג און טאפען האב איך געמוזט אין דער סאציאלער בלינדקייט. אין אנפאנג בין איך געווען אונגליקליך, אבער מיין איבערדענקען און איבערטראכטען האט מיר צוריק די האפנונג געגעבען; פיהלענדיג די ליידען און צרות פון מענשען, האב איך זיך דערוואוסט צום ערשטען מאל אין מיין לעבען וועגען דער לעבענסקראפט, וואס איז העכער פאר דעם כח פון פינסטערניש — די יענינע קראפט, וועלכע האט, אמת, נאך קיין מאל ניט געהאט א פולשטענדיגען זיעג, אבער וועלכע האלט איין איין זיעגען און זיעגען איבער אונזערע שונאים. דער פאקט, וואס מיר האלטען נאך אלץ אן דעם שטרייט געגען א מחנה פון צושטערער, בעווייזט, אז אין אלגעמיינעם איז דער

קאַמפּף גינסטיג פאַר אונז. דאָס גרויסע האַרץ פון דער וועלט האָט געפונען איהר גלייכען אין דער וואונדערבאַרער אונבעגרע־נעצטער גרויסקייט פון איהר געטליכען בעשאַפער. זי ווערט אָב־געשטויסען, דאָס האַרץ, און דאָך ניט פערחלש'ט. זי ווערט אָב־הענדיג פון זעלבסט־קוועלונג און דאָך געפינט זי צוריק דעם פערלאָרענעם גלויבען; זי איז אונערשראָקען, האַלט אָן פעסט און אַרבייט צוליב ווייטע, אונערמעסליך ווייטע ציעלען. שוועריגקייטען און אַנגסט זיינען ניט אימשטאַנד אָבצושוואַכען דעם מוטה פון דעם גלויביגען האַרץ, וואָס הערט נאָר איין קול, נעמ־ליך דעם געהיימניספולען קול וועלכער מורמעלט: שרעק זיך ניט אָב, האַרץ, — דער אידעאַל פון לעבען ליעגט אין דער צוקונפט".



די פערזענליכקייט אין דער צוקונפט

פון אָסקאַר ווײלד.

די צוקונפטיגע געזעלשאפט וועט געבען יעדען איי־
נעם די מעגליכקייט צו ענטפלעקען זיין אינדי־
ווידואליטעט ; די דאָזיגע מעגליכקייט האָט איצט
ניט יעדער איינער. נור יענע, וואָס טראָגען אויף
זיך ניט דעם יאָך פון ארבייט, קענען טהון, וואָס
זיי איז צום הארצען, נור זיי האָבען דאָס גליק
צו פערווירקליכען זייער פערזענליכקייט. די רייכע איז ערלויבט
צו זיין אינדיווידועל, אָבער ניט די אָרימע, וואס האָבען קיין
אייגענטום ניט און זיינען שטענדיג אויפ׳ן ברעג פון נויט און
הונגער. דאָס זיינען לאַסט־עזלען, וואָס ווערען געטריבען צו
דער שווערער, אונאַנגענעהמער, ניט־ליעבער ארבייט פון דער
אונזיניגער, ערנידריגענדער, אייזערנער נויט.

די אָרימע מענשען זיינען אויך אָרים אין גייסט : זיי האָ־
בען ניט קיין גראַציעזע מאַנירען, ווייסען ניט פון קולטור, זיי־
נען וויט פון לעבענספרייד און איידעלע פערגניגענס. זיי זיינען
ניט מעהר ווי א געצייג אין די הענד פון דער געזעלשאפט, אָבער
ניט קיין שעפּפערישע קראַפט, דאָס זיינען ניט פערזענליכקייטען,
נור אונבעדייטענדע אטאָמען פון א קראַפט, וואָס צוטרעט זיי.

מען וויל אונז איינרעדען, אז די ארימע זיינען דאנקבאַר
זייערע הארען, די גוטע, פילאַנטראפּישע בעלי צדקות. ניין !
די בעסטע צווישען די אָרימע זיינען קיינמאָל ניט דאַנקבאַר ;
זיי זיינען אונדאַנקבאַר, אונצופרידען, האָבען טענות און גוט
איז דאָס, וואָס זיי זיינען אונצופרידען און האָבען טענות.

פאַרוואס זאָלען די ארימע קלאסען זיין דאנקבאר, וואָס מען
ווארפט זיי צו ברעקלעך פונ׳ם גביר׳ס טיש אראב ? זיי האָבען
א רעכט צו זיצען ביי׳ם טיש אויבען אָן.

אויף טוגענדהאפטע ארימעלייט קען מען רחמנות האבען, אבער בעוואונדערען זיי איז אונמעגליך. זיי זיינען שלום געוואַרען מיט'ן שונא און האבען פערקויפט זייער בכורה פאר זעהר שלעכטע לינזען. איז דאס ניט נאריש? ווי קענען זיי צופריעדען זיין מיט אן ארדנונג, וואס אונטערדריקט זייער לייב, פערארימט דעם גייסט און מאכט צום עקעל זייער גאנץ לעבען?

די ליעבענדע, די אייביג־ליעבענדע!

פון וואלט וויטמאן.

שטאדט פון מיינע שפאציערגאנגען און פריידען!
ניט די בלענדענדע דעקאראציאנען דיינע — דאס אייביגע
לעבענס־שפיעל פרעהט מיין הארץ;
ניט די אונענדליכע רייהען פון דיינע הייזער אדער
שיפען אין דיינע האפענס
ניט די פראצעסיאנען אין די גאסען, ניט די העלע פענסטער
מיט די שעהנע זאכען אין זיי;
ניט די שמועסען מיט געלערנטע מענשען, אדער דאס
טאנצען אויפ'ן פעסט־אבענד, —
ניט זיי! —
ס'דערפרעהען מיין הארץ נור די שנעלע און אפטע
בליצען פון די אויגען, —
אויגען, וואס שענקען מיר ליעבע און ענטפערען מיר מיט ליעבע—
דאס דערפרעהט מיך!
די ליעבענדע, די אייביג־ליעבענדע — זיי נור טהוען
גוט מיין אויג.

די העכסטע שעה

פון פ. ניטשע.

וואָס איז דאָס העכסטע, וואָס איהר קענט איבער־לעבען? דאָס איז די שעה פון גרויסער פעראכ־טונג. יענע שעה, ווען אייער גליק ווערט צום עקעל אייך, אזוי ווי דער פערשטאַנד אייערער און די טוגענד אייערע.

די שעה ווען איהר זאָגט זיך: וואָס איז ווערט מיין גליק? דאָס איז אָרימקייט און שמוץ און נארישע זעלבסטצופריעדענהייט. מיין גליק האָט דאָך געדאַרפט רעכט־פערטיגען דאָס לעבען אליין.

די שעה, ווען איהר זאָגט זיך: וואָס איז ווערטה מיין פערשטאַנד! צי לעכצט ער נאָך דערקענטניש, ווי דער הונ־געריגער לייב צו שפייז? ער איז אָרימקייט, און שמוץ און נארישע זעלבסטצופריעדענהייט.

די שעה, ווען איהר זאָגט זיך: וואָס איז ווערט מיין טו־גענד! אין איהר האָב איך נאָך ניט פערלאָרען מיינע פינף זינען! דאָס אלץ איז אָרימקייט און שמוץ, און נארישע זעלבסט־צופריעדענהייט.

די שעה, ווען איהר זאָגט זיך: וואָס איז ווערטה מיין גערעכטיגקייט? בין איך דען געוואָרען א פלאַם און קויל? אָבער דער גערעכטער איז א פלאַם און קויל.

די שעה, ווען איהר זאָגט זיך: וואָס איז ווערט מיין רחמנות? איז דען ניט רחמנות דער קרייץ, אויף וועלכען יעדער איינער, וואָס האָט ליעב מענשען, מוז פערבלוטיגען? אָבער מיין רחמנות איז קיין קרייץ ניט!

האָט איהר שוין אזוי גערעדט?
האָט איהר שוין אזוי געשריען?

נייע הימלען און נייע ערד

אָ, ווען איך זאָל אייך הערען אזוי רעדענדיג!

ניט אייערע זינד — אייער זעלבסטצופריעדענהייט שרייט צום הימעל; די נישטיגקייט פון אייערע זינד שרייט צום הימעל.

אָבער וואו איז דער בליץ, וואָס וועט אייך בעלעקען מיט זיינע צונגען?

אזוי האָט גערעדט זאראטוסטרא.

גאָט, ווער וועט זיצען אין דיין געצעלט, ווער וועט רוהען אויף דעם הייליגען בארג דיינעם?

דער וואָס געהט אין'ם גלייכען וועג און טהוט דאָס רעכטע און טראָגט דעם אמת אין הארצען.

דער וואָס פערלוימדעט ניט מיט זיין צונג און טהוט ניט קיין שלעכטס זיין חבר און פעראַט ניט זיין ברודער.

דער וואָס פעראַכטעט די אומגערעכטע, און די גאָטס־פארכ־טיגע האלט ער הויך.

דער וואָס גיט ניט זיין געלד אויף צינזען און נעהמט ניט קיין געשאַנקען קעגען דעם אונשולדיגען — דער וואָס טהוט דאָס, וועט בעשטעהן אין אייביגקייט.

תהלים ט"ו

די ווינטער־זון

פון י. באוושאווער

(1915—1872)

געבארען אין ליבאוויטץ, מאהילעווער גוב. איז געקומען אין אמעריקא אין 1890. פולע זאמלונג פון זיינע שריפטען איז ערשיענען אין 1914.

נעבעל־גרויע וואלקען דעקען צו דעם הימעל,
די לופט איז שטיקענד, אונערטרעגליך איז איצט אין דער גאס!
ס'ליגט די גאנצע וועלט אין טיפען, דיקען שימעל...

לאנגזאם פאלט א ווייכער שנעע פון אויבען — שמוציג,
בלאטיג, שווארצליך בלייבט ער אונטען ליגען נאס....
קלעבט זיך אן די טריט, ליימיג, שווער און גליטשיג...
כ'שטעה ביים פענסטער שטיל און קוק ארוים אין דרויסען
מענשען יאגען, לויפען גיך... אהן צוועק... אהן ציעל...
דריקען, שטויסען, טומלען, איילען זיך און רוישען...

טרויריג, דונקעל, ווערט מיר אויפ'ן הארצען שווערער,
שווערער דריקט דער טיעפער וועה און שמערץ געפיהל,
דאך, וואס זעה איך? פלוצלונג ווערט דער הימעל קלערער:

די לופט ווערט צושפאלטען,
אין נעבעל דעם קאלטען
ווערט ליכטיגער, העלער,
און שנעלער און שנעלער
דערזעהען זיך קווייטען,
איינס שעהנער פון צווייטען,
וואס בילדען צוזאמען

פון ראָזיגע פלאמען
פיעל גאָלדענע טייכען —
אָ וואונדער ! אָהן גלייכען —
אין הייליגען שווייגען
דערזעה איך זי שטייגען
די זון — ס'ארא שעהנע,
א צויבערהאפט — ריינע —
און ווארעמע שטראהלען
לאָזט לאנגזאם זי פאלען
פון הימעל ארונטער
און אוים ווערט פון ווינטער.

די סינדיקאַליסטישע צוקונפטסאָרדנונג

פון עמיל פאטו און עמיל פוזשע.

צוויי פון די אָנגעזעהענסטע פיהרער פון דער רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַליסטישער בעוועגונג אין פראַנקרייך.

א) דער קאָנגרעס פון די יוניאָנס.

די דעלעגאטען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלע זייטען פון פראַנקרייך, פון אַלע פראָווינצען, פון אַלע פאַכען, פון אַלע פראָפעסיאָנען. אין דעם ריזיגען זאַל פון דעם קאָנגרעס האָט מען געקענט זעהן פויערים, לעהרער, פישער, דאָקטוירים, בוי־אַרבייטער, גערטנער, קוילענגרעבער און מעטאַל־אַרבייטער — קורץ, דעם תמצית פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

א גרויסאַרטיגען ריהרענדען איינדרוק האָט געמאַכט דיעזער מיטינג, אויף וועלכען ס'זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די ענערגישע, בעגייסטערטע קעמפפער פון דער רעוואָלוציאָן — כדי צו ערעפענען די נייע עפּאָכע; כדי אויסצודריקען און בעשטימען די פערלאַנגען פון פאָלק; כדי קלאָר צו מאַכען דעם וועג, אויף וועלכען צו געהן.

די אַלטע חברים, וועלכע זיינען געוועזען אויף אַזוי פיעל קאָנגרעסען, וועלכע האָבען אַזוי מוטהיג און לאַנג גענומען אַן אַנטייל אין קאַמפף געגען דער רעגירונג און די קאַפּיטאַליסטען און וועלכע האָבען זיך שוין מיאש געווען צו זעהן די פערווירקליכונג פון זייער אידעאַל — אָט די אַלע אַלטע קעמפפער האָבען געשטראַהלט פון פרייד. זייערע אינטימסטע טייערסטע האָפנונגען פון פערלאָפענע יאָהרען זיינען געוואָרען לעבעדיגע נעשטאַלטען, קאָנקרעטע מאַטעריעלע פאַקטען. דער פאַנטאַסטישער טרוים איז געוואָרען אַן אמת'ער לעבעדיגער צויבער פון דער

ווירקליכקייט. וויפיעל גליק האָט זיך דאָ געפיהלט, ווען די אַלטע וועטעראַנען האָבען זיך איינע די אַנדערע דערזעהען נאָך דעם גרויסען זיעג! זיי זיינען געווען טיעף געריהרט און פשוט גע־ציטערט פון התלהבות. זיי האָבען זיך געקושט, געהאַלזט זיך מיט אַ געהויבענעם שטראַהלענדען געמיטה.

די יונגע דעלעגאַטען האָט אויך אוועקגעטראָגען דער שטראָם פון אַ פיבערישער היציגער בעגייסטערונג. פיעלע פון זיי זיינען אַרויסגעשוואומען מיט די פּאַסירונגען, פאַר דער רע־וואָלוציאָן האָבען זיי אַליין ניט געוואוסט וועגען זייערע פעהיגקייטען, און ווען ניט דער מעכטיגער שטורם פון דער רע־וואָלוציאָן וואָלטען זיי נאָך עד היום געשלאָפען אין דעם שטי־לען זומפּ, וואָלטען זיי נאָך אַלץ קוים געלעבט אַ פּאַסיווען, גלייכגילטיגען לעבען.

אַ דאַנק דער רעוואָלוציאָן האָבען זיי דערזעהען בחוש מיט די אייגענע אויגען זייערע בעהאַלטענע אינערליכע קרעפטען.

און איצט ווערט זייער האַרץ פערפלייצט פון די ברויזענדע לײדענשאַפטליכע געפיהלען פון ענערגיע און ענטוזיאַזם. איצט זיינען זיי אַ גרויסע בעוועגענדע און טרייבענדע קראַפט.

ב) די אָרגאַניזאַציאָן פון געזעלשאַפט.

קודם כל האָט מען אָנגענומען רעזאָלוציאָנען, וועלכע מען האָט ניט געדאַרפט דיסקוטירען און אויסטייטשען: — אַזוי לאָגיש און אונפערמיידליך זיינען זיי געוועזען. די רעוואָלוציאָ־נען האָבען אַרויפגעוואָרפען אויף דער געזעלשאַפט די אויפגאַבע צו זאָרגען וועגען די קינדער, די קראַנקע און די אַלטע. דער־מיט האָט די נייע געזעלשאַפט דעמאָנסטרירט פאַר דער אַלטער, — ווי ווייט די צוקונפט וועט זיך אונטערשיידען פון דער פער־גאַנגענהייט.

צוויי שטרעמונגען האָבען זיך געלאָזט פיהלען אויפ'ן קאָנג־רעס. איינע איז געשטאַנען פאַר'ן ריינעם קאָמוניזם און האָט געפאָדערט די פולשטענדיגע פרייהייט פון געברויך פון די אויס־

געארבייטע פראדוקטען; די אנדערע איז אויך וועגען דורכגע־דרונגען מיט'ן פרינציפ פון קאמוניזם, אבער האט זיך געשטעלט אויפ'ן שטאנדפונקט, אז ס'איז נאך פריהצייטיג אנצואווענדען די קאמוניסטישע אידעען אין זייער גאנצען אומפאנג.

די צווייטע שטרעמונג האט געזיעגט און מען איז געקומען צו א פשרה.

פאלגענדער פלאן איז אנגענומען געווארען. יעדער מענש, אין וואס פאר א סאציאלער לאגע ער זאל נים זיין, האט דאס רעכט אויף איינע און די זעלבע בעלוינונג, וועלכע דארף אבער צוטיילט ווערען אויף צוויי טיילען. איין טייל דארף געהן אויף צופריעדענשטעלען די אלטעגליכע בעדערפנישען; דער אנדע־רער טייל דארף געהן אויף לוקסוס־זאכען.

דער ערשטער קלאס ענטהאלט אין זיך אלע בעקוועמליכ־קייטען, ווי שפייזען, קליידונג און אויך אלע אנדערע פראדוק־טען, וועלכע זיינען אין אזא איבערפלוס, דאס עס איז נים נויטיג צו בעשרענקען זייער געברויך. יעדער איינער האט דאס רעכט צו נעהמען פון די געזעלשאפטליכע מאגאזינען וויפיעל ער דארף. א ספעציעלע קארט, וועלכע מען דארף צייגען אין די קראמען און מאגאזינען פאר די אנגעשטעלטע, וועט זיין די איינ־ציגע פארמאליטעט.

אין צווייטען קלאס וועלען אריינגענומען ווערען פערשיע־דענע אנדערע פראדוקטען, וועלכע זיינען פון גרויסען ווערט און ווייניג אין צאהל, אויך זאכען וועלכע האבען נור א בעדייטונג אלס לוקסוס און צירונג. דער געברויך פון דיעזען קלאס פרא־דוקטען וועט מוזען בעגרענעצט ווערען — סיידען זיי וועלען זיך פערגרעסערען אין צאהל און אלע וועלען האבען צו זיי א גרינגערן צוטריט, דאן וועלען דיעזע פראדוקטען אריבערגעהן אין די ערשטע קלאסע.

אַ זעהונג

פון יהואָש.

איך האָב איהם ערגעץ וואו געזעהן —
איך ווייס ניט וואו און ווייס ניט ווען.

און שטענדיג ווען מיין הארץ איז קראַנק,
שוועבט ער אַרוים מיר אין געדאַנק.

זיין אויג איז מילד, זיין בליק איז העל —
ער שטילט דעם וועהטאָג פון מיין זעעל.

זיין וואָרט פאַלט ווייך ווי מאָרגענטוי,
איך שלינג עס און איך גלויב און טרוי.

זיין ווילען איז ווי פעלזען פעסט,
זיין הארץ איז ווי אַ וואַרמער נעסט.

„ער גלעט מיך און ער זאָגט: „דו ביסט
אַ לאַם, וואָס בלאָנדזשעט אין דער וויסט.

„דער וועג איז שווער און דו ביסט מיעד,
דאָך איך בין שטאַרק און נעהם דיך מיט“...

ער פיהרט מיך און איך פרעג ניט וואו,
דען וואו ער געהט — געהט מיט די רוה...

און כ׳פאָלג איהם וואָס און ווי ער הייסט,
דען וואָס ער זאָגט איז ליכט און טרייסט...

ארבייט איז לעבען: אין דער טיפעניש פונ'ם הארצען פון דעם ארבייטסמענש קוועלען די שטילע וואסערען פון דער דאַזיגער הימלישער קראפט. אלע טעארעטישע צווייפלען פערשווינדען, ווי נור א מענש נעהמט זיך צו א רעכטער ארבייט. זי דערוועקט אין איהם די ערעלסטע געפיהלען; זי פיהרט דעם מענשען צו אמת'ער דערקענטניש. אייגענטליך, קען מען דערגעהן צו אן אמת'ער דערקענטניש נור אינ'ם פראַצעס פון ארבייט. זי איז א פרואוושטיין פון יעדער דערקענטניש, פון יעדען אמת.

יעדע ארבייט איז אמת'דיג; אלעס איבריגע איז נור חקירה, סכאלאסטיק, פלפול, היפאָטעזען, עפעס וואָס שוועבט אין דער לופטען און האָט קיין ממשות ניט.

קאַרלייל.

פון דזשאן ראסקין

(1819—1900)

בעוואוסטער ענגלישער קריטיקער און שרייבער. האט ענטוויקעלט נייע בעגריפען וועגען ליטעראטור און האט פיעל געהאלפען ארייגצוברייגגען דעמאקראטישע געדאנקען אין דער ענגלישער ליטעראטור.

עס איז פיזיש אונמעגליך, אז אמת'ע רעליגיעזיטעט אדער ריינע מאראל זאלען זיך בעזעצען צווישען יענע קלאסען פון דער געזעלשאפט, וועלכע פערדיענען ניט עהרליך זייער ברויט מיט דער ארבייט פון זייערע הענד.

יעדען איינעם, וואס בעט ביי דיר, גיב, און פון דעם, וואס האט גענומען ביי דיר, ניט פאדער צוריק. און אזוי ווי איהר ווילט, אז מענשען זאלען זיך מיט אייך בעגעהן, אזוי בעגעהט זיך מיט מענשען.

לוקאס.

י גרויסע שעה

פון מנחם.

געבארען אין בריסק, גראדנער גוב., אין 1888. זיינע ערשטע ליעדער
זיינען ערשיענען אין 1906. דיכטער און פובליציסט.

עס וועט דאך אויסשלאגען די שעה פון נייעם וואונדער.
פון דארף ארום און געגענד, איבער זומערדיגע וועגען
וועט מען זיך ציהען מחנות'ווייז דער זון אנטקעגען
אין שטאדט אריין. ס'וועט יעדערער בעזונדער
אין זיינע קליידער פויערשע, אויף זיין פערשווארצטען פנים
מיט לויכטענדיגע אויגען טראגען די סמנים
פון זיינע הונגעריגע טעג און אומעטיגען הויז
אנטקעגען־צו דער פרייער וועלט ארויס.
עס וועלען פלאטערען אין ווינד די זוימען פון קאפאטען
ביי אלטע אידען, און די רויטע קעסטעלדיגע טיכער
אויף ווייבער אידישע; און אינגלעך, שפרינגענדיג נאך גיכער
פונ'ם ווינד, דעם וועג פערלויפען, פרעגענדיג: ווער האט עס
אזוי פיעל בלומען, מאמע, אויפ'ן וועלט פערזעהט?
און ס'וועט די מאמע ליכטיג ענטפערן: ס'איז אלץ, מיין קינד,
פון גאט, וואס האט אויף אונז דערבארימט זיך אצינד
און לייזט אונז אויס צו נחת און צו פרייד.

ביי'ם שטאדט־טויער, ביי א פערגראהטער וואנד,
פערזאמלען וועלען זיך די הארען פונ'ם לאנד
און אויסקוקען אין פעלד.

אין שווערע טעפיכער, אין פלאטערדיגע פאהנען,
אין בלומען פארביגע אויף טירען און באלקאנען
וועט זיי די שטאדט בעגעגענען. א יונגע טאכטער,

אין ווייסען זיידען־קלייד, א וויבער, א צופּאַרטער,
אין הענד — צופלאָכטענע די גאָלדענע קאָרן־קראַנצען,
וועט זיי, מיט לייכטע טריט, אנטקעגען טאַנצען.
און פון איהר בליק געריהרט, בעוועגט פון טאַנצען איהרען,
באַלד וועלען זיך די הענד און פיס צופיהרען
ביי׳ם גראָהען פּריץ, ביי דער פריידיג־וויינענדיגער מאַמען,
ביי׳ם אַלטען איד, ביי׳ם לעהר־אינגעל — און צוזאַמען
געפלאָכטען האַנד אין האַנד,
אַלץ ווייטער,
ווייטער,
וועט מען זיך לאָזען טאַנצען
אין דער לופט פערשייטער.

גאָרנישט, גאָרנישט, אפילו דער טויט קען ניט צונישט מאַכען דעם טריאומף פון׳ם גערעכטען מענשען, וואָס שלאָגט זיך פאר א גוטע זאַך; טאָ שרעק זיך ניט, טריי, אונבויגזאַם הארץ, טהו דיינס, שלאָג זיך מוטיג, געה פאָרויס, ניט קוקענדיג אויף גליק און אומגליק, און זיי זיכער, אז די גערעכטע זאַך, וועלכער דו דינסט, וועט זיגען. אומקומען וועט אַלעס אומגערעכטע, אָבער דאָס ריכטיגע, דאָס גערעכטע, דאָס אמת׳ע קען ניט פערלאָרען ווערען אין קאַמפף.

קאַרלייל.

דאָס קומענדיגע ליכט

פון אויגוסט בעבעל

(1840 — 1912)

אויגוסט בעבעל, וועלכער איז אין זיין יוגענד געווען אן אייג־פאַבער טאָקער, איז געווען דער גרינדער פון דער גרויסער, מעכטיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פארטיי אין דייטשלאַנד. ארום 50 יאהר איז ער געשטאַנען אין דער שפיץ פון א פאַרטיי, וועלכע האָט ניט אויפ־געהערט צו וואַקסען און וועלכע האָט ענדליך בעקומען מיליאָנען אָנ־הענגער און געוואָרען די צווייטע פאָליטישע מאַכט אין רייכסטאַג און אין לאַנד.

יעדער טאָג ברייננגט נייע בעווייזען, ווי שנעל אונזערע אידעען וואַקסען און ווי ברייט זיי זיינען פערשפרייט. אין אַלע לאַגערען איז אַ שרעק און אַ טומעל. דער מאָרגען דעמערט שוין, און אַ שעהנע צייט קומט אָן מיט מעכטיגע טריט.

לאָמיר זשע קעמפפען און שטרעבען פאָרווערטס!

און אויב מיר וועלען פאַלען אין דיעזער גרויסער שלאַכט פאַר דער עמאַנציפאַציע פון דער מענשליכער ראַסע, וועלען די, וואָס זיינען איצט הינטער אונז, אַרויסטרעטען פאָרווערטס אין די ערשטע רייהען פון שלאַכט.

און מיר וועלען פאַלען מיט'ן בעוואוסטזיין, אַז מיר האָבען געטהאָן אונזער פליכט אַלס מענשען און מיט דער איבערצייגונג, אַז דער ענדציעל וועט זיין עררייכט, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער ווידערשטאַנד און די עקשנות פון די פיינדליכע קרעפטען.

ניט קוקענדיג אויף קיין זאַך, איז די וועלט אונזערע — פאַר אונז אַרבייטער.

דער סאָציאַליסטישער גלויבען

פון דזשאָרדזש ד. הערראָן

געבאָרען אין 1862. אַ געוועזענער אַמעריקאַנער גלח. האָט זיך אָב־געזאָגט פון דער קירכע, כדי צו ווערען אַן אַקטיווער סאָציאַליסט.

ניט קוקענדיג אויף דער פּאַראַדאָקסאַלער און טוידטליכער נאַטור פון אונזער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג; ניט קוקענדיג אויף דער קראַנקהייט, וואָס האָט זיך איינ־געוואָרצעלט אין דער פּראָדוקציאָן; ניט קוקענדיג ווידער אויף דעם תהו־ובהו אין די מוחות, — זעהען מיר דאָך, ווי אַ נייע וועלט ווערט געבאָרען אין דעם שוים פון דער אַלטער וועלט.

און ווייט, ווייט, אין דער דונקעלהייט פון פּאַרטאָג קענען מיר שוין וואַרפען אַ בליק אויף די ווייכע שפּיץ־טורעמס און די גאָרטענס פון אַ נייער, נאָך ניט קיין געזעהענער שטאָדט.

און זי געהט, די נייע וועלט, זי קומט אָן און זי איז שוין גאָר ניט אַזוי ווייט, ווי מען רעכענט. דאָס איז אַ נייע וועלט, איינגעאָרדנעט מיט דער קלוגהייט פון אַ וואַרימען האַרץ; אַ וועלט, וואָס איז אַן אָרגאַניזאַציאָן פון אַ געזונטער און אַלגע־מיינער ליעבע; אַ וועלט, וואָס איז פריי פון די שרעקען פאַר'ן דלות.

איצט לאַכט מען פון די טרוימער וועגען בעסערע צייטען; מען פעראַכטעט זיי און מען לאַכט זיך פון זיי אויס. איצט, איז די נייע וועלט אַן אונבעקאַנטע, ניט קיין בעוואוסטע גע־שטאַלט. אָבער זאָל נור די אינסטינקטיווע און געפאַנגענע ליע־בע פון מענשען צו מענשען קריעגען איהר פרייהייט אויף דער זינדיגער ערד, — דאַן גיך, גיכער, ווי מיר דענקען, וואָלטען מיר געוואָרען קינדער פון אַ נייער משפּחה; מיר וואָלטען גע־זעסען ביי אונזער געמיינשאַפטליכען טיש און געזונגען דאָס ערהאַבענע ליעד פון דער אויפגעקלערטער, אויפגעלעבטער מענשהייט.—

די שטאָדט פון דער צוקונפט

פון ה. ג. וועלס

ענגלישער נאָוועליסט, געבאָרען אין 1866, פערפאַסער פון א רייהע פאַנטאַסטישע און פסיכאָלאָגישע ראָמאַנען, וואָס האָבען איהם פערשאפען אן אלוועלטליכע פּאָפּולאריטעט. פאר די לעצטע צייט האָט ער אָנגעשריעבען פיעלע ווערק, אין וועלכע ער וויזט ארויס זיין סימפּאַטיע מיט דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק.

דאָ, אין דעם צוקינפטיגען לאָנדאָן, וועט זיין דער טראַדיציאָנעלער צענטער פון איינער פון די גרעסטע ראַסען אין דעם אַלוועלטליכען שטאַאט. דאָ וועט זיין די בערזע פון זיינע קולטורעלע און סאָציאַלע אינטערעסען. דאָ וועט זיין אַ גראַנדיעזער אוניווערסיטעט מיט טויזענדער פּראָפעסאָרען און צעהנדליגע טויזענדער פּאָרטשריטליכע סטודענטען. און דאָ וועלען צוזאַמענפליסען פון אַלע זייטען די גרויסע צייטשריפטען וואָס זיינען געווידמעט דער פּאָרשונג, די גייסטרייכע ווערק איבער פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט. דאָ וועט ענטשטעהען אַ הערליכע פרוכטבארע פּראָדוקציאָן פון ליטעראַטור. דאָ וועלען זיין ריעזיגע ביבליאָטהעקען און רייכע מוזעאומס. ארום דיעזע אַנשטאַלטען וועלען זיך צוזאַמענגרופּירען אונצעהליגע מחנות פון מענשען. די פערשיעדענע קונסטען וועלען מיט אַ צויבער־רינג אַרומנעהמען די שטאָדט פון חכמה. און ענגלאַנד וועט דאַן וועבען אין וואונדערבאר־שעהנער פּראָזע און גלענצענד־דופּטענדער פּאָעזיע די פערוויקעלטע, שאַרפע און העלדענמוטהיגע פאַנטאַזיע פון דער בריטישער ראַסע.

הייליג און שעהן וועט זיין די צוקונפטס־שטאָדט. גרויסע אַרקען און רונדע קאָלאָנען וועלען בעציערען די קריסטאַלענע

טעמפּלען אויף די פריי־ברייטע פּלעצער פון שטאָדט. און די שלאַנקע שעהנהייט פון דער מעטאַלישער ארכיטעקטור וועט זיין געמילדערט פון דער מערכענהאַפטער הימלישער דורכזיכטיג־קייט פון דער צאַרטער, זאַנפטער לאַנדאָנער לופט.

דאָס וועט זיין די לופט, וועלכע איז פריי פון שמוץ און שטויב, די זעלבע לופט, וועלכע איז אזוי אונגעוועהנליך קלאָר און וועלכע מאַכט יעדען פּאַרגאַכט אין לאָנדאָן אזוי געהיימניס־פול שעהן.

מען וועט שפּאַצירען איבער געפּוצטע אַלעען פון א פּראַכט־פולער ארכיטעקטור, וועלכע וועט זיך אויסצייכענען מיט איהרע פרייערע, דרייסטערע ליניען און לייכטערע, מילדערע מאַטע־ריאַלען.

די מאַסען וועלען אויף שנעל־לויפענדע, פרעהליך־שטראָמענ־דע גאַסען־פּלאַטפאָרמען געבראַכט ווערען אין צענטראַלע גרויסע פּאַרקען, בעצירט מיט פּאַלמען, סטאַטועס און בלומען. —

די רעוואָלוציאָן

פון ריכאַרד וואַגנער.

א, די אַלטע וועלט ווערט צושמעטערט און פון די חורבות ווערט געבאָרען א נייע.

די ערהאבענע געטין פון שכל קומט מיט רעש אויף די פליגלען פון שטורם.

ארום איהר קאָפּ, ווי א רינג, פלאַמען די בליצען פון דונער.

א שווערד בלאַנקט אין איהר האַנד און אין דער אַנדערער לויכט א פאַקעל.

איהרע אויגען זיינען שטרענג, קאַלט און זוכען די זינד צו בעשטראָפען.

אָבער, ווי ווארים איז איהר צערטליכע ליעבע! ווי רייך איז איהר אוצר פון גליק! און ווי גוט איז זי צו דעם, וואָס וואגט, אָהן א ציטער, איהר גלייך אין די אויגען צו קוקען!

גערוישיג איז דער גאַנג פון דיעזער אייביג־יונגער מוטער פון דער מענשהייט!

אין איהר שטרעבען צושטערט זי אַלץ אין איהר וועג, אָבער א נייע צייט ווערט אויף די אַלטע רואינען געשאַפען.

דער שטורם וויינט און קרעכצט, ווען זי קומט. עס טרייס־לען זיך גרויזאַם די ווערק פון מענשען און ווערען צושאָטען, — און וואָלקענס פון שטויב פערדעקען מיט חושך די הימלען.

וואו נאָר איהר פוס טרעט, פאַלען אין חורבות פּאַלאַצען, און דאָס, וואָס דער קאַפּריז פון דעם מענשען האָט טויזענדער יאָהרען פאַנטאַסטיש געוועבט און געשאַפען, ווערט אין ברעק־לעך צופאַלען.

און זי געהט, די געטין, זי געהט און זי געהט, און דער זוים פון איהר קלייד קעהרט אָב דעם שטויב פון דעם חורבן.

און א גן־עדן פון גליק וואקסט אויס אויף דער וועלט, בעלויכטען מיט די שטראהלען פון דער ליעבליכער זון.

און פון דעם מענשליכען גייסט שפּראָצען די דופטענדע, פּרעכטיגע בלומען ארויס.

און עס שאַלען די ליעדער פון פרייד נאָך דעם טומעל פון דער בלוטיגער שלאַכט.

דער נייער נאַציאָנאַליזמוס

פון טעאָדאָר רוזוועלט

עקס־פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, געבאָרען אין 1858.

ווען מיר וועלען אין דער אמת'ען געבען פאָלקאָמע גלייכהייט אלע בירגער, וועלען מיר קומען צו צוויי גרויסע רעזולטאַטען:

ערשטענס, וועט דאַן הייסען, אז יעדער מענש וועט האָבען א גינסטיגע געלעגענהייט צו ענט־וויקלען אלץ, וואָס עס פערמעגען זיין גוף און זיין נשמה. ער וועט נים האָבען קיינע פערזענליכע פּריווילעגיען און וועט ניט זיין געשטערט פון די ספּעציעלע רעכטע פון אַנ־דערע. ער וועט דעריבער קענען דערגרייכען דעם העכסטען פּונקט, צו וועלכען זיינע פעהיגקייטען וועלען איהם נאָר קענען ברייגגען. און ער וועט קענען ערווערבען פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע דעם גרעסטען טייל פון זיין פערדיענסט.

צווייטענס, וועט דיעזע גלייכהייט אין די אומשטענדען ברייננגען צו דעם, אז די געזעלשאַפט וועט האָבען פון יעדע; איינציגען דעם גרעסטען נוצען, וואָס ס'ווט נור קענען געבען א פרייע בעגאַבטע נשמה פון א מענשען.

דער נביא

פון א. פושקין

(1799—1837)

גרויסער רוסישער דיכטער.

אידיש: י. קיסין.

כ'האב זיך געקווועלט פון דורשט נאך גאט,
און וויסט געשלעפט אויף טריעבע וועגן.
א שרף מיט זעקס פליגעל האט
ביים שייד־וועג זיך געשטעלט אנטקעגען.
מיט פינגער לייכטע, ווי א טרוים,
מיין אויג האט ער בעריהרט מיר קוים:
און מיינע שארפע בליקען שטארען,
ווי ביי אן אדלער אין געפאהרען.
מיין אויער האט זיין האנד דערפיהלט,
און ס'איז מיט קלאנגען אנגעפילט:
איך הער דעם הימעל אין זיין ציטער,
א מלאך'ס פליגעל אין זיין פלוג,
אין ים — די פיש אין שטילען צוג,
אין טהאל — דעם וואוקס פון טרויבען־ריטער;
ער האט זיך צו מיין מויל גענייגט,
בעפרייט מיך פון מיין צונג, וואס לייגט,
די שלויע, נארישע און שלעכטע,
און מיט דעם גיפטיג־שארפען שטיך
פון ווייזער שלאנג בעשאנקען מיך
האט זיין פערבלוטיגט האנד, די רעכטע;
זיין שווערד גענומען אין זיין האנד

און האָט מיין הארץ מיר אויסגעשניטען,
און אויף א קויהל, וואָס גליהט אין בראַנד,
האָט ער מיין ציטריג הארץ פערביטען.
ווי טויט געלעגען אויף דער ערד
בין איך, און האָב גאָט'ס רוף דערהערט:
„שטעה אויף, פּראָפּעט! דערקען מיין ווילען,
און הער, און זעה! אין יעדען אָרט,
וואו דו דיין שליחות וועסט ערפילען,
ברען מענשען'ס הערצער מיט מיין וואָרט!"

די פריידע, די לייד ענטשאפּטליכע פרייד, די זון, וואָס ווארימט אַלעם איצטיגע און קומענדיגע, די געטליכע פרייד פון'ם שאַפּענדען! נור אינ'ם שאפען און דעם שאפענדען איז פרייד; נור אין איהם איז לעבען, דאָס אמת'ע לעבען. אַלע איבריגע זיינען שאָטען־געשטאַלטען, וועלט־פּרעמדע, זעעלענלאָזע. אַלע פריידען פון לעבען זיינען פריידען פון שאפען; די גרויסע ליע־בע, געניאַליטעט, מוטיגע אַרבייט, — אַלעם גרויסע צינדט זיך אָן פון די פלאַמען, וואָס גליהען אויף אינ'ם הארצען פונ'ם שאפענדען.

ראָמען ראָלאַן.

פון וואָלט וויטמאַן

אַ הערליכע וועלט פון אַ נייער שעהנערער צוקונפט
פערשלייערט מיין בליק,
ווי אַ ענדלאָזער גאָלדענער וואָלקען, וואָס בלאָנדזשעט
אין אַ קלאָרען פאַרנאַכט....
די ריעזיגע וועלט — אונבעגרייפליכער וואונדער פון שאַפען!
איך זעה דיך ניט קלאָר אין דעם נעבעל,
וואָס האָט דיך אונזיכטבאַר
אין דעם רעטזעל פון צוקונפט פערדעקט.
איך פיהל. דיין פּראָפעטישע גרויסקייט —
איך פיהל, וואָס איז גוט און וואָס שלעכט;
און איך נעה דיר נאָך, ווי אַ שאָטען,
און איך זעה, ווי ווייטער און ווייטער דו שוועבסט...
איך זעה, ווי עס זינקען אין חושך די נעכטיגע טעג
איך פיהל, ווי ס'צוגעהט אין דיין פלאַמען דער היינט...
יא, טונקעל בלייבען שאָטענס און די ליכט שימערט העל אויף
דער ערד,
אָבער שווער צו דערקענען דיין פּנים.
און שווער צו פערשטעהן דיך —
דו ביזט אין דעם רעטזעל פון צוקונפט
פּראָפעטיש פערדעקט...
אַ הערליכע וועלט פון אַ נייער שעהנערער צוקונפט
פערשלייערט מיין בליק,
ווי אַ ענדלאָזער גאָלדענער וואָלקען, וואָס בלאָנדזשעט
אין אַ קלאָרען פאַרנאַכט...

נייע וועגען

פון וויליאם מאָרים.

(1834—1896)

ענגלישער דיכטער, אַרטיסט און סאָציאַליסט. האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער ענגלישער ליטעראַטור, און האָט פיעל גע־האָלפען צו מאַכען פּאָפּולער די שטרעבונגען פון די סאָ־ציאַליסטען.

עס איז מעגליך, אַז די קונסט וועט פערשווינדען, פערגעהן, אָבער עס איז אונמעגליך, עס איז אונגלויבליך, אַז זי זאָל קענען לעבען, קריכענדיג אויף אַלע פיער פאר׳ן רייכען מענשען און אויסלאָזענדיג דעם אָרימאַן.

פון ישעיה'ס רייד

און דער אויבערשטער וועט משפט'ן מיט גערעכטיגקייט די נויטבעדערפטיגע און וועט שלאגען די ערד מיט'ן שוים פון זיין מויל און מיט דעם הויך פון זיינע ליפען וועט ער דעם שלעכטען טויטען.

און מיט גערעכטיגקייט וועט ער אנגורטען די לענדען און מיט עהרליכקייט — זיינע היפטען.

און א וואלף וועט וואוינען צוזאמען מיט א שעפס, און א טיגער וועט ליגען נעבען א ציגעלע, און דער יונגער לייב און דאס פעטע רינד וועלען אלע זיין אינאיינעם און פיהרען וועט זיי א קליין קינד.

און א קוה און א בער וועלען זיך צוזאמען פיטערען און דער לייב וועט שטרוי עסען, ווי א רינד.

און א זויג־קינד וועט זיך שפילען מיט'ן פיפערנאטער, און דער גיפטיגער שלאנג וועט אן ערשט־אנטוואוינט קינד זיין האנד אריינשטעקען אין מויל אריין.

זיי וועלען קיינער קיין בייז ניט טהאן און קיין שאדען ניט טהאן איינער דעם אנדערען, ווייל מיט גערעכטיגקייט וועט זיין פערפלייצט די וועלט, אזוי ווי דאס וואסער פערגיסט דעם דעק פון ים.

*   *
*

* *
*

טייל דעם נויטבעדערפטיגען אויס פון דיין ברויט, לאז די אונטערדריקטע ארוים און צוברעכט יעדען יאך.

וועט דיר פארויס געהן דיין גערעכטיגקייט און דער הימ־לישער גלאנץ וועט בעגלייטען דיך.

וועסט רופען און דיר וועט געענטפערט ווערען, וועסט שרייען און ער וועט זאגען: איך בין דיינער. אבער דו מוזט אויסראטען יעדע אונטערדריקונג און זיין וואהר.

און דו וועסט אוועקגעבען דעם הונגעריגען דיין זעעל און די זעעל פון דעם אונטערדריקטען וועסט דו לאבען — וועט זיין ליכט אין דער שטאק־פינסטערניש אויפשיינען און דיין דונקעל־קייט וועט זיין העל, ווי דער גרויסער טאג.

און געזעטיגט וועט דיין זעעל ווערען און דיינע גליעדער געשטארקט. און זיין וועסט דו ווי אן אנגעטרונקענער גארטען און ווי א וואסער־קוואל, וואס איהרע וואסערען שעפען זיך ניט אויס.

* *
*

דאס איז מיין קנעכט, וועלכען איך האב דערהויבען; מיין אויסערוועהלטער, וועלכען מיין זעעל בעגעהרט. איך האב מיין גייסט אין איהם אריינגעטהאן און משפט'ען וועט ער די פעלקער.

ער וועט ניט שרייען און ניט טומלען, און ער וועט ניט לאזען הערען דרויסען זיין שטים.

א צושפאלטענעם שטעקען וועט ער ניט צוברעכען, א שוואַ־כען פלאקס־קנויט וועט ער ניט פערלעשען און וואהרהאפטיג וועט זיין משפט זיין.

און ניט מיד וועט ער ווערען און ניט אבגעשוואכט זיין האנד, ביז ער וועט ברענגען אויף דער וועלט גערעכטיגקייט; נאך זיין ווארט לעכצען אלע אינזלען און לענדער.

אַ בעגריסונג דער וועלט

פון וואָלט וויטמאַן.

אידיש: י. י. שווארץ.

דו, ווער דו זאָלסט ניט זיין!
דו, טאָכטער אָדער זוהן פון ענגלאַנד!
דו, פון די מעכטיגע סלאַווישע שבטים און קעניגרייכען! דו רוס
און רוסלאַנד!
דו שווארצער אפריקאנער מיט געטליכער זעעלע, פון דונקעלער
אָבשטאַמונג, גרויס, מיט שעהן געבויטען קערפער און
קאָפּ, בעשטימט צו גרויסקייט, אויף אַ גלייכען פוס
מיט מיר!
דו נאָרוועגער! שוועד! דענער! אויסלאַנדער!
דו שפּאַניער פון שפּאַניען! דו פּאָרטוגעזער!
דו פראַנצויז און פראַנצויזין פון פראַנקרייך!
דו בעלגיער, דו פרייהייט־ליעבהאָבער פון נידערלאַנד!
דו מוטהינער עסטרייכער, לאָמבארד, באָהעמיער, פויער פון
שטייערמארק!
דו, שכן פון דער דאָנוי.
דו ארבייטער פון רהיין, עלבע, אָדער ווייקסעל!
דו ארבייטערין אויך!
דו סאַרדיניער! באַוואריער! שוואָב, זאַקס! וואַלאַך, בולגאַר!
דו בירגער פון פּראַג! רוימער! נעאַפּאָליטאַנער, גריעך!
דו, בויגזאַמער מאַטאַדאָר אויף דער סעווילער ארענא!
דו, בערג־איינוואוינער, וואָס לעבסט אויסער'ן געזעץ אויפ'ן
טאורוס אָדער קאווקאַז!
פּערסיער, וואָס רייטסט אין פולען האסט אויפ'ן זאָטעל, שיסענ־
דיג פיילען אין ציעל!

דו, כינעזער און כינעזערין פון כינאַ! דו, טאַטער פון טאַטאַרען־
לאַנד!
איהר, פרויען פון דער ערד, אונטערוואָרפען אײַער ארבײַט!
דו, איד, וואָס וואַנדערסט אין הויכען עלטער טראָץ אַלע סכנות.
אבי אײנמאָל צו שטעהן אויפ'ן סירישען באָדען!
איהר, אַנדערע אידען, וואָס וואַרטען אין אַלע לענדער אויף אײַער
משיח!
דו, דענקענדער ארמעניער, פערטיעפט אין געדאַנקען אויף דעם
עופראַט'ס שטראָמען!
דו, פאַרשער פון די רואינען פון נִנוה! דו, וואָס שטײַגסט אויף
דעם באַרג פון אַררט!
דו, פּילגרים, מיט פערוואונדעטע פיס, וואָס בעגריסט דעם ווײַ־
טען פונק פון די מינאַרעטען פון מעקאַ!
איהר, שײַכען, אויף דער שטרעקע פון סועץ ביז באַב־על־מאַנדעב,
וואָס רעגירט אײַערע פאַמיליען און שבטים!
איהר, אוילבערט־פלאַנצער, וואָס ברענגט אויף אײַער פרוכט אויף
די פעלדער פון נצרת, דמשק, אָדער בײַם ים פון
טבריה!
דו, סוחר פון טיבעט, וואָס רײַזט ווײַט איבערן לאַנד, אָדער האַנ־
דעלסט אין די קראָמען פון לאַססאַ!
דו, יאַפּאַנעזער מאַן אָדער פרוי! דו, אײַנוואוינער פון מאַדאַ־
גאַסקאַר, צײַלאָן, סומאַטראַ, באָרנעאָ!
איהר אַלע לאַנד־בעוואוינער פון אזיען, אַפריקאַ, אײראָפּאַ, אויס־
טראַליען, אָהן אונטערשיעד פון פּלאַץ!
איהר אַלע פון די אונגעצעהלטע אינזלען פון דעם ים'ס ארכיפּע־
לאַגען!
און איהר, פון צוקינפטיגע דורות, ווען איהר הערט מיך צו!
און איהר, יעדער אײנער און פון איבעראַל, וועמען איך בעצײכען
ניט, דאָך שליעס איך אײַך אײן מיט אַלע אַנדערע!
אײַך! שלום צו אײַך אַלעמען — פון מיר אין אַמעריקאַ.
איטליכער פון אונז אונפערמײדליך;

איטליכער פון אונז אונבעגרענעצט — איטליכער פון אונז, מיט
זיין אָדער מיט איהר רעכט אויף דער ערד;
איטליכער פון אונז מיט דעם אייביגען ענדציעל פון דער ערד;
איטליכער פון אונז אזוי הייליג ווי אירגענד וועלכער אויף דער
ערד.

איך ווייס, מיין פריינד...

פון ברוך נ. טשארני.

געבארען אין דוקאר, מינסקער גוב. אין 1886. געקומען אין אמעריקע אין 1908. האט געדרוקט ליעדער אונטער פערשיע־דענע פסעוודאנימען.

איך ווייס, מיין פריינד, עס איז די שעה נאך ניט געקומען,
און ס׳שפיעלט זיך נאך אין וויעג דער צוקונפטיגער העלד;
נאך פוילען אין דער ערד די קערנער פון די בלומען,
וואס וועלען זוניג וויגען זיך אין צוקונפט׳ס פעלד, —
דאך בין איך לאנג שוין וואך און שטים אן הויך מיין לירע,
און שמיר מיט פעטען אויל מיין אלט־פערראסטען שווערד. —
איך ווייס, עס קרעהט דער האהן שוין באלד זיין מארגען־שירה,
א ראזער מארגען־נעבעל שפרייט זיך אויף דער ערד.
עי, שפינט זיך, וועבט זיך טרוימען, ס׳געהט א נייער מארגען,
אין זיינעם טראכט פערבארגען איז א יונגער גאט, —
איך זעה, ווי אויפ׳ן קבר פון די גרויע זארגען,
פיהרט אן דאס מארגען־גליק א פרעהליך קאראהאד!